STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00572

ZIKHROYNES

S. Sarkin

Permanent preservation of this book was made possible by
Ruth Miller Senior
in memory of
her parents, Nathan & Minnie Miller

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיהו זרחי (שאיקע זאַרקין)

זכרונות



די אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע און קאַנאַדע

באַנד איינס
אין דער אַלטער היים

פארלאג „וואָכנבלאט"
טאָראָנטאָ, קאנאדע, 1973

הילע און שער־בלאַט: אָסקאר ראָס

S. SARKIN

MEMOIRS

The Labour Movement in Lithuania and in Canada

VOLUME 1

IN THE OLD COUNTRY

Published by VOCHENBLATT
(Canadian Jewish Weekly)
Toronto, Canada, 1973

Printed in Canada

Address of author:

S. SARKIN
2210 West 40th Ave.
Vancouver 13, B.C., Canada

וועגן בוך און דעם מחבר

(פאָרוואָרט)

מיט דער דערשיינונג פון דעם בוך זכרונות פון ישעיהו זרחי, באַקאַנט צו טויזנטער קאַנאַדער אַלס שײַקע זאַרקין, ווערט טיילווייז פאַרריכט אַן ערנסטער בלויז אין דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג. זייער ווייניק ארבעטער־טוער האָבן אין משך פון פאַרלאָפענע יאָרן בא זיך גע׳פּועל׳ט אָפּצורייסן צייט, און אָפּשפּאָרן מי צו פאַרצייכענען אויף פּאַפּיר זייערע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען. דער בלויז איז אַן ערנסטער, שוין פּשוט צוליב דעם, וואָס אין משך פון די יאָרן פון פאַרשאַרפטן געראַנגל צווישן אָבסקוראַנטיזם און וועלטלעכקייט, און באַזונדערס אין די יאָרן פון פאַרשאַרפטן קאַמף צווישן לינקס און רעכטס האָבן קעגנערישע און פיינטלעכע עלעמענטן פּשוט געפעלשט וועגן די מעשים און ראָל פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות בכלל און אידישע רעוואָלוציאָנערן בפרט. ש. זאַרקינ׳ס זכרונות העלפן גלייכצושטעלן אמת׳ן. וואָס שייך דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג אין קאַנאַדע, וועט עס זיך באַשטעטיקן אינעם צווייטן באַנד פון די זכרונות, וואָס ש. זאַרקין האַלט איצט אין פאַרענדיקן שרייבן.

פאַר דעם אליין קומט דעם מחבר אַן עפנטלעכן דאַנק.

* * *

דער איצטיקער ערשטער באַנד איז וועגן דער אַלטער היים, און נאַטירלעך, וועגן דער געבורטס־שטאָט פון מחבר, די שטאָט ווילקאָמיר אין דער ליטע פון אָנהויב דעם איצטיקן, ברויזנדיקן יאָרהונדערט.

ס׳טוט גוט ש. זאַרקין, וואָס דעם ערשטן טייל פון בוך ווידמעט ער דעם בילדנעם לעבן פון די אַרבעטער און פאַראָרעמטע אונטערדריקטע מאַסן אין צאַרישן רוסלאַנד און רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון פאַר און נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון 1905. עס גיט דעם לייענער אַ געזונטן הינטערגרונט צו פאַרשטיין און באַגרייפן די היסטאָרישע באַדייטונג פון די לויפנדיקע און נאָכפאָלגנדיקע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן פאַר בייטן די פאַרשאָלטענע צאַרישע אָרדענונג, וואָס האָבן דערפירט צו דער הערלעכער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט געביטן דעם פּנים פון דער וועלט.

און אויך מיט באַשרייבן די טעטיקייטן פון אידישע רעוואָלוציאָנערן אין ווילקאָמיר, דערפילט ש. זאַרקין אַ וויכטיקע און נויטיקע מיסיע היינ־

טיקע צייטן. ער פארפיקסירט אמת'ן, וואָס אין געוויסע קרייזן באמיט מען זיך צו פארבליאקעווען, וועגן דעם קאָלאָסאַלן בייטראַג פון טויזנטער און טויזנטער אידישע רעוואָלוציאָנערן אין הונדערטער ווילקאָמירס איבער דער לענג און ברייט פון צאַרישן רוסלאַנד.

לייענט פאָרזיכטיק, וואָס דער מחבר דערציילט וועגן די אידישע באַל־מעלאָכעס, וועגן דער אידישער אָרעמשאַפט, און אפילו קליינבירגערטום אין זיין ווילקאָמיר. פון יעדער שורה לייענען מיר ארויס:

דאָס האָבן מיר, קינדער פון אידישער אָרעמשאַפט, זין און טעכ־טער פון אידישע באַלמעלאָכעס, און אפילו פון באַלעבאַטישע משפחות געבראַכט ניט נאָר דעם שאַל־רוף פון קאַמף קעגן דער ברוטאַלער צאַרי־שער מאכט, קעגן די אנטיסעמיטן און פאָגראָמשטשיקעס, נאָר זיך באַ־העפט מיט דעם ארבעטער־קלאַס אינעם מאַרש־פאָראויס צו א נייער סאָציאַלער אָרדענונג. דאָס האָבן מיר, אידישע קינדער פון באַד־גאַס, פון מצרים־גאַס געפירט קאַמפן פאַר א בעסער לעבן פאַר די אידישע מאַסן, פאַר די פאַראָרעמטע אונטערדריקטע פויערים און פאַר א נייער פרייער ליטע, ווי פאַר א נייער רוסלאַנד בכלל!

און עס שיינט ארויס פון זאַרקינ'ס באשרייבן דאָס „אידישע ווילקאָמיר" א זייער לויבנסווערטיקער פאַקט: באַנאַנד מיט די קאַמפן צו אָרגאַניזירן ארבעטער אין פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (טרעיד־יוניאָנס) און געווינען פאַר זיי בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען; באַנאַנד מיט רעוואָלוציאָנערע אַקטן, איז געגאַנגען זאָרגזאַמע אידישע קולטור־טעטיקייט. דער דאָן נאָך גאָר יונגער שאַיקעלע, איז איינצייטיק געווען א מיטגליד און טוער אין דער אונטערער־דישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און סעקרעטאַר פון דער „קולטור־ליגע"; האָט זיך אקטיוו באַטייליקט אין אידישע קולטור־טעטיקייטן. עס איז אַ פעסט־געשטעלטער פאַקט, אז די רעוואָלוציאָנערע אידישע יוגנט און אידישע אר־בעטער־טוער אין דער אַלטער היים האָבן אויף זייערע פּלייצעס געטראָגן דעם עול און די פליכטן פון בויען און שטאַרקן די אידישע וועלטלעכע קול־טור. (דאָס איז אויך אמת, וואָס שייך דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג אין קאַנאַדע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער מיט מאַסן אידישע אימיגראַנטן, באַזונדערס פון זינט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה).

עס זיינען אויך פאַראַן וויכטיקע לעקציעס פאַר אונז מיליטאַנטישע ארבעטער אין ש. זאַרקינ'ס זכרונות. זינט דער אַנטשטייאונג פון דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג האָבן מאַרקסיסטן כסדר פאַר זיך די פּראָבלעם

פון באנוצן זיך מיט א ריכטיקער טאקטיק צו געווינען די מאסן פאר פראָגרעס, אָפּרייסן זיי פון די רעאַקציאָנערע כוחות און זיי שטעלן אין באוועגונג קעגן די ווירקלעכע שונאים. זארקין גיט אונז מוסטערן פון קאמף, אין יענע יאָרן, קעגן דאָגמאטיזם, קעגן פארגליווערטע שטעלונגען און האנדלונגען, וואָס שטימען נישט מיט דער ווירקלעכקייט. לויענט דעם מוסטער, ווי אזוי א דאנק א ריכטיקער טאקטיק, א מענטשלעכן צוגאנג, האָבן אפילו די מער פארמעגלעכע אידן באהבה אָנגענומען ארויפגעלייגטע קאָנטריבוציעס אין דעם קורצן פעריאָד פון דער סאָוועטישער מאכט אין ליטע.

עס זיינען אויך וויכטיק די טיילן אין בוך, וואו עס ווערט איבערגעגעבן וועגן וויכוחים אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג איבער טאַקטיק און סטראטעגיע, וועגן פּאָליטישע שריט באזירט אויף לענין׳ס לערע און טאטן.

* * *

אין מיין פאָרוואָרט האָב איך זיך נישט געשטעלט די אויפגאבע פון שאצן די קוואליטעט פון ש. זארקינ׳ס שרייבן. עס איז נישט קיין רעצענזיע פון בוך. דאָך בעט זיך צו דערמאָנען, אז זארקינ׳ס אופן, זיין סטיל פון באשרייבן יחידים, אידן פון זיין שטאָט, מענטשן אין דער ארבעטער־באַוועגונג, איז דורכאויס איינגארטיקער, פאָלקיש־קערנדיק. דאָס בארייכערט אומגעהויער דעם בוך אויך ליטעראריש.

דאָס זיינען אלץ די מעלות פון ש. זארקינ׳ס ערשטן באנד זכרונות. מ׳קאָן אָן ספק פאָראויסזאָגן, אז דער צווייטער באַנד — וועגן דער ארבעטער־באוועגונג אין קאנאדע — וועט מיט זיך פאָרשטעלן א וויכטיקן צושטייער צו דער געשיכטע ניט נאָר פון דער אַלגעמיינער באוועגונג, נאָר אויך וואָס שייך דער אידישער ארבעטער־באוועגונג באַ אונז אין לאנד.

שאיקע זארקין איז איינער פון די אידישע רעוואָלוציאָנערע טוער, וואָס האָט ממש פון די ערשטע טעג, וואָס ער האָט באטראָטן קאנאדער באָדן זיך באהעפט מיט דער ארבעטער־באוועגונג. ער איז אלע יאָרן אין קאנאדע נישט גלאַט א צושויער. ער איז זינט א סך יאָרן אַן אָרגאניזאַטאָר און לעקטאָר, און זשורנאליסט. זיינע דערפארונגען אלס רעוואָלוציאָנער פון דער אלטער היים, נאָך אלס יונגער אינגל, האָט ער געשטעלט צודינסט דעם קאנאדער ארבעטער־קלאַס. טאַקטיק און סטראטעגיע, באזונדערס אין דער טרעיד־יוניאָן באוועגונג, און ניט אויפן חשבון פון זיינע מארקסיסטישע איבערצייגונגען, איז זינט יאָרן שאיקע זארקינ׳ס הויפט באַרוף. ער האָט זיך א דאנק דעם פארדינט חשיבות און אָנערקענונג אפילו מצד פּאָליטישע קעגנער אין דער ארבעטער־באוועגונג.

און נאָך א פּונקט איז וויכטיק צו אונטערשטרייכן. ווי א סך אנדערע יוגנטלעכע, וואָס האָבן עמיגרירט קיין קאַנאַדע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און טאַקע נאָר די וואָס האָבן זיך באהעפט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין זייער נייער היימלאַנד, האָבן זיך אַמשנעלסטן אַקלימאַטיזירט, זיך גאָר גיך קאַנאַדיזירט. די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים, א זייער נאַטירלעכע נאָסטאַלגיע, ווייל אַזוי פיל איבערגעלעבט אי אלס רעוואָלוציאָנער, אי אלס איד, איז זאַרקינ'ען נישט געשטאַנען אין וועג פון ווערן א פולשטענדיקער קאַנאַדער. זיין רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגנהייט האָט אים אויף גיך פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דעם קאַנאַדער אַרבעטער־קלאַס, מיטן קאַנאַדער האַרעפּאַשניק, מיטן קאַנאַדער פאָלק.

און פּונקט ווי אין דער אַלטער היים, האָט זיך ש. זאַרקין באַנאַנד מיט זיינע טעטיקייטן אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג פון קאַנאַדע געגעבן א רוק־אַרויס אלס וואַרטפולער אידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער. ווייל פּונקט ווי אין ווילקאָמיר האָט ער אויך דאָ אין קאַנאַדע, פריער אין מאָנטרעאַל און די לעצטע יאָרן אין וואַנקואַווער, געפילט זיין חוב צו העלפן טראָגן דעם עול און דערפילן די פליכט פון בויען און שטאַרקן די וועלטלעכע אידישע קולטור.

אויך דאָס איז איינע פון די וויכטיקע לעקציעס פון דעם ערשטן באַנד פון ש. זאַרקינ'ס זכרונות.

* * *

די ווידמונג פון בוך איז אויך פון באַזונדערן באַדייט. נישט בלויז דער זרחי־משפּחה, זיין לעבנס־באַגלייטערין שרה'קע, זיינע סאָציאַליסטישע לערער און חברים פון דער יוגנט איז דער בוך געווידמעט, נאָר דער עיקר — דער אידישער ליטווישער שטאָט ווילקאָמיר, וואָס האָט איצט „אפילו ניט אויף א רפואה קיין איין־איינציקן איד פון די 12 טויזנט", וואָס האָבן אַזוי גאָר־נישט לאַנג צוריק באַוואוינט און באַלעבט די שטאָט.

זייענדיק מיט טויזנטער פעדים פאַרבונדן מיטן אידישן ישוב פון זיין געבוירנשטאָט, שטעלנדיק דאָרט זיינע ערשטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טריט, זייענדיק א טייל פון דעם וויברירנדיקן אידישן קולטורעלן לעבן דאָרטן, — וויינט אַרויס פון שאַיקע זאַרקין דער בראָך, וואָס האָט געטראָפן אונזער פאָלק בימי היטלער, ימח שמו, די פאַרניכטונג פון א דריטל פון אונזער פאָלק — א פאָלק, וועמעס בעסטע זין און טעכטער האָבן אַזוי פיל צוגע־טראָגן צו דעם אוניווערסאַלן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר א נייער סאָציאַלער אָרדענונג, פאַר סאָציאַליזם.

שאיקע זארקינ׳ס בוך זכרונות, דער ערשטער באנד וועגן דער אלטער היים, איז א הערלעכער מאָנומענט ניט נאָר פאר זיין אייגענעם ווילקאָמיר, נאָר פאר פיל אַנדערע אזעלכע שטעט און שטעטלעך.

*　*　*

א צושטייער פון באדייטנדיקן ווערט אין די ארבעט פון לייבל באסמאן וועגן ווילקאָמיר נאָך שאיקע׳ס פארלאָזן די שטאָט צו באזעצן זיך אין קאַנאדע. עס באווייזט, אז די זוימען פארזייט דורך די שאיקעס, די לעווינס, די גאָרדאָנס און פיל אַנדערע רעוואָלוציאָנערע טוער האָבן געגעבן גערא־טענעם שניט.

—י. גערשמאן

געווידמעט:

- דער אידישער ליטווישער שטאָט ווילקאָמיר, קאָוונער גובערניע;
- דער פאַמיליע זרחי — די לעצטע מאָהיקאַנער;
- מיין לעבנס באַגלייטערין שרה'קען;
- מיינע סאָציאַליסטישע לערער: אישיע לעווין, סארא גאָרדאָן און אליהו הזקן;
- מיינע יוגנט־חברים פון דער ווילקאָמירער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אומגעבראַכט דורכן היטלעריזם;
- די שטאָט ווילקאָמיר (אוקמערגע), וואָס האָט איצט אַפילו ניט אויף אַ רפואה קיין איין־איינציקן איד פון די געוועזענע 12 טויזנט.

אינהאַלט

ווענן בוך און דעם מחבר — פאַרוואָרט — — — — — — — — י. גערשמאַן

ערשטער טייל — צאַרישע רוסלאַנד אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

1904—1905 1914—1917 — — — — — — — — — — — 7
אומבאַשרייבלעכע לאַגע פון פויערים אונטערן צאַריזם — — — — — 7
דאָס לעבן און די באַדינגונגען פון אַרבעטער־מאַסן — — — — — — 8
„הייליקער" בונד, ראָל פון דער קירכע אין שטאַט — — — — — — 9
די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה — — — — — — — — — — — 10
די רעזולטאַטן פון דער מלחמה —
דאָס פאָלק ליידט און גייט אָפּ מיט בלוט — — — — — — — 13
רעוואָלוציע פון 1905 און דער בלוטיקער זונטיק — — — — — — 14
העראָאישער קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן — — — — — — — 15
די רעוואָלוציע דערשטיקט: נאָכוויינישן און
שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס — — — — — — — — — 15
דעמאָראַליזאַציע פון דער אינטעליגענץ — — — — — — — — 19
לענין ווייזט דעם וועג — — — — — — — — — — — — 20
שלוסן און לערע פון 1905 — — — — — — — — — — 21
פּראָלעטאַרישער חוש און איניציאַטיווע — — — — — — — — 23
הינטערשטעליקייט פון דער פּירערשאַפט — — — — — — — — 24
די רעוואָלוציאָנערע אידישע אַרבעטער פּירערשאַפט אין ליטע — — 25
טעטיקייט און איינפלוס פון „בונד" — — — — — — — — — 25
הירש לעקערט — לעגענדאַרער העלד — — — — — — — — 26
די 1905 רעוואָלוציע אין ליטע — — — — — — — — — 27
די העראָאישע קאַמפּן אין 1907 — — — — — — — — — 28
ריזיקער פאַרנעם פון די אַרבעטער־קאַמפּן — — — — — — — 30
פון באַרג־אַראָפּ גאַנג צו באַנייטן קעמפערישן וועג — — — — — 31

צווייטער טייל — טייערע מאַמע ליטע — לאַנד פון מיין קינדהייט און מיינע יונגע יאָרן

די שטאָט ווילקאָמיר — — — — — — — — — — — — 35
ווילקאָמירער אידן — טיפּישע ליטוואַקעס — — — — — — — 37
עקאָנאָמישע באַזע און פּרנסה פון שטאָט — — — — — — — 38
משפחה הינטערגרונט; מיינע קינדער־יאָרן — — — — — — — 39
די קינדער־יאָרן — — — — — — — — — — — — — 41
„אַמעריקאַנער הויף" און דער „הייפּישער באַרג" — — — — — — 43
די באַלעגאָלישע קלויז און עליע הזקן — — — — — — — — 44
דער פעטער יאַנקל און זיין טאָכטער שיינע — — — — — — — 46
די „יעווריסקאַיע אוטשילישטשע" און דער בית הספר — — — — — 48

די רוסישע שפּראַך — דער טויער צו די קלאַסיקער — — — — — — — 50
מיין „רבי" אישיע לעווין — — — — — — — — — — — — — 52
באַזוך אין עטלעכע ליטווישע דערפער — — — — — — — — — — 54
די באָבע און דער זיידע — — — — — — — — — — — — — 58
שול־יאָרן און אַנטוויקלונג — — — — — — — — — — — — 62
מיין אינגל־חבר כאַצקע באַסמאַן — — — — — — — — — — 63
די נייע דרשה אין דער באַלעגאַלישער שול — — — — — — — — — 64
שרה'קעלע ריקלאַנסקי — — — — — — — — — — — — — 65
יאַשקע ברוק; אַנדערע נייע באַקאַנטע — — — — — — — — — — 66
טונקעלע וואָלקנס — — — — — — — — — — — — — — 68
אישיע לעווין טייטשט אויס די אַרמיי־מאַנעוורעס — — — — — — — 69
מיין טאַטע קומט אַהיים פון קאַנאַדע — — — — — — — — — — 70
דער זיידע ווערט ערנסט קראַנק — — — — — — — — — — — 73
סאַרא גאָרדאָן — — — — — — — — — — — — — — — 74
מיכל גאַרבער — אַלטער רעוואָלוציאָנער — — — — — — — — — 76
אויסברוך פון מלחמה און מאָביליזאַציע — — — — — — — — — 77
גירוש אידן פון קאָוונער גובערניע — — — — — — — — — — 78
אין בייזדאַן אויפן וועג צו ווילנע — — — — — — — — — — 81
ווילנע — ירושלים ד'ליטא — — — — — — — — — — — — 82
אַיין אומגליק נאָכן צווייטן — — — — — — — — — — — — 85
אין צייט פון דער בלוטיקער מלחמה — — — — — — — — — — 86

בילדער פון דער היים

האַרבסט 1915 אין ווילנע — — — — — — — — — — — — 87
ווילנע אונטער דייטשישער אָקופּאַציע — — — — — — — — — — 90
מיר פאַרנעמען זיך צוריק אין ווילקאָמיר — — — — — — — — — 91
וויאַזוי מאַכט מען אַ לעבן — — — — — — — — — — — — 93
די ערשטע שריט — — — — — — — — — — — — — — 93
דאָס נייע לעבן און אויסלעבן זיך — — — — — — — — — — — 95
מיין חלום און פאַרלאַנג ווערט פאַרווירקלעכט — — — — — — — — 97
פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פאַרטיי אין ווילקאָמיר — 100
מיטגלידערשאַפט און איינפלוס — — — — — — — — — — — 103
די יאַשונסקיס, זייער היים — אַן אָפענע טיר — — — — — — — 104
די עטלעכע יאָר פון דייטשישער אָקופּאַציע — — — — — — — — 106
עליע הזקן — אַ למדן און חכם — — — — — — — — — — 109
רב הערשל צבי זעלדאָוו — — — — — — — — — — — — 110
אויפן שוועל פון דער פעברואַר רעוואָלוציע — — — — — — — — 111
רעוואָלוציאָנערער קלוב שאַצט אָפּ אַנטוויקלונגען — — — — — — — 113
עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קריזיס פאַרטיפט — — — — — — — 114
אָפּקלאַנג פון דער רעוואָלוציע אין דער אָקופּירטער ליטע — — — — 116
די היסטאָרישע דעקלאַראַציע פון דער סאָוועטן־רעגירונג פאַר שלום 118

ברעסט ליטאָווסק; שלום פּאַרהאַנדלונגען — — — — — — — — — 120
רעוואָלוציאָנערע אומרועז; שטימונגען אין לאַנד — — — — — — 122
אָפּקלאַנג אין אָקופּירטער ליטע און ווילקאָמיר — — — — — — — 124
„שימעלע" — שמעון כהן — — — — — — — — — — — — — 126
„הייליקער דריילינג" דערטרינקט רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אין בלוט 127
אויפן שוועל פון סאָוועטן־מאַכט אין ליטע — — — — — — — — 128
דייטשישער אָקופּאַציע־גאַרניזאָן קלייבט זיך אַרויס פון שטאָט — 130
דער דייטשישער גאַרניזאָן פּאַרלאָזט — — — — — — — — — — 132
אונזער זעלבסט־שוץ בריגאַדע נעמט איבער די וואַך — — — — — — 133
„רעווקאָם" — פּעריאָד פון סאָוועטן־מאַכט — — — — — — — — 135
ווילקאָמירער „רעווקאָם"; אָנהויב פון אַ ניי לעבן — — — — — — 137
די פּאָליטישע רעוואָלוציע; נייע אויפגאַבן — — — — — — — — 140
פּאַרקריפּלונג פון רעוואָלוציאָנערע נאָרמעס — — — — — — — — 141
דער שלום אָפּמאַך פון ווערסאַי; קאָנטער־רעוואָלוציע אין ליטע — — 145
ניסים ונפלאות פון אַ ישיבה־בחור — — — — — — — — — — — 147
די „באַפרייער פון קאָמוניזם" — סמעטאָנאַס באַרבאַרישער לעגיאָן — 148
צווישן חשבונות פון די אַליאירטע מלוכות און די סמעטאָנאַ־רעגירונג 151
עפּנטלעכע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט ווערט פאַרשטאַרקט — — — — 153
מיין האַנדלונג ווערט באַהאַנדלט אין קלוב — — — — — — — — 155
אַ לצנות ווערט אַן ענין — — — — — — — — — — — — — 156
אַ קאָמאַנדיראָווקע אין שאַוול — — — — — — — — — — — 157
באַרבאַרישער מאָרד פון פינף רעוואָלוציאָנערן — — — — — — — 159
אין די לאַפּעס פון סמעטאָנאַ־אַגענטן; ווי איך ראַטעווע זיך אַרויס — 160
פאַרבינדונג מיט משפּחה אין קאַנאַדע באַנייט — — — — — — — 164
„זשוואַלגיבאַ"־אַבלאַוועס באַשליסן מיין פאַרלאָזן ליטע — — — — — 165
מיט די רעוואָלוציאָנערן ראַמדין און אַמדורסקי — — — — — — — 167
קאָוונע און בערלין — — — — — — — — — — — — — — 168
בערלין — דאָס האַרץ פון דייטשלאַנד — — — — — — — — — 169
אין אַנטווערפּן, בעלגיע — — — — — — — — — — — — — 174
לעצטע סטאַנציע — ליווערפּול, ענגלאַנד — — — — — — — — 176
ליווערפּולער דאָקטאָר שאַצט אָפּ די לאַגע — — — — — — — — 177
מיר פאַרלאָזן ליווערפּול — — — — — — — — — — — — — 179
ווילקאָמירער נעמען און צונעמענישן — — — — — — — — — 181
מיין לאַנדסמאַן שאיקע זאַרקין און
מיין היימשטאָט ווילקאָמיר — — — — — — — — — — לייבל באַסמאַן

ערשטער טייל

צאַרישע רוסלאַנד
און אָנהויב
פון גורל־פּוילן
צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

1904־1905 — 1914־1917

די אָנהויב־יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט האָבן אַריינגעבראַכט די עפּאָכע פון מלחמות און רעוואָלוציעס — אַן עפּאָכע, וואָס האָט אַ טרייסל־געטאָן דעם פונדאַמענט פון דער הערשנדיקער קאַפּיטאַליסטישער אימפּעריאַליסטישער וועלט. אין אַ קורצן פּעריאָד פון 12־13 יאָר זיינען צעשמעטערט געוואָרן אַ ריי איינגעפונדעוועטע אימפּעריעס: די עסטרייך־אונגאַרישע, די דייטשישע, די טערקישע און די צאַרישע. די היסטאָרישע ענדערונגען האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער יאַפּאַניש־רוסישער מלחמה אין 1904, באַגלייט פון דער 1905 רעוואָלוציע אין צאַרישן באַרבאַרישן רוסלאַנד; די באַלקאַן־מלחמה אין 1912, און די וועלט־מלחמה 1914־1918, באַגלייט פון דער פּעוורואַל־רעוואָלוציע אין 1917, נאָכגעפאָלגט מיט דער היסטאָרישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה און די רעוואָלוציע אין 1905, האָבן אויפגעדעקט די דעגענעראַציע, פאַרפוילטקייט, קאָרופּציע און דעספּאָטיזם פון דעם קאַפּיטאַליסטישן זשאַנדאַרם פון אייראָפּע — דעם צאַריזם. די נאַקעטע אימפּעריאַליסטישע מאָטיוון פון דער מלחמה: באַהערשן און קאָלאָניזירן נייע פעלקער, אָנפילן פאַרטאַכלעוועטע אוצרות אָנשטאָט צו אַנטוויקלען און אויסנוצן די אייגענע נאַטירלעכע רייכטימער פאַר די אינטערעסן פון לאַנד און פאָלק. די מלחמה איז פאַר דעם דעספּאָטישן צאַריזם אויך געווען אַ מיטל צו האַלטן די אומצופרידענע, אומרואיקע מאַסן אין צוים און שקלאַפעריי, לאָזנדיק דעם פיל־מיליאָניקן המון אָפּגיין אין בלוט. די חשבונות האָבן אָבער געפּלאַצט. די עקספּלואַטירטע אַרבעטער, די מאַסן אונטערדריקטע פּויערים, שקלאַפן און האָרעפּאַשניקעס האָבן אָפּן רעוואָלטירט. עס איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע פון 1905. מיט דער פינאַנציעלער הילף פון דעם אייראָפּייִשן אימפּעריאַליזם האָט זיך דעם צאַרישן רוסלאַנד איינגעגעבן צו דערשטיקן דעם ערשטן העראָאישן מאַסן־רעוואָלט. אָבער ניט אויף לאַנג, ווי די געשיכטע האָט עס אין אַ קורצער צייט פאַרצייכנט. די באַרבאַרישע בלוט־באָד, וואָס דער צאַריזם האָט דורכגעפירט, בכדי צו דערשטיקן די רעוואָלוציע פון 1905, האָט ניט געלייזט קיין פּראָבלעמען און ניט אָפּגעשאַפט די גרונט־סיבות, וואָס רופן אַרויס רעוואָלטן און ברענגען רעוואָלוציעס — ליידן, נויט און אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען.

אומבאַשרייבלעכע לאַגע פון פּויערים אונטער צאַריזם

אונטער צאַריזם האָבן צענדליקער מיליאָנען פּויערים געפירט אַ מיזערנעם לעבן, געזשיפּעט אין אַ טיפן ים פון פינצטערניש, שמוץ און הונגער,

זייענדיק פאַרשקלאַפט דורך די גרויסע פעאָדאַלע פּריצים. די ריזיקע מאַסע פּויערים אין די דערפער איז געווען איזאָלירט דורך דער אָפּוועזנהייט פון וועגן צו די שטעט און שטעטלעך. די וועגן צו די דערפער זיינען, אין מער־סטע פאַלן, געווען שמאָלע פּאַסן פון טיפע בלאָטעס, שווער פאַר די אויס־געמאַטערטע מאָגערע פּויערשע פערדלעך צו קאָנען די בלאָטעס דורכשפּרייזן. אין געוויסע צייטן פון יאָר האָבן די בלאָטעס פולשטענדיק איזאָלירט די דערפער. די גרופּקעס כאַטעס, אויסגעלייגט אין אַ קרייז, האָבן זיך געבאָדן אין בלאָטע אַרום די קרענעצעס און לוזשעס. אַרום די כאַטעס קיין סימן פון אַ בוים, אַ וועלדל — בלויז ווייט־ציענדיק פלאַכלאַנד. באַ די קרענעצעס און לוזשעס האָבן די מאָגערע בהמות אָנגעפילט די אַרומיקע, אַזוי־אויך שמוציקע לופט מיט אַ שטונק, וואָס האָט זיך דערטראָגן ביז אין די כאַטעס אַריין.

אינעווייניק איז די פּויערשע כאַטע געווען אָפּגעלאָזן, שוואַרץ פון רויך און פייער פון דעם גרויסן אויוון. דעם באַגרענעצטן שטח פונעם איינציקן צימער, האָט די פּויערים־משפּחה געטיילט מיט אַ חזיר׳ל, אַ ציגעלע; אַנ־דערע מיט אַ פּאָר גענדז און אַ קו, וואָס מען האָט אַריינגעבראַכט זיך אָנ־צוואַרעמען אין פראָסטיקע טעג און נעכט. די, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ פּאָר בהמות, זיינען געווען פאַררעכנט אַלס רייכע פּויערים. אויסער די בהמות זיינען אין די כאַטעס געווען אויך אַנדערע שכנים: וואַנצן, פליי, פליגן און אינזעקטן מכל המינים. פּיצלעך קינדער, וואַלגערנדיק זיך אויף דער פּאָד־לאָגע שמוציקע, מיט אַ בולבע אין איין הענטל און מיט צווייטן הענטל זיך געשמאָרעט אין מיסט אויף דער פּאָדלאָגע. די בערד און וואָנצעס פון די דערוואַקסענע — אַ נעסט פאַר אַלערליי אינזעקטן. עס איז נישטאָ קיין איין ליידיק ווינקל אין דער כאַטע, און איר וואונדערט זיך: וואו לייגט מען זיך דאָ שלאָפן? איין פּלאַץ איז פאַרבליבן — דער אויוון. די לופט אין דער כאַטע איז פון אַ ספּעציפישן שוידערלעכן גערוך, ממש דערשטיקט צו ווערן.

„אין יאָרן פון גוטע גערעטענישן הונגערן די פּויערים, און אין יאָרן פון שלעכטע גערעטענישן גייען זיי ממש אויס פון הונגער.״ אַזוי באַשרייבט מענשיקאָוו אין זיינע צוויי ביכער — „בריוו צו שכנים״ און „די צילן פון רוסלאַנדס נעכטן און היינט״ — די לאַגע און דעם אַרט־לעבן פון די פּויע־רים אין צאַרישן רוסלאַנד. (פון מ. אַלגיניס „די נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע״.)

דאָס לעבן און די באַדינגונגען פון אַרבעטער־מאַסן

דער אַרט־לעבן פון די ברייטע אַרבעטער־שיכטן און די לעבנס־באַדינג־ונגען פון די האַרפּאַשניקעס איז ניט געווען בעסער און אָפט נאָך ערגער, ווי די פּויערים מאַסן. אין די יאָרן קורץ פאַר דער רעוואָלוציע פון 1905, האָט די מאָסקווער שטאָט־אַדמיניסטראַציע דורכגעפירט אַן אונטערזוכונג וועגן

די וואוינונגען, און הויז־באַדינגונגען פון די מאָסקווער פאַבריק־אַרבעטער אין יאָר 1899. די פאָרשונג האָט אַרומגענומען 15,922 הייזער און וואוינונגען אין די געגנטן און קווארטאַלן פון מאָסקווע, וואו עס האָבן געוואוינט 174,622 אַרבעטער מיט זייערע משפחות. די פאָרשונג האָט געוויזן: דריי־פערטל פון די וואוינונגען זיינען געווען איין־צימערדיקע, די איבעריקע צוויי־מער־ווינקלען און שטאָלן. די איינצל־צימערן, געפּאַקט מיט מענטשן ממש ניט מעגלעך זיך אַ דריי־צו־טאָן. נידעריקע אַריינגאַנג־טירן. די „פּאָטאָלאָקן" (סטעליעס) אַזוי נידעריק, אַז ס'איז ניט מעגלעך פאַר דערוואַקסענע זיך אויסצוגלייכן, נאָר שטיין איינגעבויגן. אַלץ אין אָט־די „וואוינונגען" מאַכט אויף אייך אַ שרעקלעכן איינדרוק. די וואַפּנע פון די ווענט האַלט אין איין קרישלען זיך און פאַלן. די פאַראורזאַכטע לעבער זיינען פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס. די צימערן באָדן זיך אין שמוץ. די אויוונס — אין אַ הילפלאָזן צושטאַנד, אַפילו שוין ניט ווערט אַרויסגעוואָרפן צו ווערן. קאַלטע ווינטן בלאָזן פון אַלע זייטן. די פלאָג וואַנצן און אַנדערע אינזעקטן — ניט איבערצוטראָגן. די לאַוואַטאָריעס אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. קינדער ווערן צו זיי ניט צוגעלאָזט. דער גערוך — אַ געמיש פון פייכטע ווענט, פּאַרע, שמוציק פאַרפוילט בעטגעוואַנט, טוכלע קליידער. ווען עס רעגנט, זיינען די פּאָדלאָגעס באַדעקט מיט צוויי אינטשעס וואַסער. ס'איז צו שטוינען, ווי אַזוי מען קאָן לעבן אין אַזעלכע באַדינגונגען.

(אין אַלגיניס בוך „די נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע", זייט 16.)

„הייליקער" בונד; ראָל פון דער קירכע און שטאַט

דער צושטאַנד פון די מיזעראַבעלע באַדינגונגען פון די אַרבעטער־מאַסן, פּויערים און ברייטע אָרעמע פאָלקס־שיכטן, געפּענטעטע פון אונטערדריקונג, איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אונטער אַלע אומשטענדן דורך אַ „הייליקן" בונד צווישן דער היעראַרכיע פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע און דעם צאַרישן דעספּאָטישן אַריסטאָקראַטישן קלאַס. דער צאַריזם האָט געפאָדערט פולשטענדיקע אונטערטעניקייט צו דעם „צאַר באַטיושקאַ" און דער הייליקייט פון דער קירך. די קירך־היעראַרכיע האָט געלערנט פולשטענדיקע געהאָרכזאַמקייט. די הויפּט־אויפגאַבע איז פאַר אַלעמען צו דינען דעם גאָט־געזאַלבטן פּאָטערל, דעם „צאַר באַטיושקאַ". זי האָט געהאַלטן אַ שאַרף אויג אין די דערפער און די שטעט קעגן די מינימאַלסטע שפּורן פון ליבעראַליזם אין אירע רייען, דערשפּירנדיק סימנים פון אומצופרידנקייט צווישן די פּויערים אין די דערפער, צווישן די האָרעפּאַשנע מאַסן אין די שטעט און שטעטלעך. יעדער שפּור פון ליבעראַליזם איז מאָמענטאַל פאַרדאַמט געוואָרן. פאַרדעכ־

טיקטע אין די רייען פון דער קירך־היעראַרכיע זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין מאָנאַסטירישע טורמעס.

בכדי אָנצוהאַלטן און פאַרזיכערן די פינצטערניש אין וועלכער די רוסישע מאַסן האָבן זיך געפונען, האָט סיי די קירכע, סיי די צאַרישע היעראַרכיע אַרויסגעוויזן אַ ספּעציפישע אָנטריסטונג קעגן די מינימאַלסטע פאַרזוכן מצד ליבעראַלן צו ברענגען בילדונג אין די דערפער, שטעטלעך און גרעסערע שטעט. בילדונג בכלל, און וואָסער ניט איז פאָרעם, פאַר די פּשוט'ע פאָלקס־מאַסן האָט דער צווילינג, די קירכע און צאַריזם באַטראַכט פאַר דער גרעס־טער זינד, די סיבה פון אַלע צרות. דאָס זעלבע וועגן איינשטעלן „זעמסט־וואָס" אָדער וועלכן ניט איז אַנדער דעמאָקראַטישן אויסדרוק אויסער די ראַמען פון דער קירכע. דער זעלבער צוגאַנג האָט זיך באַצויגן לגבי ציווילע רעכט, אָרגאַניזאַציע, פאַרזאַמלונגען, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פרייהייט פון וואָרט און פּרעסע. ספּעציעל פאַרבאָטן זיינען געווען אַרבעטער פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס). די, וואָס זיינען פאָרמירט געוואָרן, זיינען געווען אונטערערדישע, אומלעגאַלע.

די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה

די מיליאָנען פּויערים אין די דערפער, די אַרבעטער און ברייטע פאָלקס־מאַסן אין די שטעט — די מערהייט פון רוסישן פאָלק, האָט זיך געמאַטערט אין אַ ים פון אומענטשלעכע מיזעראַבעלע באַדינגונגען און פּשוט'ער שקלאַפעריי. אַנשטאָט צו לינדערן די בעטלערישע אָרעמקייט און ליידן, האָט די דעספּאָטישע צאַרישע אָליגאַרכיע אַרומגערינגלט דעם מענטשן־ים מיט אַן אומצאָליקער אַרמיי פון געהיים־אַגענטן, שפּיאָנען און פּראָוואָקאַ־טאָרן. דער מינימאַלסטער אומרו אין שרעקלעכן ים פון מענטשלעכע ליידן, דאָס באַווייזן זיך פון די קלענסטע כוואַליעס אין דעם ים פון צרות זיינען גלייך באַריכטעט געוואָרן צו די הערשנדיקע אינסטאַנצן. פּראָוואָקאַ־טאָרן פלעגן פאַבריצירן פּראָטעסט־אויסדרוקן, פּריצייטיקע זאַבאַסטאָווקעס (סטרייקס) און אַקציעס פון רעוואָלוציאָנערע גרופּעס. באַנאַנד מיט צוגרייטן אַזוינע פּראָוואָקאַציעס האָט די צאַרישע „אָכראַנאַ" צוגעשטעלט קאָזאַקישע אָפּטיילונגען דורכצופירן די ספּעציעלע מיסיע פון באַפאַלן און דערשטיקן אין בלוט יעדן קלענסטן פאַרזוך פון פּראָטעסט. הייזער־אַבלאַוועס, אַרעסטן פאַר דעם קלענסטן פאַרדאַכט, באַזונדערס אין די רייען פון אַרבעטער, סטו־דענטן און אינטעליגענץ, איז געווען אַ טעגלעכע אַרבעט פון דער „אָכראַנאַ". די ווענט פון די צאַרישע טורמעס זיינען שיעור ניט צעשפּאַרט געוואָרן פון אַ־רעסטירטע, פאַר'משפּט'ע אַרבעטער, אינטעליגענץ און רעוואָלוציאָנערן. פאַר־אורטיילטע אויף פאַרשיקונג אין סיביר האָט מען דעמאָנסטראַטיוו געטריבן צופוס, געשמידטע אין קייטן, פון איין צענטראַלער טורמע אין אַ צווייטער אויפן וועג אין ווייטן, קאַלטן סיביר. דער צוועק איז געווען צו טעראָריזירן

די שטאָטישע באַפעלקערונג און די פויערים אין די דערפער; אַנזאָגן, וואָס זיי דערוואַרט פאַר הויבן אַ האַנט פון מינדסטן פּראָטעסט קעגן דעם „צאַר באַטיושקאַ".

דער באַרבאַרישער צאַריזם האָט פאַרוואַנדלט די רוסישע אימפּעריע אין דעם גרעסטן טורמע־ציטאַדעל פון אייראָפּע. דער צאַריזם האָט אָנגענומען די ראָל פון דעם זשאַנדאַרם פון אייראָפּע. אויסער דער „אָכראַנאַ", די אַרמיי פון געהיים־אַגענטן און פּראָוואָקאַטאָרן, און די ספּעציעלע ברוטאַלע ראָל פון די קאָזאַקישע קאַוואַלעריע־באַטאַליאָנען, האָבן די צאַרישע דעספּאָטן אָרגאַניזירט די טרויעריק־באַרימטע „טשאָרנאַיאַ סאָטניאַ" — שוואַרץ־מאה׳דיקע באַנדעס, וועמעס אויפגאַבע איז געווען צו אָרגאַניזירן אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען אויף אידן, נוצנדיק די אידישע מאַסע אַלס כפרה־הינדל פאַר אַלע ליידן און צרות אין לאַנד.

די „אָכראַנאַ"־פּראָוואָקאַציעס, די אַרעסטן און פאַרשיקונגען אין ווייטן קאַלטן סיביר, די בלוטיקע פּאָגראָמען אויף אידן און די קאָזאַקישע נאַגייקעס קעגן יעדן ווידערשפּעניקער, זיינען אָבער ניט געווען בכוח אָפּצושטעלן דעם וואַקסנדיקן אויפברויז, דעם פּראָטעסט און די רעוואָלט־שטימונגען פון די אַרבעטער, פויערים און ברייטע פאָלקס־מאַסן. די כוואַליעס פון דער וואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָבן אַרומגענומען די גאַנצע ברייט־און־לענג פון „מאַטיושקאַ ראָסייאַ".

די 90־קער יאָרן האָבן געבראַכט אַלערליי סימנים פון אַן אָנקומענדיקן שטורעם. שטאַרקע רעוואָלט־ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן איבערן לאַנד: אַ וואוקס פון סטרייקס אין אַ גאַנצער ריי פאַבריקן; אויפברויז פון צאָרן צווישן די פויערים אין די דערפער. אַלע וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט און שטודירט די לויפנדיקע פּאַסירונגען האָבן געפילט, ממש דערשמעקט, אַז די לופט איז אָנגעפילט מיט פולווער. אַ פלאַמיקער פייער וועט זיך אָט־אָט צעפלאַקערן. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג איז געוואַקסן. עס איז גע־בוירן־געוואָרן די „רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי" — אַ פּאַרטיי און אַ באַוועגונג באַזירט אויף וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיזם. אַ נייער רעוואָ־לוציאָנערער וועג איז געעפנט געוואָרן פאַר ברענגען אַ סוף צו דער באַרבאַ־רישער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער־מאַסן; אַ וועג צו אמת׳ער דעמאָ־קראַטיע דורך רעוואָלוציע לטובת אַ נייער יושר׳דיקער געזעלשאַפט — סאָציאַליזם!

די רעוואָלוציאָנערע „רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי", איר רוף און איר פּראָגראַם האָט ווי אַ שטראַלנדיקע זונען־שיין באַלויכטן די פינצטערניש פון לאַנד, אַרויסגערופן אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין די הער־צער און מוחות פון די בעסטע זין און טעכטער אין צענטראַל־רוסלאַנד, פון די באַלטישע ברעגן ביז די פּאַציפישע שטרעקעס פון דער צאַרישער אימ־פּעריע און אירע באַהערשטע אונטערדריקטע פעלקער.

דער אינגעווייד פון דער צאַרישער אימפּעריע האָט זיך ווי אינעם בויך פון אַ וואולקאַן אָנגעהויבן רירן און קאָכן, אָנזאָגנדיק דעם אומפאַרמיידלעכן אָנקום פון אַ שטורעם, דעם אָנהויב פון וואולקאַן־אויפריים. די נייע אַנט־וויקלונגען, לויט די קלאַסן־פאַרהעלטענישן און פּערספּעקטיוון האָבן אַריינ־געשפּאַרט די צאַרישע אויטאָקראַטיע אין אַ טעמפּן ווינקל.

די צאַרישע היעראַרכיע האָט דערפילט און באַגריפן, אַז קאָזאַקישע נאַגייקעס, אַכראַנאַ־פּראָוואָקאַציעס, די שליסלבורג־פעסטונגען, אַרעסטן, טור־מעס, און פאַרשיקונגען אין סיביר, דאָס וועגבירן פון סטודענטן אין דער אַרמיי, פּאָגראָמען אויף אידן — די אַלע אונטערדריקערישע מיטלען, זיינען ניט בכוח איינצוהאַלטן דעם שטורעמדיקן ים פון צאָרן פון די מאַסן. האָבן זיי פאַר זיך געהאַט איין מיטל, איין אויסוועג — מלחמה. מלחמה וועט צע־פלאַקערן די נאַציאָנאַלע געפילן און סענטימענטן, וועט אָפּציען און פאַר־קערעווען דעם שטורעם אויף זיכערע נאַציאָנאַלע וועגן.

די צאַרישע אויטאָקראַטיע האָט מיט פּאָמפּ געלאָזט אין גאַנג אַ מאַסיווע שאָוויניסטישע קאַמפּאַניע איבערן לאַנד. דער געשריי איז געווען, אַז „מאַ־טיושקאַ ראָסיאַ" שטייט אין געפאַר מצד אירע אויסלענדישע שונאים, אַז יאַפּאַן מאָביליזירט איר אַרמיי, גרייט זיך צו באַפאַלן און אַטאַקירן רוסלאַנד. פאַרשיידענע קלאַנגען זיינען פאַבריצירט און ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן. קלאַנגען, אַז יאַפּאַן האָט ניט נאָר דערקלערט אַ מאָביליזאַציע פון איר אַרמיי, נאָר האָט קאָנצענטרירט 600 באַטאַליאָנען אין מאַנדזשוריע; אַז אַ באַ־וואָפנטע טערקיי איז אויפן שוועל מיט אַ דעקלאַראַציע פון מלחמה קעגן רוסלאַנד; אַ רעוואָלט־פאַרשווערונג גייט־אָן אין קאַווקאַז פאַר אָפּצורייסן זיך פון רוסלאַנד; עסטרייך בויט אַן אייזנבאַן־ליניע אין באָסניע; פינלאַנד באַ־וואָפנט זיך; די דייטשע פרעסע העצט טערקיי קעגן רוסלאַנד.

אָט־די אַלע פאַבריצירטע קלאַנגען זיינען געדרוקט געוואָרן ניט נאָר אין לאַנד, נאָר אויך אין דער פראַנצויזישער פרעסע, פון וועלכער מ'האָט ציטירט אין דער רוסישער פרעסע, בכדי צו באַווייזן, אַז די הייליקע „מאַ־טיושקאַ ראָסיאַ" איז אַרומגערינגלט פון אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים. די גרעסטע געפאַר לויערט אויפן גאַנצן לאַנד.

אַ ריי אייראָפּעאישע צייטונגען האָבן אָבער גאַנץ אַנדערש כאַראַקטער־ריזירט די אַלע קלאַנגען און די צעפּויקטע שאָוויניסטישע פּראָפּאַגאַנדע פון דער צאַרישער רעגירונג: „די רוסישע הערשנדיקע קרייזן פּרובירן צו פאַר־שטאַרקן זייער פּאָזיציע דורך די אַלטע אויסגעפּרובירטע מעטאָדן — דער־שטיקן די עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג, אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק וועגן דער אויסערגעוויינטלעכער שווערער לאַגע אין לאַנד דורך אַ קינסטלעכן אויפברויז פון די נאַציאָנאַלע סענטימענטן, אויפרודערונג פון

דיפלאָמאַטישע קאָנפליקטן, וועלכע ווער ווייסט מיט וואָס זיי קאָנען זיך ענדיקן. פּאַראויסזאָגונגען וועגן דעם ענין, איז לויט די איצטיקע אַנטוויק־לונגען, נישט מעגלעך צו מאַכן". אַזוי האָט געשאַצט די אייראָפּעאישע פּרעסע די דעמאָלסדיקע סיטואַציע אין רוסלאַנד.

די צאַרישע הערשער זיינען אויסן געווען צו שיסן עטלעכע האָזן מיט־אַמאָל: א) אָפּווענדן די אומצופרידנקייט, דעם צאָרן און אויפברויז פון די פאָלקס־מאַסן, ניט דערלאָזן זייער לאַנג־איינגעהאַלטענער געדולד זאָל פּלאַצן — דורך פאַרכאַפּן זייערע מוחות און הערצער מיט פאַרפירערישע נאַציאָ־נאַלע פּאַטריאָטישע געפילן (דאָס לאַנד איז אין געפאַר!); ב) דורך אַ מלחמה אויסברייטערן די צאַרישע אימפּעריע — פאַרכאַפּן מאַנדזשוריע, מאַכן פעל־קער וועגן קאָרייע — דורך באַרויבן אַנדערע לענדער און פעלקער נאָך מער באַרייכערן די פאַרמעגנס פון די אויטאָקראַטישע הערשנדיקע רעגירונגס־שיכטן.

דאָס זיינען געווען די חשבונות פון צאַריזם, בכדי צו צעפלאַקערן די פייערן פון מלחמה מיט יאַפּאַן אָנשטאַט זיך פאַרנעמען מיט אַנטוויקלען די ריזיקע אומצאָליקע נאַטירלעכע אוצרות אין לאַנד — די גרעסטע וועלט־רעזערוואוואַרן אין די ראַמען פון דער רוסישער אימפּעריע פאַר דעם וואויל־זיין פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן אין לאַנד.

די רעזולטאַטן פון דער מלחמה — דאָס פאָלק ליידט און גייט־אָפּ אין בלוט

די טייוולאָנישע פּלענער פון צאַריזם, צו פאַנאַנדערפלאַקערן די פייערן פון מלחמה, בכדי צו לעשן דעם גרויסן צאָרן פון די אַרבעטער און פּויערים אינדערהיים האָבן, צוליב די שנעל־אָנקומענדיקע נידערלאַגעס אויפן פראָנט, געבראַכט פאַרקערטע רעזולטאַטן. די צאַריש־יאַפּאַנישע מלחמה האָט מיט בליץ־שנעלקייט אויפגעדעקט אין פולער נאַקעטקייט, די אמת׳ע מאָטיוון פון דעם דעספּאָטישן צאַריזם: אויסברייטערן די אימפּעריע און פאַרשקלאַפן נייע פעלקער, אָבער אַנשטאַט איינצושטילן דעם קאָכיקן היימישן וואולקאַן, האָט די מלחמה מיט יאַפּאַן פאַרשנעלערט דעם אויסברוך־פּראָצעס. אָט־די מלחמה האָט פאַרשנעלערט דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון די מאַסן, וואָס האָט היסטאָריש פאַרזיגלט דעם סוף פון אויטאָקראַטישן צאַריזם. די פּאַסירונגען אויפן פראָנט, אויף די שלאַכט־פעלדער האָבן מיט דער שאַרפ־סטער קלאָרקייט באַוויזן דער גאַנצער וועלט, און שוין אָפּגערעדט דעם אייג־גענעם פאָלק, די אומקאָמפּעטענץ, קאָרופּציע און פאַרפוילקייט פון צאַרישן רעזשים און זיין אַרמיי־אַפּאַראַט.

די גרויסע זאַפּאַסן פון שפּייז, אַלערליי פּראָדוקטן און מעדיקאַמענטן, וואָס האָבן געדאַרפט דערגרייכן די אַרמייען אויפן פראָנט זיינען געשיקט

געוואָרן דורך דייטשע פּאָרטן און דאָרט פּארקויפט געוואָרן. דערגרייכטע אויפן פראָנט שטיוול זיינען געווען געמאַכט מיט קארטונענע פּאָדעשוועס; צוקער איז געווען געמישט מיט זאמד און מעל. די סאָלדאטן, נאָך א זעקס־טויזנט מייליקן מארשרוט צו די שלאַכט־פעלדער, אויסגעמאַטערטע, האַלב־פארפרוירענע פון די שטארקע ווינטער קעלטן, האָבן דורכגעמאַכט אומ־מענטשלעכע ליידן, געליטן פון הונגער. די ווינטער־שינעלן זיינען אָנגעקומען דעם קומענדיקן פרילינג. די מיזערנע אויסצאָלונגען פאר די סאָלדאטן זיינען פארהאַלטן געוואָרן פון די אָפיצירן, וואָס האָבן די אָנגעזאַמלטע גרויסע סומעס אָפּגעשיקט צו זייערע פאַמיליעס. דאָס אָפיצערנטום האָט זיך געבאָדן אין לוקסוס — שיכרות, געמבלעריי, הולטייסטווע מיט פרויען פון נידע־ריקסטן סאָרט. די קיכן און פרויען־הארעמס פון די אָפיצערן האָבן פאַר־נומען גאַנצע אייזנבאַנען. אזוי האָט די קיך און דער „הארעם" פון דעם גרויספירשט פארנומען צוויי לאַנגע אייזנבאַנען.

אויפן פראָנט האָבן די אַרטילעריע־אָפיצירן ניט געהאַלטן פון נוצן די טעלעסקאָפּישע ציל־איינריכטונגען. די סאָלדאטן האָבן זייער אַנטריסטונג און האַס צו די אָפיצירן אויסגעדריקט אין באַטיטלען זיי מיטן נאָמען „די קליינע גנעלע מאַלפּעס". דאָס אָפיצירנטום האָט געמאַכט די גרעסטע בייַ־שטייערונג צו די שווערע גרויסע פארלוסטן און צו דער נידערלאַגע אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. דאָס האָט באַשטעטיקט ניט קיין אַנדערער, ווי איינער פון די וויכטיקסטע מיניסטאָרן אין צארישן רעגירונגס־קאַבינעט — דער פירשט וויטע. אָט־דער גרויסער רעאַקציאָנער שרייבט אין זיינע מע־מואַרן וועגן דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה:

„די מלחמה אָנשטאָט צו פּאַרגרעסערן און דערהויבן דעם זינקענדיקן פרעסטיזש, פאַרגרעסערן די פיזישע רעסורסן פון דעם רעזשים, האָט מיט אירע אומענדלעכע ליידן און חרפה פולשטענדיק אויסגעשעפּט די וויטאַליטעט פון סיסטעם און פארפוילקייט. עס איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלעמען אינדערהיים, אין אויסלאַנד און פאַר דער גאַנצער וועלט צו זען דעם פּשוט׳ן פאַקט, אַז די נויטן און אינטערעסן פון פאָלק זיינען פאַר לאַנגע יאָרן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן דורך און פון א קאָ־רופּטירטער אומקאָמפּעטענטער רעגירונג".

רעוואָלוציע פון 1905 און דער בלוטיקער זונטיק

א יאָר פון שווערע פאַרלוסטן אויף די שלאַכט־פעלדער פון דער אוואַנ־טוריסטישער מלחמה מיט יאַפּאַן; די אויפגעדעקטע אומקאָמפּעטענץ, קאָ־רופּציע און פאַרפוילטקייט פון צארישן רעזשים; קעלט, הונגער און ליידן פון די מאַסן סאָלדאטן — דאָס אַלץ האָט אָנגעפילט און איבערגעפלאָסן דעם בעכער פון צאָרן פון די אַרבעטער און פּאָלקס־מאַסן אין לאַנד. א כוואַליע פון סטרייקס האָט אויסגעבראָכן אין די מערסטע גרויסע שטעט. די אַרבעטער

זיינען ארויס אין די גאסן. דער שטורעם פון רעוואָלט איז אריבער אין רע־וואָלוציע — די רעוואָלוציע פון 1905. דאָס שוועבעלע, וואָס האָט אונטער־געצונדן דעם פולווער־אויפריים און פלאַמיקן פייער פון דער היסטאָרישער 1905 רעוואָלוציע, האָט דער בלוטיקער צאַר ניקאָליי מיט זיינע אייגענע הענט אָנגעריבן. דערפאַר האָט דער דעספּאָטישער צאַריזם באַגעגנט אַרבע־טער־און פאָלקס־מאַסן דעמאָנסטראַציעס מיט קאָזאַקישע נאַגייקעס און סאַבליעס (שווערדן). די גרעסטע מאַניפעסטאַציע פון באַרבאַריזם און במילא פון זיין אומזיכערקייט האָט דער צאַר באַוויזן דורך דער בלוט־באָד פון יאַנואַר דעם 22־טן 1905, בשעת דער פּראָצעסיע אין סעינט פּעטערסבורג, מיטן גלח גאַפּאָן בראש.

א צאָל פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען מיט דער הסכמה פון דער „אָכראַנאַ" (געהיים־פּאָליציי) — האָבן אָרגאַניזירט א פּראָצעסיע־דעמאָנ־סטראַציע איבערצוגעבן א פּעטיציע צו דעם צאַר באַטיושקאַ. דאָס „פּאַטערל", גלח גאַפּאָן, האָט געפירט די פּראָצעסיע פאָראויס מיט דעם פּראַוואָסלאַוונעם צלם און בילדער פון צאַר. די איבער 250,000 מענער, פרויען און קינדער אין דער פּראָצעסיע האָבן אָנגעפילט די לופט מיט זייער זינגען רעליגיעזע און פּאַטריאָטישע לידער. דאָס איז פאָרגעקומען אין א צייט, ווען אַרבעטער־סטרייקס האָבן ממש פּאַראַליזירט פּעטערבורג'ס שטאָטישן לעבן. דער צאַ־ריזם האָט זיך געפונען אין א קריטישער לאַגע. מאָביליזירטע אַרמיי־טיילן אויף די גאַסן האָבן גאָרניט געטאָן אָפּצושטעלן די פּראָצעסיע, אויסער וואָרענען ניט צו בלאָקירן די גאַסן. די פּראָצעסיע מיט עקזאָטישן רעליגיעזן און פּאַטריאָטישן ענטוזיאַזם האָט זיך געצויגן צום פּאַלאַץ פון צאַר. די פּעטיציע צום צאַר איז באַשטאַנען פון פּשוט'ע רעספּעקטפולע פאַרלאַנגען:

„מיר די אַרבעטער און באַפעלקערונג פון סט. פּעטערסבורג, פאַר־שיידענע קלאַסן, אונזערע פרויען און קינדער, הילפלאָזע אַלטע עלטערן אונזערע, קומען צו דעם גנעדיקן האַר אונזערן זוכן הילף און פאַר־טיידיקונג. מיר זיינען אונטערדריקט, באַלאָדן מיט שווערער פּראַצע איבער אונזערע כוחות. מען איגנאָרירט אונז. מיר ווערן ניט אָנערקענט ווי לעבעדיקע מענטשן, באַהאַנדלט ווי שקלאַפן. ביטער איז אונזער לעבן, אָבער מיר מוזן שווייגן. מיר ווערן געשטויסן אין טיפן אָפּגרונט פון בעטלעריי, פינצטערניש און אומוויסנקייט. מיר ווערן דערשטיקט פון אומפאַראַנטוואָרטלעכן דעספּאָטיזם. מיר האָבן דערגרייכט דעם גרענעץ פון געדולד — א לאַגע, אז דער טויט איז בעסער ווי לעבן אין די אויסערגעוויינלעכע מאַטערנישן. ס'איז אומלעגאַל צו פאַרלאַנגען העכערע פאַרדינסטן, א קירצערן אַרבעטסטאָג. אין די גרעס־טע ווינטן, קעלטן, רעגנס און שניי, איז ניט קאָנען קומען צו דער אַרבעט פאַררעכנט אַלס א פאַרברעכן. מיר, ווי דאָס גאַנצע פאָלק אין אַלגעמיין,

שטייען אויסער די גרענעצן פון מענטשלעכע רעכט. מיר האָבן אפילו ניט דאָס רעכט פון פאַרזאַמלונגען, דענקען, רעדן, אַרויסזאָגן אַ מיינונג, דיסקוטירן אונזערע נויטן און נעמען וועלכע ניט איז מאָס־מיטלען צו פאַרבעסערן אונזער לאַגע. מיר האָבן קיין רעכט ניט צו אָרגאַניזירן זיך אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען צו פאַרטיידיקן אונזערע אינטערעסן".

די פּעטיציע האָט אויך אַנטהאַלטן אַ פּראָגראַם פון סאָציאַלע רעפאָר־מען און אַ פאַרלאַנג צוזאַמענצורופן אַ נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג. די טער־מינען פון פּראָגראַם זיינען געווען באַקאַנט צו דער גאַנצער באַפעלקערונג פון שטאָט. לאַנגע טעג האָט מען וועגן זיי באַריכטעט אויף אַלע פאַרזאַמ־לונגען, ווען די שטאָט איז פּאַראַליזירט געוואָרן דורך די סטרייקס. אַלע זיינען געווען פול מיט האָפענונג און גלויבן, אַז די פּעטיציע וועט אַמוויי־ניקסטנס אָנגענומען ווערן מצד דעם צאַר פּאַר באַטראַכטונג.

ווען די הונדערט־טויזנט־קעפּיקע פּראָצעסיע האָט דערגרייכט און אָנגעפילט דעם פּלאָשטשאַד (סקווער) אַרום צאַרישן פּאַלאַץ, האָבן זיך מיט־אַמאָל באַוויזן די אַרמיי־אָפּטיילונגען און אָן וועלכער ניט איז וואָרענונג באַגעגנט די געדיכטע מאַסע מענטשן מיט אַ רעגן פון קוילן־פייער. 1,500 דער׳הרג׳עטע, מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל פאַרוואונדעטע. אַ פולשטענדיקע בלוט־באָד. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט. דער טאָג איז אַריין אין דער געשיכטע, ווי דער „בלוטיקער זונטיק".

דער פּעטערבורגער „בלוטיקער זונטיק" האָט צעשמעטערט אויף ברעקלעך די מיסטישע יאָרן־לאַנגע פאַרבינדונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט אַזויפיל דערפאָלג צווישן צאַר און פאָלק, צווישן דעם אַליין־הערשער און זיינע אונטערטעניקע מענטשן. צוויי וואָכן שפּעטער האָט דער צאַר באַ־טיושקאַ אַרויסגעלאָזט אַ דעקלאַראַציע צו די אַרבעטער־און פאָלקס־מאַסן, פאַרענדיקנדיק מיט זאָגן: „איך פאַרגיב זיי זייערע באַגאַנגענע זינד". דערמיט אַליין האָט דער צאַר גופא פאַרזיגלט דעם סוף פון דער מינדעסטער פאַרבינ־דונג צווישן אים און פאָלק.

די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן האָבן געגעבן זייער ענטפער אין די שנעל־לויפנדיקע געשעענישן. די אָנגייענדיקע סטרייקס, אַרבעטער־ראַיאָטן, פּויערים־רעוואָלטן, וואָס האָבן שטאַרק אַ שאָקל־געטאָן דעם צאַרישן רעזשים זיינען געוואַקסן אין צאָל. רעוואָלוציאָנערע אַקציעס האָבן זיך פאַרמערט. איבער 2,000 רייכע אַריסטאָקראַטישע הייזער און „אימעניעס" זיינען פאַר־ברענט געוואָרן. אין אָקטאָבער 1906, זיינען די איינצלנע סטרייקס פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גענעראַל־סטרייק, וואָס האָט געצוואונגען דעם צאַר צוזאָגן צו פאַררופן און איינשטעלן אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאַרלאַמענט — די „דומאַ", און איינפירן אַ ריי רעפאָרמען.

הערָאישער קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן

דער גרויסער שטורעם, דער ווולקאַן־אויסברוך האָט זיך אָנגעהויבן אין חודש דעצעמבער 1905. דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט, די אונטער־דריקטע האַרעפּאַשנע מאַסן, די אַרבעטער און פּויערים זיינען אַרויס אין פרידלעכע דעמאָנסטראַציעס און סטרייקס אין די אינדוסטריעלע צענטערן און אין די דערפער. דער דעספּאָטישער רעזשים האָט באַגעגנט די פרידלעכע דעמאָנסטראַציעס און סטרייקס מיט אַרמיי־באַיאָנעטן און קוילן־פייער. צו פאַרטיידיקן זיך קעגן די באַיאָנעטן און קוילן־פייער האָבן די דעמאָנסטרירנ־דיקע און סטרייקנדיקע מאַסן געענטפערט מיט באַריקאַדן. אַ גענעראַל־סטרייק האָט פּאַראַליזירט דאָס לעבן פון די הויפּט־שטעט — מאָסקווע, פּעטערבורג, ריגע און אַנדערע. פון דעם גענעראַל־סטרייק און די באַרי־קאַדן האָט אָנגעהויבן אויסוואַקסן אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד פון די מילי־טאַנטישע קעמפנדיקע אַרבעטער, אָנגעפירט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די גענעראַל־סטרייקס האָבן אַרומגעכאַפּט און אַריינגעצויגן אין אַ מיליטאַנטישן רעוואָלט דריי מיליאָן פאַבריק־אַרבעטער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט די אייזנבאַן־און פּאָרט־אַנגעשטעלטע דערגרייכט אַ כוח פון באַלד פיר מיליאָן. די צאָל האָט ווייט ניט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן פּאָטענציעלן מאַסן־כוח, דעם פולן פאַרנעם און אַקציע פון דער רעוואָלוציע. אין מאָסקווער פאַבריק־ראַיאָן פון 567,000 אַרבעטער, האָבן פאַרסטרייקט 540,000; אין פּעטערבורג ראַיאָן פון 300,000 פאַבריק־אַרבעטער, האָט די מאַסע סטרייקנ־דיקע אַרומגעכאַפּט אַ גאַנצן מיליאָן; אין ריגע, לאַטוויע, האָט די צאָל סטרייקער דערגרייכט 250,000 אין אַ פאַבריק ראַיאָן פון 50 טויזנט. די פּויערים אין די דערפער האָבן ניט אַרויסגעוויזן די מיליטאַנטישקייט פון די אַרבעטער. זיי זיינען געווען געפּענטעט פון זייער יאָרן־לאַנגער מיסטישער פאַרגעטערונג פון דעם צאַר־באַטיושקאַ. זיי האָבן נאָך אַלץ געגלויבט, אַז דער הייליקער, גאָט־געזאַלבטער צאַר, וועט זיך דערבאַרעמען און לינדערן זייער מאַטערן־זיך און זייערע ליידן.

די רעוואָלוציע דערשטיקט; נאָכוויי־עניש און שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס

די צאַרישע אויטאָקראַטיע האָט גענוצט אַלערליי מעטאָדן צו קומען אַ ביסל צו זיך. מ'האָט באַנייט די „שוואַרץ־מאה'דיקע באַטאַליאָנען"; מ'האָט דורכגעפירט אַ נייע כוואַליע פּאָגראָמען אויף דער אידישער באַפעל־קערונג אין די שטעט באַנוצנדיק זיך מיט דעם אַלטן פּזמון, אַז די אידן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע צרות. די אַרמיי־טיילן, צוריקגעקומענע באַזיגטע פון דער יאַפּאַנישער מלחמה, האָט די צאַרישע אויטאָקראַטיע אויפגענומען מיט אויסטיילן בראָנפן, עסנוואַרג, אַלערליי פּראָדוקטן און

געלט־מתנות. די אייראָפּעאישע בורזשואַזע רעגירונגען, ספּעציעל די רע־גירונג פון פראַנקרייך, שטאַרק דערשראָקן פון דער רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד, זיינען געקומען דעם צאַר צוהילף. דערמעגלעכט אַן אינטערנאַציאָנאַלע הלוואה פון 450 מיליאָן רובל צו העלפן אַרויסשלעפּן דעם בלוטיקן רעזשים פון זיין שאַרפן קריזיס.

דורך די אַלערליי ברוטאַלע מעטאָדן אין לאַנד און מיט דער הילף פון אויסלאַנד, טאַקע די געלט־הלוואה, האָט די דעספּאָטישע מאַכט רעאָרגאַ־ניזירט אַלע שוואַרצע כוחות פאַר אַ קאָנטררעוואָלוציע. עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַ נייע סדרה פון מאַסן־אַרעסטן, פון הענגען אַרעסטירטע רעוואָלו־ציאָנערע אַרבעטער־פירער. מאַסן־דעמאָנסטראַציעס פון סטרייקנדיקע אַרבע־טער האָט מען באַגעגנט מיט קאַנאָנען־און קוילן־פייער. דורך אַ בלוטיקן מבול האָט די קאָנטררעוואָלוציע באַוויזן אויסצולייזדיקן די גאַסן פון סט. פּעטערסבורג, מאָסקווע און אַנדערע אינדוסטריעלע שטעט פון די מאַסן סטרייקערס. הונגער און אַ טיפוס־מגיפה האָבן געהאָלפן פאַרענדיקן די בלוט־דורשטיקע אַרבעט פון קוילן־פייער, אַרעסטן און הענגען. אין טייכן בלוט האָט דער באַרבאַרישער רעזשים דערשטיקט די רעוואָלוציע פון 1905.

נאָך דעם „בלוטיקן זונטיק”, יאַנואַר דעם 22־טן 1905, אין סט. פּע־טערסבורג האָט דער „באַרמהאַרציקער צאַר באַטיושקאַ” דערקלערט, אַז ער „פאַרגיט” די פופצן הונדערט טויטע און איבער זעקס טויזנט פאַר־וואונדעטע, קרבנות פון זיין קוילן־פייער „זייערע באַגאַנגענע זינד”. אָט־די „גנעדיקייט” האָט דער צאַר נישט איבערגע׳חזר׳ט נאָכן בלוטיקן דערשטיקן די רעוואָלוציע פון 1905. ערשט איצט האָט די שוואַרץ־מאה׳דיקע קאָנטער־רעוואָלוציע צעפלאַקערט אַ בלוטיקע וואַקכאַנאַליע איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד. זיי האָבן באַשלאָסן אָפּצורעכענען זיך מיט די אַרבעטער און פּאָלקס־מאַסן פאַר זייער חוצפה, צו וואַגן רעוואָלטירן און פאַר דער־פירן צו אַ רעוואָלוציע. אַלע אַלטע אויסגעפּרובירטע טעראָר־מעטאָדן זיינען ווידער באַנוצט געוואָרן: שמייסן, הענגען, מאַסן־אַרעסטן און פאַרשיקונג אין סיביר. אַ ספּעציעלער געזעץ איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג מיט שוואונג קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און איר פירערשאַפט. אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, איז געווען אַ הויפּט־ציל. די רעפאָרמען אויסגעקעמפטע מיט בלוט אין צייט פון דער רעוואָלוציע: וואַל־רעכט, רעכט פון פאַרזאַמלונג, פרייע פּרעסע, רעכט צו אָרגאַניזירן און באַלאַנגען צו פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, זיינען שטופנווייז אָפּגעשאַפן געוואָרן. די דומאַ (גרינדונגס־פאַרזאַמלונג) איז נאָך אַ קורצער צייט צעטריבן געוואָרן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע אין דומאַ אַרעסטירט, אַרויפגעלייגט טורמע־שטראָפן און פאַרשיקט אין סיביר. פּאָגראָ־מען אויף אידן זיינען איניציאירט געוואָרן. ס׳האָבן געהוליעט און געבו־שעוועט די באַרבאַריש־דעספּאָטישע בייזע ווינטן אין דער צאַרישער אימ־פּעריע.

די אזוי אויך שוואך־אנטוויקלטע אינדוסטריעלע און הינטערשטעליקע ווירטשאפטלעכע עקאנאמיק פון צארישן רוסלאנד האט דערגרייכט די שטופע פון א שארפן קריזיס. די אוואנטוריסטישע מלחמה מיט יאפאן, די כוואליע פון סטרייקס אין די שטעט, די פויערים־אומרועו אין די דערפער, דער פעריאד פון דער רעוואלוציע, די וואקכאנאליע נאכן בלוטיקן דערשטיקן די רעוואלוציע, די כוואליע פון פאגראמען און אנדערע ערנסטע לויפנדיקע פאסירונגען און אנטוויקלונגען — דאס אלץ צוזאמען, האט דערפירט צו א שארפער פארמינערונג פון דער אינדוסטריעלער און אגריקולטורעלער פראדוקציע אין לאנד. די בייזע ווינטן פון דער פינצטערער צארישער הער־שאפט און די באדינגונגען פון אן אפגעשוואכטער עקאנאמישער לאגע האבן מיט זיך געבראכט א הוילן פשוט'ן הונגער און טיפע נויט פון די ברייטע פאלקס־מאסן. הונדערטער טויזנטער רוסן, אוקראינער, פאליאקן, פינלענ־דער, אידן, לאטווער און ליטווינער זיינען געטריבן געווארן פון נויט צו פארלאזן זייער היימלאנד — רוסלאנד. ס'איז געווארן א מאסן־געלויף אין אנדערע לענדער, ספעציעל אין אמעריקע. ס'זיינען געלאפן ארבעטער, אינ־טעליגענטן, פראפעסיאנאלן, יונג און אלט, פרויען און קינדער — געלאפן פון דער בלוטיקער, דעספאטישער, הונגער־געטראפענער צארישער אימפעריע.

דעמאראליזאציע פון דער אינטעליגענץ

די פארלוסטן אין דער מלחמה מיט יאפאן, די אויפגעדעקטע קארופציע און צעפוילטקייט פון צאריזם, די שרעקלעכע ליידן און הונגער, די מאסן־פראטעסטן און ארבעטער־סטרייקס, דער „בלוטיקער זונטיק", דער אויפברויז פון מאסן ארבעטער און פויערים ביז דער רעוואלוציע — דאס אלץ האט בא־ווירקט אלערליי שיכטן פון דער באפעלקערונג און זיי באוועגט צו רעווא־לוציאנערע טעטיקייטן און מאסן־אקציע. אייניקייט צווישן פארשידענע ריכטונגען אין דער ארבעטער־באוועגונג, צווישן מענשעוויקעס און באל־שעוויקעס, איז געווארן דער געבאט פון דער שעה. דער אידישער „בונד" איז צוריק אריין אין די רייען פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, אזוי אויך די פוילישע און לאטווישע ס.ד. פארטייען. גאנץ ברייטע שיכטן פון דער אינטעליגענץ האבן זיך באהאפטן מיט די קאמפן און אספיראציעס פון די ארבעטער־און פויערים־מאסן. פיל פון זיי זיינען געווארן געטרייע קעמפער, איבערגעגעבענע זין און טעכטער פון דער רעוואלוציע.

אבער דאס דערשטיקן אין בלוט די רעוואלוציע, דער טעראר און דער שווארץ־מאה'דיקער געיעג פון ארעסטן און פארפאלגונגען, האט אריינגע־בראכט א מרה־שחורה און אנטוישונג אין די רייען פון דער אינטעליגענץ, וואס האט כמעט דערפירט צו ערנסטער דעמאראליזאציע.

אין די רייען פון דער רעוואלוציאנערער ארבעטער־באוועגונג זיינען אויסגעבראכן שארפע צוויסטיקייטן ביז שפאלטונגען. ס'זיינען אויפגעקומען

נייע גרופּירונגען. די פּוילישע ס.ד. האָט זיך געשפּאָלטן. די „אַלעווידאָ"־ריכטונג — געגנויגט צו מענשעוויזם; די „רעוואָלוציאָנערע פראַקציע" — געגנויגט צו די ס.ד. רעוואָלוציאָנערן. אַ גרופּע אין דער ס.ד.ר. פּאַרטיי, איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער „פּראָגראַם מינימום" און פאַר פולער סאָציאַלער רעוואָלוציע דורך עקספּראָפּריאַציע און טעראָר. די אַנאַרכיסטן האָבן באַנייט זייער טעטיקייט. די אַלע אַנטוויקלונגען האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין די רייען פון „בונד". ס'האָט זיך געגרינדעט אַ גרופּע פון 40 אידישע אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערן מיטן נאָמען „אינטערנאַציאָנאַל". אַ שאַרפער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט צווישן די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס אַרום פונדאַמענטאַלע טעאָרעטישע מאַרקסיסטישע פּראָבלעמען, רעוואָלוציאָנערע סטראַטעגיע און טאַקטיק, וועגן דער ראָל און כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי, וועגן לעגאַלער און אומלעגאַלער אַרבעט, און וועגן „באַוואָפנטן אויפשטאַנד". לענין האָט אָנגעפירט אַ שאַרפע פּאָלעמיק, שטעמפּלנדיק די מענשעוויקעס ווי „ליקווידאַטאָרן" צוליב זייערע פאַלשע אַרגומענטן, אַז די פּאַרטיי איז צעשטערט געוואָרן און דערפאַר קאָן במילא קיין רייד ניט זיין וועגן לעגאַלער אָדער אומלעגאַלער פּרעסע און אַקטיוויטעט.

אַ היבשע צאָל פון דער אַריינגעפלאָסענער אינטעליגענץ אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער צייט פון שטאַרקן באַרגאַרויף אין רעוואָלוציאָנערן שטראָם, איז ניט געווען קיין ביין פון די ביינער, קיין גליד אין דעם קלאַסן־קערפּער פון די האָרעפּאַשנע מאַסן — פון די אַרבעטער און פּויערים. זייער אַנטוישונג, פאַרלוירנקייט, האָט אַ רעכט ביסל צוגעטראָגן צו פאַראורזאַכן עקסטרעמע ריכטונגען פון איין זייט, און ליקווידאַטאָרישע טענדענצן פון דער אַנדער זייט.

אַ צווייטער טייל פון דער אינטעליגענץ האָט אינגאַנצן פאַרלאָזן די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, סיי אין דער אַלגעמיינער און סיי אין דער אידישער. זיי זיינען געוואָרן „פּראַקטיש" און אָנגעהויבן זוכן אַ „תכלית אין לעבן", און במילא געזוכט נייע געטער. מיט באַנייטער התמדה האָבן זיי זיך גענומען צו שטודירן. באַווירקט אין יענער צייט פון דעקאַטענטישן „סאַניניזם" (אַרציבאַשעוו'ס פּסיכאָפּאַטישער ראָמאַן „סאַנין") האָבן זיי זיך גענומען אויסלעבן אין פרייער ליבע. „סאַניניזם" — די „פילאָסאָפיע" פון דער אַנטוישטער אינטעליגענץ, איז אריין אין דער מאָדע. שוואַכע אין נאַטור און כאַראַקטער האָבן דורכן „סאַניניזם" געפונען אַן אויסוועג אין זעלבסטמאָרד.

לענין ווייזט דעם וועג

די מיליאָנען אַרבעטער, פּויערים און האָרעפּאַשנע מאַסן בכלל האָבן ניט געקאָנט אַנטלויפן. מאַסן אַנטלויפן נישט. מאַסן פאַלן אויך נישט אריין אין אוממאָראַלישן זומפּ.

די מיליאָניקע מאַסן האָרעפּאַשניקעס האָבן זיך געפֿונען אין אַ צושטאַנד פֿון טיף־וויטיקדיקן פֿאַרדרוס צוליב ניט־דערפֿילטע דערגרייכונגען. עס האָט זיך אין זייערע רייען געשפּירט אַ מידקייט פֿון קאַמף אין דער באַמיאונג צו היילן די וואונדן פֿון געראַנגל מיטן דעספּאָטיש־באַרבאַרישן רעזשים. עס האָט אויך געהערשט אַ טיפֿער פֿאַרדרוס צוליב דעם, וואָס אַ טייל פֿירער האָבן זיי פֿאַרלאָזן.

אַ ליכטיקע שיין פֿון טרייסט און מוט איז פֿאַר די אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מאַסן געקומען דורך דער קלאָרער אָפּשאַצונג פֿון דער געשאַפֿענער סיטואַציע, באַגלייט מיט אויסגעהאַלטענע שלוסן און קאָנקרעטע פֿאָרשלאָגן פֿון דעם גרויסן מאַרקסיסטישן וויטזעעוודיקן גאון־רעוואָלוציאָנער — **וולאַדימיר איליטש לענין.** זיין אָפּשאַצונג וועגן דער ראָל פֿון די אַרבעטער און פּויערים אין די פֿאַרגאַנגענע געראַנגלען און וועגן דער היסטאָרישער באַדייטונג פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1905, האָט געעפֿנט די אויגן, האָט דערמוטיקט.

מיט אייגנאַרטיקער קלאָרקייט און וויטזעעוודיקייט האָט לענין אָפּגעשאַצט מאַרקסיסטיש די היסטאָרישע באַדייטונג פֿון דער 1905 רעוואָלוציע. דעם מיליטאַנטישן קאַמף פֿון דעם יונגן וואַקסנדיקן אינדוסטריעלן אַרבעטער־קלאַס אין צאַרישן רוסלאַנד; די אַלערליי סטרייקס און דער גענעראַל־סטרייק; די מאַסן־דעמאָנסטראַציעס און באַריקאַדן־קאַמפֿן און דעם אויסברוך פֿון דער רעוואָלוציע קעגן דער מעכטיקער מאַכט פֿון צאַריזם — האָט לענין באַטראַכט אַלס דאָס איינציקע געווער אין די הענט פֿון די אַרבעטער און פּויערים. בלויז אויף אַזאַ אופֿן האָט מען באַוויזן צו געווינען און באַוועגן אין קאַמף מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס, מענטשן פֿון פֿאַרשידענע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, און דערלאַנגען אַ מעכטיקן קלאַפּ דעם דעספּאָטישן צאַריזם. ער האָט באַטאָנט די היסטאָרישע באַדייטונג פֿון דעם פֿאַקט, וואָס אין משך פֿון עטלעכע קורצע מאָנאַטן פֿון קאַמף און רעוואָלוציע האָבן די אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מאַסן באַוויזן צו געווינען פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק פֿון רוסלאַנד — אויב אַפֿילו פֿאַר אַ קורצער צייט — פֿרייהייט פֿון פּרעסע, פֿרייהייט פֿון פֿאַרזאַמלונג, רעכט פֿון אַסאָציאַציע און בויען פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען; באַוויזן אַרויסצוקריגן אַ מאַניפֿעסט־דעקלאַראַציע פֿון „צאַר באַטיושקאַ" גופֿא, צוגונסטן אַ פֿאָלקס־פֿאַרטרעטנדיקער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג, די „דומאַ", נאָך אַזוי פֿיל יאָרן פֿון אויטאָקראַטיש־ברוטאַלער זעלבסטהערשאַפֿט.

אין דעם אַלעם באַשטייט די גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1905.

שלוסן און לערע פֿון 1905

די רעוואָלוציע פֿון 1905, האָט ניט באַוויזן צו דערגרייכן איר הויפּט־ציל — פֿאַרניכטן די זעלבסטהערשאַפֿט פֿון באַרבאַרישן צאַריזם. די רע־

וואָלוציע האָט אָבער — אפילו אויב ציטווייליק — מיט בלוט פאַרצייכנט היסטאָרישע דערגרייכונגען פאַר דעם רוסישן פאָלק דורך מאַסן־אַקציע און רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט באַוואָפנט דעם יונגן רוסישן פּראָלעטאַריאַט און דעם רוסישן פאָלק מיט וויסן און דערפאַרונג, אויפדעקנדיק אַ ריי היסטאָרישע פאַקטן און אַנטשיידענע אמת'ן. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די ראָל פון קלאַסן־אינטערעסן אין אַ קאַפּיטאַליס־טישער געזעלשאַפט; עס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן אַנטשיידענע וועגן צו דערגרייכן סאָציאַלע פּאָליטישע ענדערונגען, ביז דער דערוואָרבונג פון אַ נייער געזעלשאַפט. אָט־די היסטאָרישע אמת'ן, אַנטפּלעקט אין לויף פון דער 1905 רעוואָלוציע, לערנען:

ע ר ש ט נ ס , אַז צו דערגרייכן באַדייטנדיקע ראַדיקאַלע ענדערונגען אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן, פּאָליטישן לעבן פון אַ לאַנד לטובת די אַרבעטנ־דיקע און ברייטע הערפּאַשנע פאָלקס־מאַסן, איז נויטיק רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אַקציע, אייניקייט און גרייטקייט פון די מיליאָנען פאַר דעם רעוואָ־לוציאָנערן קאַמף. דאָס איז דער איינציקער אַנטשיידענער וועג. אַנדערע וועגן, ניט וויכטיק ווי הערָאיש זיי זאָלן ניט זיין, יחיד'ישע טעראָר־אַקטן אָדער טעראָר־אַקציעס פון קליינע גרופּן; „סימפּאַטיע" מצד ליבעראַלע גע־בילדעטע גרופּן און מענטשן — איז ניט דער אַנטשיידן־נויטיקער כוח צו דערגרייכן ראַדיקאַלע סאָציאַל־פּאָליטישע ענדערונגען.

צ ו ו י י ט נ ס , אַז די רעוואָלוציאָנערע אַקציעס און קאַמף פון די מיליאָנען מאַסן מוזן אָנגיין מיט אַ וואַקסנדיקן אימפּעט פון איין פּאָזיציע און עטאַפּ צו אַלץ העכערע פּאָזיציעס און עטאַפּן, בכדי צו פאַרצייכענען דערגרייכונגען. קוים ווערט דער אימפּעט פאַרמינערט, שטאַרקט זיך גלייך די אַגרעסיווקייט פון די קאָנטררעוואָלוציאָנערע כוחות, זיי קריגן די אױ־בערהאַנט און ביסלעכווייז נעמט די קאָנטררעוואָלוציע אַוועק די געוואונענע פּאָזיציעס פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן.

ד ר י ט נ ס , אַז אַפּשוואַכן, אָדער באַגרענעצן די דעספּאָטישע מאַכט פון צאַריזם איז ניט גענוג. די צאַרישע מאַכט מוז אינגאַנצן צעשמעטערט און באַגראָבן ווערן. נאָר דאַן, וועלן די געוואונענע פּאָזיציעס און דערגריי־כונגען פאַרזיכערט ווערן, און עס וועט געעפנט ווערן דער וועג אייַנצושטעלן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק. די מאַכט פון שטאַט וועט איבערגיין אין די רעוואָלוציאָנערע הענט פון פאָלק, וואָס וועלן מאַכן אַ סוף צו דער זעלבסט־הערשאַפט, צו די גוואַלד־טאַטן פון די צאַרישע באַאַמטע, דעספּאָטישע לאַנד־באַזיצער און זייערע אַרויסהעלפער אין די דערפער.

פ ע ר ט נ ס , די קאַרדינאַלע לעקציע פון דער 1905 רעוואָלוציע איז: פאַרשטיין דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, צואייגענען זיך אַ קלאַסן־באַגריף וועגן פּריוואַטקייט, אין דער ראַם פון פאַר־

שידענע מיינונגען מיט אַ קלאַסן־קאַמף־צוגאַנג לויט די באַדינגונגען און נויטן פון די אַרבעטער, פּויערים און ברייטע האַרעפּאַשנע מאַסן. די רעוואָלוציע פון 1905, האָט דעם טומאַן פון פאַלשע באַגריפן וועגן קלאַסן־אינטערעסן צעשמעטערט אין אַש און פּאָרעך.

אָט־די שלוסן האָט לענין געצויגן פון דער רעוואָלוציע. ער האָט אויך ניט פאַרפעלט צו אַנאַליזירן טיף אַלע עטאַפּן פון דער רעוואָלוציע, די ראָל פון דער רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אָפּשטעלנדיק זיך אויף טעאָרעטיש־מאַרקסיסטישע שוואַכקייטן, ווי אויך סטראַטעגיע און טאַקטיק אין דער רעוואָלוציע.

פּראָלעטאַרישער חוש און איניציאַטיווע

לענין האָט ספּעציעל אונטערשטראָכן, אַז די דערגרייכונגען און נידערלאַגע פון דער רעוואָלוציע אין 1905, לערנט אונז, אַז די אינדוסטריעלע אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מאַסן האָבן דורך זייערע אַקציעס באַוויזן צו אַנטוויקלען אַן אויסערגעוויינלעכן רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער צאַרישער אויטאָקראַטיע. פרידלעכע סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס האָט מען דערהויבן צו אַ שטופּע פון שטעלן אין רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַן אַרמיי פון פיר מיליאָן האָרעפּאַשניקעס. דער יונגער רוסישער פּראָלעטאַריאַט האָט באַוויזן די אומצאָליקע כוחות, וואָס קאָנען באַוועגט ווערן אין צייט פון אַ רייף־געוואָרענער רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע. די סטרייק־כוואַליע אין די שטעט, די גרעסטע אין דער געשיכטע פון דעמאָלטדיקן רוסלאַנד, האָבן ווייט ניט אויסגעשעפּט די פּאָטענציעלע כוחות פון פּראָלעטאַריאַט און האָרעפּאַשניקעס. אַ פּאָרזיכטיקער אַנאַליז פון די ציפערן פון דער צאָל סטרייקנדיקע אַרבעטער אין די קלענערע שטעט, און די צאָל אין די גרעסערע שטעט ווי מאָסקווע, פּעטערסבורג, ריגע און אַנד. האָבן דאָס באַשטעטיקט. די קעמפנדיקע אַרבעטער־מאַסן האָבן זייער שנעל באַגריפן, אַז פרידלעכע סטרייקס, אַפילו אין דער פאָרעם פון גענעראַל־סטרייקס וועלן ניט בויגן די דעספּאָטישע צאַרישע אויטאָקראַטיע און זיי זיינען דעריבער אַריבער צו באַריקאַדן און באַוואָפנטע אויפשטאַנד־אַקציעס. אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס) האָבן געפילט און באַגריפן, אַז אין לאַנגן גאַנג פון קאַמף וועלן די סטרייקס אַריבערגיין אין ברייטערע העכערע פאָרמען און באַוואָפנטן אויפשטאַנד. די פאָרמירטע „ראַטן פון אַרבעטער דעפּוטאַטן" האָבן אין זייער אָפּשאַצן די סטרייק־אַנטוויקלונג באַשלאָסן צו אַרבעטן אין דער ריכטונג פון פאַרוואַנדלען די סטרייקס אין באַוואָפנטע אַקציעס. עס איז אָבער קלאָר און עס איז אַ פאַקט, אַז די אַלע קערפּערשאַפטן זיינען ווייט ניט גענוג געווען צוגעגרייט פאַר דעם.

הינטערשטעליקייט פון דער פירערשאַפט

דער פאַראייניקטער ראַט (קאָונסיל) פון די „קעמפנדיקע אָפּטיילונגען" אַפילו, האָט באַטראַכט באַוואָפנטן אויפשטאַנד נ י ט ווי אַ באַלדיקע מעגלעכקייט און אויפגאַבע. דער ראַט איז געווען ווייט פון נעמען אַ דירעקטן אָנטייל, פון אָנפירן און האָבן קאָנטראָל איבער די שנעל־ענדערנדיקע אַקציעס און אין די גאַסן־קאַמפן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט. די אָרגאַניזאַציעס אינעם ראַט האָבן פאַרפעלט מיטצוגיין און געבן פירערשאַפט לויט דעם שנעלן טעמפּאָ, וואוקס און פאַרנעם פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַסן־באַוועגונג.

איבער די קעפּ פון דער אָנפירערשאַפט פון די אָרגאַניזאַציעס האָבן די אַרבעטער און האַרעפּאַשנע מאַסן אויסגעברייטערט זייער רעוואָלט און קאַמף. זיי זיינען אַריבער די גרענעצן פון סטרייקס צו באַריקאַדן, און פון באַריקאַדן צו באַוואָפנטן אויפשטאַנד. די רעוואָלוציע איז פון אַ פּאָליטישן גענעראַל־סטרייק אַריבער אין אַ העכערער שטופע. ווי אין אַלע פאַלן האָט פּאַקטישע לעבנס־דערפאַרונג מאַרשירט שנעלער ווי טעאָריע. אינסטרוקציעס צו בויען באַריקאַדן זיינען געקומען שפּעט. ווען די באַריקאַדן זיינען געבויט געוואָרן, האָבן די אַרבעטער געפרעגט, געוואָלט וויסן, — וואָס וועט זיין ווייטער? אין דעצעמבער 1905, האָבן די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פירער זיך אויפגעפירט און געהאַנדלט, ווי אַ הויפּט־קאָמאַנדיר פון אַן אַרמיי, וועלכער האָט זיינע אַרמיי־אָפּטיילונגען אַראַנזשירט אויף אַזאַ אַבסורדישן אופן, אַז די מערסטע כוחות האָבן ניט אָנטיילגענומען אין אַקציע.

די צאַרישע אַרמיי־טיילן האָבן אַרויסגעוויזן וואַקלעניש און אומאַנטשלאָסנקייט. צובאַשאָוו, קאָמאַנדיר פון 15 אַרמיי־טיילן האָט אַליין צוגעגעבן, אַז נאָר אויף 5 טויזנט פון די 15, האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן. ווייניק צוגרייטונגען זייענען געמאַכט געוואָרן פאַר איבערגעווינען די אַרמיי־טיילן אויף דער זייט פון די קעמפנדיקע אַרבעטער־מאַסן. די דעצעמבער־פּאַסירונגען אין מאָסקווע האָבן עס קלאָר באַשטעטיקט.

עס איז פאַרצייכנט דער פאָלגנדיקער פאַל: צוויי אַרבעטער־מיידלעך האָבן געטראָגן אַ פאָן צווישן אַ פאַרזאַמלטער מאַסע פון 10 טויזנט. זיי האָבן זיך געלאָזט פאַראויס צו באַגעגענען די אָנקומענדיקע קאָזאַקן מיט אַ געשריי: „הרג'עט אונז, מיר ווילן זיך לעבעדיקערהייט ניט אונטערגעבן". דאָס האָט אַזוי געווירקט, אַז די קאָזאַקן האָבן זיך צוריקגעצויגן. די טויזנט־קעפּיקע מאַסע האָט באַגייסטערט אויסגעשריגן „הוראַ פאַר די קאָזאַקן!", אַרומגערינגלט זיי, פראַטערניזירט מיט זיי און זיי איבערצייגט אָפּצוטרעטן.

עס זיינען פאָרגעקומען אַנדערע אַזעלכע פאַלן, פיל ביישפּילן ווי אַזוי אַרבעטער דאַרפן און קאָנען איבערגעווינען די וואַקלדיקע אַרמיי־טיילן. די

דעצעמבער־דערפאַרונג האָט באַשטעטיקט קאַרל מאַרקס' איינשטעלונג, עפּעס וואָס די אָפּאָרטוניסטן האָבן פאַרגעסן, אַז אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד איז „אַ קונסט", אַ וויסנשאַפט!

לענינ'ס מאַרקסיסטישער אַנאַליז, זיין אָפּשאַצונג פון די דערפאַרונגען אין דער 1905 רעוואָלוציע האָט ווי אַ באַלזאַם אָפּגעפרישט די דערדריקטע שטימונג, געהאָלפן פאַרטרייבן די מידקייט פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט און די ברייטע פאָלקס־מאַסן. זיין וויסנשאַפטלעכער רעוואָלוציאָנערער דיאַגנאָז וועגן די שלאַכטן, דערגרייכונגען און פאַרלוסטן, שוואַכקייטן און טעות'ן האָט אַריינגעגאָסן נייעם מוט, אויפגעעפנט נייע האָריזאָנטן, אָנגעוויזן אַ נייעם וועג — אַ זיכערן וועג פאַר אַ באַנייטן קאַמף קעגן דער צאַרישער אויטאָקראַטיע, קעגן די לאַנד־באַזיצער און קאַפּיטאַליסטן, קעגן דעם דעספּאָטישן שטאַט און פאַר סאָציאַליזם.

די רעוואָלוציאָנערע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע

די לעצטע פינף יאָר פון 19־טן יאָרהונדערט, און די ערשטע 10 יאָר פון 20־טן יאָרהונדערט, זיינען געווען יאָרן פון אויסערגעוויינטלעכע פּאַסירונגען און היסטאָרישע אַנטוויקלונגען אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס זיינען דערגאַנגען אין פּוילן, אויך ליטע און אין אַנדערע טיילן פון לאַנד מיט אַ קאָמפּאַקטער אידישער באַפעלקערונג. דאָס זיינען געווען יאָרן פון באַגעגנען צאַרישע ברוטאַליטעט מיט זאַבאַסטאָווקעס (סטרייקס), פּויערים־בונטן; אויפשטאַנדן, באַגלייט מיט שטראַף־עקספּעדיציעס, אַרעסטן און תּליות; ריזיקע דעמאָנסטראַציעס און בלוטיקע פּאָגראָמען אויף אידן; מלחמה, שוואַרצע רעאַקציע און קאָנטררעוואָלוציע. דאָס זיינען געווען יאָרן פון זיג־זאַגישן וואוקס, אַנטוויקלונג און טעטיקייט; יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון דער אַלגעמיינער און אידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד.

טעטיקייט און איינפלוס פון „בונד"

געגרינדעט אין יאָר 1895, האָט דער „בונד" אַנטוויקלט אַ ברייטע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין פּוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד — דעם תּחום המושב פון דער אידישער באַפעלקערונג אין צאַרישן רוסלאַנד. אין משך פון אַ פּאָר יאָר האָט דער „בונד" געוואונען דעם צוטרוי פון די ברייטע שיכטן פון די אידישע אַרבעטער און האַנטװערקער... פון זיין גרינדונג־אָן האָט דער „בונד" באַטראַכט די עקאָנאָמישע נויטן, ניט ווי אַ קאַמף פאַר זיך, נאָר פאַרבונדן זיי מיט דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן און רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן קעגן דעם פאַרהאַסטן צאַרישן רעזשים.

אין יאָר 1900, האָבן אָנגעהויבן פונקציאָנירן צווישן אידן א ריי אַנ־דערע סאָציאַליסטישע און האַלב־סאָציאַליסטישע גרופּן און פּאַרטייען, ספּע־ציעל ציוניסטישע און טעריטאָריאַליסטישע. דער „בונד" איז אָבער פאַר־בליבן די גרעסטע איינפלוסרייכע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע פון די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. אין דעם פּעריאָד פון 1903—1905 האָבן די 175 בונדישע אָרגאַניזאַציעס דורכגעפירט 429 מאַסן־פאַרזאַמלונ־גען, אין וועלכע עס האָבן אָנטיילגענומען איבער 75 טויזנט אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס; 45 מאַסן־דעמאָנסטראַציעס מיט איבער 20 טויזנט באַ־טייליקטע; 31 פּאָליטישע זאַבאַסטאָווקעס (סטרייקס), וואָס האָבן אַרומגע־נומען 23 טויזנט אַרבעטער.

אין 1904, האָט די מיטגלידערשאַפט פון „בונד" דערגרייכט איבער 30 טויזנט. אין די באַדינגונגען פון קריג־צושטאַנד, יאַפּאַנישער מלחמה, פּאָגראָם־העצעס, פאַרשטאַרקטן טעראָר פון דער „אָכראַנאַ"־פּאָליציי, זשאַנ־דאַרמען, אַרעסטן, הויז־זוכונגען און ווילדן געיעג נאָך רעוואָלוציאָנערן, האָט דער „בונד" אַרויסגעגעבן אַ צאָל רעוואָלוציאָנערע ציטונגען: די „אַרבעטער שטימע" אין אידיש, צוויי ציטונגען אין רוסיש, איין ציטונג אין פּויליש. זיי האָבן אויך געדרוקט און פאַרשפּרייט געהיימע פּראָקלאַמאַ־ציעס. עס האָט זיך דאַן שטאַרק געפילט דער איינפלוס, די שטימע, די אָנ־פירנדיקע האַנט און די ראָל פון „בונד" צווישן אידן, אין אידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן. אין די ראַיאָנען געדיכט־באַפעלקערטע מיט אידן אין אַזעלכע שטעט, ווי ווילנע, דווינסק, מינסק, ביאַליסטאָק, וואַרשע און אַנד. האָט אין די אויסגעברייטערטע רעוואָלוציאָנערע קאַמפּן פון די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן דער „בונד" געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל.

הירש לעקערט — לעגענדאַרער העלד

אין דעמאָנסטראַציעס פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יום־טוב פון ערשטן מאַי אין ווילנע און מינסק, אָרגאַניזירט פון „בונד" זיינען די אַרבע־טער־דעמאָסטראַנטן גרויזאַם באַפאַלן געוואָרן פון די צאַרישע זשאַנדאַרמען. רייטער־פּאָליציי האָבן מיט זייערע סווישטשענדיקע נאַגייקעס גרויזאַם גע־שלאָגן און צעטריבן די דעמאָנסטראַציעס. אַ היבשע צאָל אַרבעטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. מערסטע אַרעסטן זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך אָבלאַוועס (איבערפאַלן) מצד דער פּאָליציי אויף פאַרדעכטיקע אַרבעטער־הייזער פאַר אָנטיילנעמען אין די פייערונגען פון ערשטן מאַי. אין טורמע זיינען אַלע אַרעסטירטע שרעקלעך געשמיסן געוואָרן מיט נאַגייקעס. דאָס איז געטאָן געוואָרן לויט אַ ספּעציעלן „אוקאַז" (פאַראָרדענונג) פון ווילנער גובערנאַטאָר פאָן וואַל, אַ טרויעריק־באַרימט געוואָרענער דעספּאָט. דעם גובערנאַטאָר'ס אַקציע האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אויפרודערונג צווישן די אַרבעטער. הירש לעקערט, אַ שוסטער אַרבעטער, אַ מיטגליד פון „בונד"

איז אזוי שטאַרק באַווירקט און דערצאָרנט געוואָרן פון אַזאַ דערנידערנדיקער גרויזאַמקייט, אַז ער האָט באַשלאָסן אַליין דורכגעפירט אַן אַטענטאַט אויפן גובערנאַטאָר. אַ קריגס־געריכט האָט הירש לעקערט׳ן גע׳משפּט און פאַראורטיילט צום טויט.

דער „בונד" איז פּרינציפּיעל געווען קעגן טעראָר־אַקציע. לעקערט׳ס אַקט פון נקמה האָט אָבער אַרויסגערופן באַוואונדערונג, סימפּאַטיע, אַכט און שטאָלץ אין ברייטע אַרבעטער־קרייזן, און צווישן די מיטגלידער פון „בונד". איז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אַרויסגעקומען מיט אַ דערקלערונג, אַז אין דעם פאַל סאָלידאַריזירט ער זיך מיט דעם צאָרן און סענטימענטן פון די ברייטע אידישע אַרבעטער־מאַסן. די נאָכפאָלגנדיקע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן און די לויפנדיקע צייט האָבן פאַרוואַנדלט הירש לעקערט׳ן אין אַ רעוואָלוציאָנערער לעגענדע, און ער איז פאַראייביקט אַלס אַ העראָאישע אַרבעטער־פיגור, אַ מוסטער פון אַ אידישן רעוואָלוציאָנער. יאָרןלאַנג איז ער באַזונגען געוואָרן אין אידישע אַרבעטער־און פאָלקס־לידער. זיין רעוואָלוציאָנערער אַקט איז שטאַרק באַשריבן געוואָרן אין דער אידישער ליטעראַטור.

די 1905 רעוואָלוציע אין ליטע

אין דערגרייכטער אייניקייט פון אַ צאָל רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען איז דעם 11־טן דעצעמבער 1905, פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ פאַראייניקטער רוף פאַר אַ גענעראַל־סטרייק אין ווילנע. אַ קייט פון מאַסןדעמאָנסטראַציעס מיט רעוואָלוציאָנערע פאָנען, איז געוואָרן אַ טעגלעכע דערשיינונג. די גאַסן־דעמאָנסטראַציע דעם 13־טן דעצעמבער איז געווען די גרעסטע און היסטאָרישסטע אין דער געשיכטע פון דער שטאָט ווילנע. די אייזנבאַן־אַרבעטער זיינען נאָך עטלעכע טעג צוריקגעגאַנגען צו זייער אַרבעט און דער גענעראַל־סטרייק איז אין פולער אָרדענונג צוריקגערופן געוואָרן.

מאַסן־פאַרזאַמלונגען זיינען אין יענע טעג פאָרגעקומען אין אַלע שטעט און שטעטלעך. אין קאָוונע האָט דער „בונד" אין די זעלבע טעג אָפּגעהאַלטן גרויסע צוגרייטונגס־פאַרזאַמלונגען פאַר סטרייק־אַקציע, און צוזאַמען מיט דער רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי, סאָציאַליסטןרעוואָלוציאָנערן (עס.ער.), די ניי־געגרינדעטע ליטווישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און פּוילישע ס.ד. אַרויסגעלאָזן אַ געמיינזאַמען רוף פאַר אַ גענעראַל־סטרייק. אַלע פאַבריקן אין קאָוונע, אָן אויסנאַם, זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן. די סטרייקער האָבן אין געשלאָסענע רייען מאַרשירט אין דער גרעסטער דעמאָנסטראַציע, וואָס די שטאָט קאָוונע האָט ווען ניט אַיז אין איר געשיכטע געזען.

דעמאָנסטראַציעס זיינען אויך פאָרגעקומען אין אַ ריי קלענערע שטעט און שטעטלעך אין ליטע. די אַרבעטער און האַנטװערקער פון דער קליינער

ליטע האָבן ניט פאַרשעמט די העראָאישע רעוואָלוציאָנערע קאַמפּן פון די אַרבעטער און ברייטע פאָלקס־מאַסן אין גאַנצן לאַנד, זיינען ניט געבליבן הינטערשטעליק אין דער רעוואָלוציע.

א דאַנק דעם מעכטיקן רעוואָלוציאָנערן שוואונג אין לאַנד בכלל, איז די צאַריסטישע דינאַסטיע געווען געצוואונגען צוצוזאָגן און אפילו פּראָקלאַמירן א ריי רעפאָרמען. עס איז אפילו געלונגען, ווי מיר ווייסן שוין, ארויסצורייסן פונעם צאַר א מאַניפעסט פאַר דער באַשאַפונג פון א גרינדונגס־פאַרזאַמלונג — די „דומא”. זייענדיק געצוואונגען צו מאַכן אָט־די קאָנצעסיעס צום פיל־געליטענעם פאָלק האָט אָבער די פינצטערע מאַכט, מיט דער צווייטער האַנט פאַרשאַרפט די רעפּרעסיעס. מיט דער הילף פון די שוואַרץ־מאה'ניקעס און קאָנטררעוואָלוציאָנערע כוחות איז אויסגעשפּרייט געוואָרן א פרישע כוואַליע פון טעראָר, אומאויפהעריקע אַרעסטן פון רעוואָלוציאָנערן. און ספּעציעל ברוטאַל האָט זיך די שוואַרצע רעאַקציע באַצויגן צו די אידישע רעוואָלוציאָנערן. מיט די אידישע רעוואָלוציאָנערע קעמפער האָבן זיך די דעספּאָטן באַזונדערס אָפּגערעכנט.

די 1905 רעוואָלוציע האָט גאַנץ שטאַרק אָפּגעקלונגען אין ליטע. די רעוואָלוציע האָט צעטראַסקעט (טאַקע ניט אויף לאַנג) די צאַרישע אייזערנע טויערן, די אויפגעשטעלטע צוימען און דעם סדר פון קלאַסן־פאַרהעלטע־נישן. א פּחד איז באַפאַלן, אין די גרעסערע שטעט, די אידישע באַלעבאַטים. א מורא האָט ביי זיי געהערשט איינצורייסן זיך מיט די אַרבעטער, מיט זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס) און זייער איינפלוסרייכער פּאַרטיי — דער „בונד”. די רעוואָלוציע האָט ווי א גוטער רעגן געהאָלפן צעבליען די טעטיקייט פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די ערשטע לעגאַלע אידישע אַרבעטער־פּרעסע איז צום לעבן געקומען. א ריי טעגלעכע צייטונגען. אין ווילנע — דער „טעגלעכער וועקער”, וואָס איז דערשינען רעגלמעסיק פון 25־טן דעצעמבער 1905, ביז דעם 7־טן יאַנואַר 1906, און אויך דער „נייער וועג”, אָרגאַן פון די ס.ס.־טעריטאָריאַליסטן. און ווען די שוואַרצע רעאַקציע מיט אירע פּאָליציי־זשאַנדאַרמען זיינען באַפאַלן און צוגעמאַכט דעם טעגלעכן „וועקער”, האָט די רעוואָלוציאָנערע שטימע פון „בונד” זיך געלאָזט הערן דורך דער „נייע וועלט”, שפּעטער די „פאָלקס־צייטונג”. אזוי, אַז די רעוואָלוציאָנערע פּען, א מעכטיק געווער, האָט אונטער פאַרשיידענע נעמען דערפילט איר מיסיע, איז אָנגעגאַנגען אומאונטערבראָכן מיט איר אַרבעט.

די העראָאישע קאַמפּן אין 1907

נאָך דעם דערשטיקן אין טייכן בלוט די רעוואָלוציע, האָט די שוואַרץ־מאה'דיקע רעאַקציע, אזוי ווי איבערן גאַנצן לאַנד, געבושעוועט אין ליטע, נאָך מיט א סמיטשיק. דאָ האָבן זיי זיך ספּעציעל אָפּגערעכנט מיט דער

רעוואָלוציאָנערער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. פאַרפאָלגונגען און אַרעסטן האָבן דערשראָקן אַ טייל אַרבעטער, סטודענטן און אינטעליגענטואַלן.

דער שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס האָט שטאַרק געטראָפן די אידישע אַרבעטער. די אידישע באַלעבאַטים אין ווילנע, קאָוונע, שאַוול, פּאָנעוועזש א.אַנד., פריי פון רעוואָלוציע־פּחד האָבן אויסגענוצט דעם שווערן עקאָנאָמישן צושטאַנד, און מיט דער הילף פון פּאָליציי־זשאַנדאַרמען אָנגעהויבן זיך אָפּרעכענען מיט די אַרבעטער, אָפּשאַפן די אין בלוט שווער־געוואונענע אַרבעטס־באַדינגונגען. די באַלעבאַטים האָבן גענומען איינפירן לענגערע אַרבעטס־שעה'ן, שניידן די שכירות, און אין אַלגעמיין רודפ'ן זייערע אַרבעטער צוליב די מינדעסטע קלייניקייטן. די רעאָרגאַניזירטע אומלעגאַלע פאַראיינען, אונטער דער פירערשאַפט פון „בונד", האָבן גערופן די אַרבעטער צום קאַמף קעגן דעם צוויי־פראָנטיקן אָנגריף — די אַטאַקע און וואַקכאַנאַליע פון דער שוואַרץ־מאה'דיקער רעאַקציע, און די אַטאַקע פון די אידישע באַלעבאַטים. די אַרבעטער האָבן געענטפערט דעם רוף מיט דורכפירן 114 סטרייקס; 90 סטרייקס קעגן די פאַרזוכן אָפּצושאַפן די אויסגעקעמפטע פּאָזיציעס און בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען; און 24 סטרייקס פאַר העכערע לוינען און אַנדערע פאָדערונגען צו מאַכן דאָס לעבן פון די אַרבעטער גרינגער.

דאָס איז געווען אַ גאָר וויכטיקער פעריאָד אינעם לעבן און אַקטיוויטעטן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע. דורך מוסטערהאַפטער איינקייט און מיליטאַנטישקייט האָבן די אידישע אַרבעטער, אַלערליי באַלמעלאָכעס אין ווילנע, קאָוונע, שאַוול, דווינסק און אַנדערע שטעט מיט זייערע העראָאישע קאַמפן אַריינגעשריבן די סאַמע הערלעכסטע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין דער קליינער פאַראָרעמטער ליטע.

די געווערקשאַפט־פאַראיינען זיינען, ניט קוקנדיק אויפן טעראָר, אויפגעלעבט געוואָרן. די פאַראיינען (יוניאָנס) האָבן דאַן געבראַכט צום לעבן אַ ניי געוועקס אין די הענט פון די אידישע פּראָלעטאַריער — דאָס „געווערקשאַפטן־בלאַט". מיט דער הילף און שטיצע פון „בונד" איז די דאָזיקע קעמפערישע שריפט ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן און געקראָגן אַן עפעקטיוון אָפּקלאַנג אין די רייען פון אידישע באַלמעלאָכעס.

דורך אומדערמידלעכע ברייטע קאַמפּאַניעס האָט דער „בונד" צוזאַמען מיט די אומלעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אָרגאַניזירט נייע אָפּטיילן אין אַ ריי פאַכן, און באַוויזן מיט דערפאָלג איינצושטעלן צענטראַלע געווערקשאַפטן־קאָמיטעטן, וואָס האָבן געגעבן פירערשאַפט די אומלעגאַלע פאַראיינען.

ריזיקער פּאַרנעם פון די אַרבעטער־קאַמפן

די וויכטיקסטע, באַמת שאַרפע קאַמפן פון אידישע אַרבעטער קעגן זייערע באַלעבאַטים זיינען פּאַרגעקומען אין ווילנע, אין 1908, אַרומנעמענדיק אַ ריי פאַכן — זאָקן־שטריקעריי, גאַרבעריי און בערשטער.

3,000 זאָקן־שטריקער, מענער און פרויען, זיינען אַרויס אין קאַמף קעגן זייערע באַלעבאַטים, פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. לאַנגע 16 וואָכן האָט דער סטרייק, אַ זייער ביטערער, אָנגעהאַלטן. זייער קעמפעריש־קייט און אייניקייט האָט אָפּגעקלונגען אין דער ברייט און לענג פון גאַנץ רוסלאַנד, און אויך אין אויסלאַנד. די פּעטערבורגער אַרבעטער האָבן אויס־געדריקט זייער סאָלידאַריטעט מיט די העראָאישע סטרייקער אין ווילנע דורך אַ ביישטייערונג פון הונדערט רובל. דער פאַראיין פון טעקסטיל־אַר־בעטער פון דייטשלאַנד האָט צוגעשיקט 6 הונדערט מיט 25 מאַרק. די טעקס־טיל־אַרבעטער פון קאָפּענהאַגען האָבן אַריינגעשיקט זעקס הונדערט מיט 80 פראַנק. נאָך 16 קעמפערישע וואָכן האָבן די 3,000 זאָקן־שטריקער פון ווילנע געבראָכן דעם רוקן־ביין פון זייערע באַלעבאַטים און פון דער פּאָליציי, און געפּייערט זייער געוואונענעם קאַמף.

די גאַרבער־אַרבעטער אין ווילנע זיינען 22 וואָכן געשטאַנען אין אַ ביטערן קאַמף קעגן אַ 35־פּראָצענטיקן שניט אין זייערע שכירות. די באַלע־באַטים האָבן אויסגענוצט אין פולן די מאַכט פון דער זשאַנדאַרם־פּאָליציי קעגן די סטרייקער. פּשוט'ער הונגער, גרויס נויט און פּאָליציי־באַרבאַריזם האָבן געבראַכט דעם 22־וואָכיקן סטרייק צו אַן ענד.

אין סמאָרגאָן האָבן 1,500 גאַרבער־אַרבעטער, שטעלנדיק זיך אין קאַמף קעגן דעם 35־פּראָצענטיקן לוין־שניט, פאַרצייכנט אַ טיילווייזן דערפאָלג. עס איז זיי געלונגען צו צווינגען די באַלעבאַטים צו פאַרקלענערן דעם לוין־שניט צו בלויז 13 פּראָצענט.

עלף הונדערט בערשטער־אַרבעטער אין ווילנע זיינען אַרויס אין אַ לאַנגן קאַמף קעגן דעם באַשלוס פון זייערע באַלעבאַטים צו שניידן די שכי־רות און פאַרלענגערן דעם 8־שעה'יקן אַרבעטס־טאָג. 5 חדשים לאַנג האָבן די בערשטער־אַרבעטער געקעמפט. זייער קאַמף האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן לאַנד און אין אויסלאַנד. סאָלידאַרישע שטיצע, מאָראַלישע און פּי־נאַנציעלע, איז געקומען פון פאַרשיידענע שטעט אין לאַנד און פון אויסערן לאַנד. פון די „בונד"־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע — אַ סומע פון הונדערט דאָלער. די בערשטער־אַרבעטער האָבן זייער קאַמף געוואונען.

וועגן די שניידער־פאַכן אין ווילנע און אַנדערע שטעט אין ליטע, זיינען לײדער קיין איינצלהייטן ניט פאַראַן, אויסער דעם, וואָס דער „בונד" האָט אין יענער צייט זיך פאַרנומען מיט צוגרייטן און פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון די אַרבעטער אין די שניידער־פאַכן אין אַלע באַלטישע פּראָווינצן.

פון באַרג־אַראָפּ גאַנג צו באַנייטן קעמפערישן וועג

צום סוף פון יאָר 1908, און אָנהויב פון יאָר 1909, האָט די געווערק־שאַפטן־באַוועגונג דורכגעמאַכט אַ שווערן פעריאָד. אַ ריי פאַראיינען אין ווילנע זיינען צערונען געוואָרן. דאָס האָט צוליב פיל סיבות פּאַסירט מיטן פאַראיין פון די בוי־אַרבעטער מיט 800 מיטגלידער; פאַראיין פון די זאָקן־מאַכער מיט 700 מיטגלידער; פאַראיין פון די פריקאַשטשיקעס („קלויזקס") מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 1,000; דער שניידער־פאַראיין מיט אַרום 800 מיטגלידער, און דער גאַרבער־פאַראיין פון 800 מיטגלידער. אָט־דער באַרג־אַראָפּ צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן ביז דער צווייטער העלפט פון 1909. באַם סוף פון יאָר 1909, האָט ווידער אָנגעהויבן צו טאָגן אין די רייען פון די אידישע האָרעפּאַשניקעס. אין אָנהויב גאָר פּאַמעלעך, כמעט קריכנדיק. די אַרבעטער האָבן זיך געגוויטיקט אין צייט — אַ ביסל צייט צו קומען־צו־זיך נאָך די לאַנגע שאַרפע און ביטערע קאַמפן פון 1908; אַ ביסל צייט צו באַנייען די כוחות פאַר די אומפאַרמיידלעכע קומענדיקע באַנייטע קאַמפן. די פאַך־פאַראיינען האָבן פאָרזיכטיק פּלאַנירט און ערנסט באַטראַכט יעדן שריט פון די באַנייטע אַקטיוויטעטן, צוערשט אין פאָרעם פון באַגרענעצטע פאָ־דערונגען צו די באַלעבאַטים. אָט־די פאָרזיכטיקע, גוט־פּלאַנירטע שריט האָבן אין גאַנג אויפן באַנייטן וועג צוגעקראָגן נייעם אימפּעט און אַרויס־גערופן אַ גינסטיקן אָפּקלאַנג צווישן די אַרבעטער.

אין 1910, האָט דאָס טאָגן זיך מער אויסגעבראָכן און האָט זיך אויס־געברייטערט און צעשטראַלט מיט אַ שיינענדיקער זוניקער ליכטיקייט. מיט באַנייטע כוחות זיינען די אַרבעטער־פאַראיינען ווידער אַרויף אויף קעמ־פערישע רעלסן פון קלאַסן־קאַמף.

ניט קוקנדיק אויף אַלע בלוטיקע מאַס־מיטלען, האָט זיך דעם באַר־באַרישן צאַרישן רעזשים ניט איינגעגעבן אויף לאַנג צו דערשטיקן דעם לויטערן, פיל־צוזאָגנדיקן גייסט פון דער רעוואָלוציע פון 1905. די ביטערע פאָלגן פון דער מלחמה, די לעקציעס און געשאַפענע פּערספּעקטיוון פון דער רעוואָלוציע, אין איר ברייטן היסטאָרישן פאַרנעם, האָבן באַווירקט און באַ־איינפלוסט דאָס דענקען פון פאָלק, דעם אָרט־לעבן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, אָנצייגנדיק דעם וועג פון קאַמף פאַר די יונגע, אונטערוואַקסנדיקע דורות אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט.

אויף אָט־דער קאַנווע, אָנגעפּיקעוועט מיט לויטערע און ליכטיקע קאַמפן פון די אונטערדריקטע מאַסן אין צאַרישן רוסלאַנד, אין די יאָרן פון מיין קינדהייט און יוגנטלעכער אַנטוויקלונג, זע איך און פאַרצייכן — ליטע, מיין טייערע מאַמע, און באַזונדערס מיין געבוירנשטאָט ווילקאָמיר.

צווייטער טייל

טייערע מאמע ליטע -
לאנד פון מיין קינדהייט
און פון מיינע יונגע יאָרן

מיין געבורט־שטאָט ווילקאָמיר — אזוי האָט דער הערשנדיקער צאַריזם א נאָמען־געגעבן די אַלטע ליטווישע שטאָט „אוקמערגע". מיט רוסיפיצירן דעם נאָמען פון דער שטאָט איז דער צאַריזם אויסן געוועזן צו טרעפן עטלעכע האָזן מיט איין שאָס. רוסיפיצירט דעם נאָמען פון שטאָט, כבוד'יק באַערט דעם דורכפּליסיקן טייך מיטן ליטווישן נאָמען שווענטע, אָבער אַרויסגעריסן פון די ליטווישע הערצער א היסטאָרישע לעגענדע, וואָס דער ליטווישער נאָמען „אוקמערגע" האָט פאַרקערפּערט. די לעגענדע וועגן א יונג שיין ליטוויש מיידל, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין די אַרומיקע געדיכטע וועלדער און איז פאַרצוקט געוואָרן פון א סטייע וועלף. „אוק" מיינט אין ליטוויש — פאַר־צוקט, און „מערגע" — א מיידל.

די שטאָט ווילקאָמיר

ווילקאָמיר איז געווען באַקאַנט אין ליטע, ווי א „אויעזדני גאָראָד" — א באַצירק־שטאָט אין דער קאָוונער גובערניע מיט א באַפעלקערונג פון 12 טויזנט, פון וועלכע איבער 90% זיינען געווען אידן. פיר ברוקירטע הויפּט־גאַסן האָבן זיך געצויגן פון צענטער שטאָט צו די שאָסייען קיין דווינסק, קאָוונע, ווילנע און ראַמעגאַלע און אזוי אַרום באַשטעמפּלט די נעמען פון די הויפּטגאַסן פון שטאָט, — גאַסן מיט אַלערליי געשעפטן, קראָמען און קליינע וואַרשטאַטן. פון און צו די הויפּט־גאַסן האָבן זיך געשלענגלט אזוי ווי אין א שפּינוועב געסעלעך, שטעגעלעך און זאַוואוליקעס. א טייל פון דווינסקער גאַס, ציענדיק זיך צו ווילנער גאַס, האָט זיך ווי אַנגעשפּאַרט אויף דעם „הייפּישן באַרג", דעם איינציקן באַרג אין שטאָט. די ווילנער גאַס האָט געפירט צו דער איינציקער בריק אין שטאָט, איבער דעם טייך שווענטע, וואו די צווייטע טייל פון שטאָט איז געלעגן. געהייסן האָט זי „אונטער'ן וואַסער". פאַרוואָס — בלייבט א קשיה . . . איינער פון די כאַראַקטעריסטישע ליטוואַ־קישע אויסדרוקן.

אריבערן בריק האָט די ווילנער גאַס געפירט צו דעם אידישן שטאָטישן בית עולם, און ווייטער צו דער שיינער „פּאַוואָניע" — א דאַטשע־רעזאָרט פון סאָסנאָווע וועלדער. א טייל פון וואַלד, א גרויסער שטח לאַנד איז געווען איינגאַנצן אָפּגעזונדערט, ניט צוטריטבאַר. דאָס לאַנד איז געווען א טייל פון דעם קניאַז ראַדזיוויל'ס אַלטן פּאַלאַץ. א צווייטער פּאַלאַץ, א רעכטע שטרע־קע ווייטער איז געווען באַקאַנט ווי דער „ווייסער פּאַלאַץ" פון קניאַגינע ראַדזיוויל. אין פּאַוואָניער געגנט, אין די דאַטשעס פון די סאָסנאָווע וועלדער, פלעגן אין די צייטן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה קומען אַריסטאָ־קראַטן אזוי ווייט ווי פון מאָסקווע, פּעטערבורג און אַנדערע שטעט צו היילן זיך פון „טשאַכאָטקע" (לונגען־קראַנקהייט). אין פּאַוואָניער וואַלד זיינען

געוואַקסן די מחיה'דיקע געלע שוועמעלעך, וואָס האָבן געהאַט דעם טעם פון זיבעטן הימל. די גיטער און פּאַלאַצן פון די ראַדזיווילס און די גאַנטאַפּס זיינען געווען אונטער דער אויפזיכט פון פּאַרוואַלטערס. איינמאָל אַ יאָר פלעגן די גרויסע פּריצים פּעראַדלען באַווייזן זיך מיט זייערע קאַרעטעס אין שטאָט. די מערסטע צייט פלעגן זיי פאַרברענגען אין קאַסינאָס פון מאָנאַקאָ, פראַנקרייך און אַנדערע אַזאַרט־פּלעצער.

אין שטאָט און אַרום דער שטאָט האָבן זיך געפונען אַ היבשע צאָל סעדער און גערטנער, אויסגעשפּרייטע פעלדער מיט קליינע אידישע ישובים און געדיכטע לאַנגע ברייטע שטרעקעס לאַנד, דערפער מיט אָרעמע ליטווישע פּויערים. די פיר הויפּט־גאַסן פון שטאָט מיט זייערע געשעפטן, כל־המינים קראָמען און „געגעץ־קרעמעלעך" — געגנוג פּלאַץ פאַר צוויי עריינג־פּעסלעך מיט אַ קרעמערקע אַריינגעקוועטשט צווישן זיי און דעם קונה אויפן טראָטואַר — האָבן פאַר אונז, יונגע חברה געברויזט מיט לעבן און קוריאָזיטעט.

אויסער די געשעפטן האָבן די גאַסן אויך געהאַט עפּעס ספּעציעלעס מיט וואָס צו באַרימען זיך: קאָוונער גאַס — מיט איר גרויסן שיינעם „פּלאַץ פּאַראַד גאָרטן", מיט דער גרויסער „פּראַוואָסלאַוונע צערקווע", „פּערקולס האָטעל", די „קאַזנאַטשעיסטווע", דעם „איספּראַווניקס" פּאָליציי־געביידע און די פּאָטשט; די דווינסקער גאַס — מיט דער „גאָראָדסקאָיע אוטשי־לישטשע" (שטאָטישע פּאָלק־שול), שטאָטישן שפּיטאָל און די טורמע. אויף אַ בייגאַס — דער הויכער קאַטוילישער קאַטעדראַל. פון „הייפּישן באַרג" האָט מען געקאָנט כאַפּן אַ קוק איבער דער שטאָט און אויף דעם שטיל־פליסיקן טייך שווענטע מיט די פאַרביישווימענדיקע פּליטן. אויפן „פּלאַץ פּאַ־ראַד", אין די אָוונטן, האָט מען געקאָנט זען די שפּאַצירנדיקע יונגע פּאָרלעך. דער גאָרטן איז געווען באַפּוצט מיט זילבערגאָלדענע לאַמטערנעס, בלאַנ־קעדיקע ווי גרויסע קוילן־פּילקעס. בענק אַרום אַלע ביימער באַ די סטעזשקעס פול מיט שפּאַצירנדיקער יוגנט, וואָס האָט „געקנאַקט" רוסיש צו באַווייזן זייער געבילדעטקייט און קענטשאַפט פון דער שפּראַך.

דאָן דער „קייסער סאָד", אַ גרויסער פּאַרק־וואַלד כמעט ביים סוף פון קאָוונער גאַס. צווישן די געדיכטע ביימער אַן אָפענע בינע פּלאַטפאָרמע מיט אַ דאַך, וואו אַרמיי־קאַפּעליעס פלעגן פון־צייט־צו־צייט שפּילן מוזיק. ווי אין אַ חלום געדענקט זיך אויך דאָרט אַ פאָרשטעלונג פון אַ גאַסטראָלירנדיקער אידישער טעאַטער־טרופּע. „דאָס פּינטעלע איד", אויב איך מאַך ניט קיין טעות.

אין דעם שווענטע טייך, באַזוימט מיט שיטערע און געדיכטע ברעגן, מיט וועלדלעך, מיט זיין פרישן, קילן און פליסיקן וואַסער, פלעגט זומער־צייט זיין אַ מחיה צו פּליושקען זיך, צו שווימען, זיך באָדן, אַרויספאָרן אויף אַ שיפל באַגלייט פון אָנגענעמע ווינטעלעך, וואָס האָבן שטיל געבלאָזן, געגלעט און געקיצלט.

ווילקאָמירער אידן — טיפּישע ליטוואַקעס

באַשפּרענקלט מיט אַ קליינער צאָל פּאָליאַקן, רוסישע סטאַראָווערן, איז ווילקאָמיר געווען אַ טיפּישע אידיש־ליטווישע שטאָט. אַ שטאָט פון מתנגדים, גאָטפּאָרכטיקע אידן, און אידן מיט וועלטלעכע באַגריפן. דער קליינער ציבור חסידים האָבן, אויסער זייער חסיד'יש שטיבל און חסיד'ישע ניגונים ניט אויסגעטיילט זיך מיט זייער בגדים און באַנעמונג. אַ שטאָט פון אַ היבשער צאָל למדנים, קרעמער, סוחרים, בעל־מלאכות, האָרעפּאַשניקעס און אביונים. אַ שטאָט פון שולן און קלויזן — אַ זעלטן שיינע כאָר־שול און אַ שול־הויף, אַ בית מדרש און אַ באַלעגאָלישע שול, חדרים און אַ בית הספר, אַ מושב זקנים, אַ אידישע „יעוורעיסקאָיע אוטשילישטשע", אַ אידישער שפּיטאָל און אַ אידישע ביבליאָטעק.

די כאָר־שול, אַ גרויסע הויכע געביידע אין פאַרגלייך מיט די דורכשניטלעכע שולן, איז געווען ממש צו באַוואונדערן. סיי די ווענט, די האָלץ־שניצעריי פון ארון־קודש, פון דער בימה, פון דער גאַלעריע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט די צוועלף שבטים איז געווען די אַרבעט פון אַ גרויסן קינסטלער־שניצער. די כאָר־שול, צוליב דער פּראָבלעם פון באַהייצן, פלעגט גענוצט ווערן נאָר שבתים און יום־טובים. דאָס קול פון חזן, פון בעל קורא פלעגט דאָרט אָפּהילכן אַזוי ווי אַ פּויק און אַרויסרופן אַ געפיל פון יראת־הכבוד. אַ פאַרדרוס און אַ שאָד, וואָס עס האָט געפעלט אין די קינדער־יאָרן דער אינטערעס צו באַקענען זיך מיט דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער אויסערגעוויינטלעכער כאָר־שול.

אויסער דער היבשער צאָל למדנים, צווישן זיי אַ טייל מיט סמיכה אויף רבנות, זיינען געווען צוויי אָפיציעלע רבנים אין שטאָט. עס זיינען געווען פיר אידישע דאָקטוירים. וועגן דעם אידישן דאָקטאָר קאַצענעלנבויגן און אַ קריסטלעכן דאָקטאָר, מיצקעוויטש, פלעגט מען באַ אונז אין שטאָט זאָגן, אַז „נאָך דעם באַרעמהערציקן קומען זיי".

ווי אין יעדער שטאָט און שטעטל פון יענע צייטן זיינען אויך די אידן אין ווילקאָמיר געווען באַקאַנט מערסטנס לויט די צונעמען: יאַנקל דער קראָליק (געקינדלט, ווי אַ קראָליק); מאָטקע דער אינדיק (געבלאָזן פון זיך); שמואל די שוועבעלע (זיך אָנגעצונדן ווי אַ שוועבעלע). אַנדערע האָבן געהייסן לויט זייערע פאַכן: איציק דער בלעכער, אבע דער קאַטלער, בענצע דער שערער, מאיר דער שענקער, הירשל דער מעקלער, מאיר'קע דער קצב, איצע דער איזוואָשטשיק, יאַנקל דער באַלעגאָלע, דוד דער שמש, אברהם דער גלעזער, חיים דער קוימען־קערער. פאַמיליע־נעמען פון אידן אין העכערע פּראָפעסיעס זיינען געווען: זאַלקינד דער פעלדשער, קאַפּלאַן דער פּראָשעניע־שרייבער, גערשטיין דער אַפּטייקער, שאַפּיראָ דער דאָקטאָר, שטערן דער פּאָדריאַטשיק, יעקב זלמן דער שוחט, שאווילינסקי דער לערער, און אַנד.

(אַ פולע רשימה פון ווילקאָמירער צונעמען — צום סוף פון בוך.)

עקאָנאָמישע באַזע און פּרנסה פון שטאָט

די ברייטע אומגעגנט, די ליטווישע דערפער און אַ ריי שטעטלעך און ישובים האָבן געשאפן און באַשטימט די עקאָנאָמישע באַזע פון דער שטאָט, די פאָרמען פון פּרנסה — קרעמעריי, הענדלעריי און אַלערליי פאַכן. די פיר הויפּטגאַסן פון שטאָט זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט מאַגאַזינען, קראָמען, קרעמעלעך גרויס ווי אַ גענעץ, האַנטווערקער, שניידעריי פאַר מענער און פרויען, בלעכער, קאָוואַליעס, קופּערשמידן, סטאָליערס, טאָקערס, קאַמאַשן־שטעפּער, זאָקן־מאַכער. מערסטע פון די אונטערנעמונגען זיינען געווען זעלבסט באַשעפטיקטע; אַ קליינע צאָל האָט געהאַט ארויסהעלפער — אַ פּאָר ארבעטער. למשל, די גאַרבאַרניעס און עטלעכע ציגעלניעס האָבן באַשעפ־טיקט אַ געדונגענע צאָל אַרבעטער.

די אָפּוואַזנהייט פון אַ באַן־פאַרבינדונג מיט די גאַנץ ווייטע שטעט, ווי ווילנע, קאָוונע, דווינסק, האָט געגעבן באַשעפטיקונג צו אַ היבשער צאָל באַלעגאָלעס, פאַר דעם דעלעזשאַנס, קאַרעטקעס און לאַסט־וועגענער. בײַ די ארומיקע וועלדער האָבן פאַרדינט פּרנסה וואַלד־סוחרים. פון געדונגענע סעדער און גערטנער, און פון די וועכנטלעכע יאַרידן יעדן דאָנערשטיק צו וועלכע ס׳זיינען געקומען פּויערים פונעם ארום, האָבן געצויגן פּרנסה קליינע הענדלער.

אַ צאָל אייגנטימער פון גרעסערע מאַגאַזינען, קרעמער־באַלעבאַטים, וואַלד־סוחרים, אַרענדאַטאָרן, מעקלערס, אייגנטימער פון קאַרעטקעס, פון גאַסטיניצעס (האָטעלעכלעך), פּאַדריאַטשיקעס, אַפּטייקערס און אַנדערע פּראָ־פעסיאָנאַלן האָבן זיך געלעבט באַקוועם. אַזוי אויך אייניקע האַנטווערקער. די מערסטע אידישע איינוואוינער אָבער, אייגנטימער פון קליינע קרעמלעך, הענדלער, שווערע משא־טרעגער, לאַטוטניקעס, — זיי האָבן געלעבט פון האַנט־צו־מויל; באַלאָדן מיט טעגלעכער זאָרג פאַר פּרנסה, פאַרטאַיעוועט אין לופט־געיעג צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן אויף שבת. די ווי שפּינוועבס געפלאָכטענע געסלעך פון און אַרום די הויפּט־גאַסן זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט אביונים.

די באָד־גאַס, אַזוי באַקאַנט צוליב דער באָד און מקווה דאָרט, האָט לינקס אַריינגעפירט צו „מצרים״ גאַס, אַזוי גערופן צוליב די ציגעלניעס דאָרט וואו מ׳האָט שווער געפראַצעוועט מאַכנדיק ציגל, און רעכטס האָט זיך אַ גאַס געצויגן צו די גאַרבאַרניעס און דערבייאיקן טייך. אַ רעכטער שטח פון אַ גאַנצן געגנט פון זאַמדיקע, שלענגלדיקע געסלעך איז געווען אָנגע־פּיקעוועט מיט כאַלופּעס, וואו עס האָבן געוואוינט אָן אַ שיעור אָרעמעלייט, אביונים שב׳אביונים.

דעם עקאָנאָמישן מצב פון די אָרעמעלייט, פון די דאָזיקע אביונים איז שווער צו באַשרייבן. די האַלב־אײַנגעפאַלענע כאַלופּעס — זייערע דעכער

מיט שמאַטעס די לעבער פאַרשטאָפּט עס זאָל ניט אַריינרעגענען, די ערדענע פּאָדלאָגעס פון זאַמד און מיסט. די דערוואַקסענע אין פּשוט'ע שמאַטעס, די קינדער אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, האַלב נאַקעט און באָרוועס. נאָך אַ רעגן האָט מען געטאָפּטשעט אין זינקענדיקע בלאָטעס. אַ טייל פון די אביונים האָבן אָנגעהאַלטן זייערע נשמות דורך קהל'שער קיצבה; אַנדערע, ווי וואַ־סער־טרעגער, משא־טרעגער, לאַטוטניקעס, מוזן אויסקומען מיט גראָשנדיקע פאַרדינסטן.

די „מצרים"־גאַס האָט אַמבעסטן כאַראַקטעריזירט דאָס לעבן און די ליידן פון די אידישע אָרעמעלייט אין שטאָט. נאָך אַ נעסט פון אָרעמעלייט איז געווען די „יאַטקע גאַס". דאָ האָבן זיך געפונען די פלייש־קרעמלעך און שטיבעלעך פון די קצבים. די אָרעמע לייט פון יאַטקע גאַס האָבן זיך ניט געבאָדן אין אַזאַ אָרעמקייט ווי די איינוואוינער פון באָד־גאַס, פון „מצרים"־גאַס און די גאַרבאַרניע־געסלעך. דער טעגלעכער געיעג צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן, צו האָבן פאַר אַ שטיקל חלה אויף שבת, איז געווען די גרעסטע זאָרג פון זונטיק ביז קומענדיקן פרייטיק און שבת.

אַזאַ איז געווען די אידיש־ליטווישע שטאָט ווילקאָמיר, די שטאָט פון מיין געבורט, אירע זוניקע און אירע שאָטנדיקע זייטן. די אידישע שטאָט אין וועלכער ס'איז קיין זכר פון אידן ניט פאַרבליבן. די ברוטאַלע נאַצים האָבן פאַרטיליקט די מערסטע ווילקאָמירער אידן. די זייער קליינע צאָל, וואָס האָט זיך געראַטעוועט זיינען נאָכן סוף פון דער מלחמה צוריק אין ווילקאָמיר ניט געקומען. אייניקע פון זיי געפינען זיך איצט אין ווילנע. אַ צאָל זיינען אין ישראל. אין דער איצטיקער אוקמערגע איז קיין איינציקער איד ניט פאַראַן.

משפחה־הינטערגרונט; מיינע קינדער־יאָרן

לויט דער מאַמעס חשבון (מיין מעטריקע איז פאַרלאָרן געגאַנגען) בין איך געבוירן דעם ערשטן טאָג שבועות 1903. אונזער משפחה־צווייג איז אין ווילקאָמיר געווען באַקאַנט אַלס די משפחה־זרחי די קאָטלערס און קו־פער־שמידן. אַ לאַנג־יאָריקע קייט פון קופער־שמידן, מיט וועלכער דער זיידע פלעגט זיך גרויסן. זיין טאַטע, זיין זיידע און עלטער־זיידע זיינען געווען קופער־שמידן. די מלאכה איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור.

דער זיידע אַבע, די באָבע האָדע, דער טאַטע נחום, די מאַמע ראָדע־מערל, דער עלטערער ברודער יוסף־הייוויש און ישעיה—שאַיקע האָבן צו־זאַמענגעשטעלט אונזער משפחה. געלעבט צוזאַמען אין אַ צוויי־שטאָקיק הויז; זיידע־באָבע אין ערשטן שטאָק, מיר — אויפן צווייטן שטאָק. דער ראש פון דער משפחה איז געווען דער זיידע אַבע.

די מאַמע פֿלעגט דערציילן, אַז די באָבע האָט געבראַכט אין דער וועלט אַריין 13 קינדער, צווישן זיי צוויי צווילינגס, אויסגעהאָדעוועט פֿון די 13 קינדער, נאָר פֿיר — דריי זין און אַ טאָכטער. צוויי פֿון די דריי זין זיינען אין אַמעריקע. דער טאַטע נחום איז געווען דער עלטסטער, — אַלע קופּער־שמידן, אַזוי אויך דער טאָכטער׳ס מאַן. די איבעריקע צוויי זין האָט דער זיידע צוליב „לעגאַטע" חשבונות אָפּגעשיקט אין אַמעריקע, דעם איידעם איינגעאָרדנט אין קיידאַן אַלס קופּער־שמיד. וואָס די מאַמע האָט אויסגעלאָזן צו דערציילן איז, אַז דער קלוגער זיידע האָט צוליב שלום־בית דעם איידעם איינגעאָרדנט אין שטעטל קיידאַן. די מומע איז געווען דער מאַמען אין וועג אין אירע ירושה־חשבונות.

הינטער דעם הויז האָט זיך געפֿונען די קוזניע; אין פֿאָרנט פֿון אַריינגאַנג צום זיידנ׳ס הויז — די קאָוואַדלע, אויף וועלכער דער זיידע מיטן טאַטן פֿלעגן אין טאַקט אויסקלאַפּן מיט זייערע האַמערס די בויגן קופּער אין אַלערליי פֿענדלעך, טעפּלעך, און וואַסער באַטשקעס (פֿעסלעך). אין די זומער־מאָנאַטן פֿלעגט דאָס האַרץ אויסגיין, פֿון וועלן אַריינגעמען אַ האַמער אין האַנט אַריין, אַ קלאַפּ־טאָן אַזוי ווי דער זיידע און טאַטע. צו די וואונדער ווי דער זיידע פֿלעגט אויסקלאַפּן די קופּער־בויגנס איז קיין ברעג ניט געווען. אָנגעהיצט אין דער קוזניע זיינען די קופּער־בויגנס פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין רונדיקע פֿאָרמען פֿון טעפּלעך און פֿענדלעך, איין גאַנצע טייל מיט די דנאָ־דעקלעך, די הענטלעך מיט קופּערנע נעגעלעך צוזאַמענגענאָסן, און דאָס אויבערשטע דעקל פּרעציז צוגעפּאַסט. אינעווייניק האָט מען דאָס טעפּל, אָדער פֿענדל אויסגעווייסט און דאָס האָט זיי געגעבן אַ זילבערנעם גלאַנץ. די ווענט פֿון זיידנ׳ס הויז זיינען געווען באַהאָנגען פֿון די אַלערליי קופּערנע מכשירים און כלים פֿאַר קונים זיך אויסצוקלייבן זייער מאָדעל און באַשטעלן אויסצואַרבעטן עס.

דער טאַטע איז געווען נאָך אַ גרעסערער מייסטער. אַ געוויסע צייט געלערנט אין ריגע, פֿלעגט דער טאַטע אָננעמען באַשטעלונגען פֿאַר אַלערליי קופּערנע מכשירים, פֿאַר זעלצער־וואַסער זאַוואָדן, באַפּוצונגען פֿון שטאָטישע גערטנער, פּלאַץ־פּאַראַדן מיט קיילעכדיקע קולבעס, גלאַנציקע ווי זילבער־באַצירטע.

ווען עס האָט זיך אונטערגערוקט די שרעק פֿון דער מעגלעכער יאַפּאַניש־רוסישער מלחמה, האָט דער זיידע פֿאַרזאָרגט, אַז דער טאַטע זאָל אָפּפֿאָרן קיין אַמעריקע און דאָרט בלייבן ביז נאָך דער מלחמה. אין קאַנאַדע איז דעם טאַטן, אַ דאַנק זיין מייסטערישקייט געווען גרינג זיך איינצואָרדענען. אין מאָנטרעאַל האָט זיין ספּעציאַליטעט אויסגענוצט די סי.פּי.אַר. (אייזנבאַן־זאַוואָד פֿון „קענעדיען פּאַסיפֿיק רעילוועיס"), וואו ער האָט געאַרבעט און גוט פֿאַרדינט. זיינע פֿאַרדינסטן זיינען, ווייזט אויס, געווען מער

ווי געוויינטלעכע, געגנוג פֿאַר אונזער פֿאַמיליע אין ווילקאָמיר צו לעבן באַ־קוועם, און פֿאַרן טאַטן אין קאַנאַדע נאָך אָפּצושפּאָרן אַ בייטעלע אויף מאָרגן. די סי.פּי.אַר. האָט באַזאָרגט דעם טאַטן מיט קאַנאַדער בירגערשאַפֿט און אים געראָטן צו אַריבערברענגען די פֿאַמיליע. דעם טאַטנ׳ס חשבונות זײַנען אָבער געווען מיט דער צייט אַהיימקומען צו דער פֿאַמיליע אין ליטע.

אונזערע נאָענטע קרובים זײַנען געווען: דער פֿעטער יאַנקל, דער קופּער־שמיד, מיט זײַן אײַנציקער טאָכטער שיינע. צווישן זיידן און פֿעטער יאַנקל האָט קיין ברידערלעכע נאָענטקייט ניט עקזיסטירט. דער פֿעטער יאַנקל איז געווען אַן אַלמן — אַ חסיד; דער זיידע — אַ פֿאַרברענטער מתנגד. די מאָדנע שאַרפֿע מחיצה צווישן די ברידער, איז מיר קיינמאָל ניט קלאָר גע־וואָרן, געבליבן אַ רעטעניש. אַנדערע קרובים זײַנען געווען די קאָסעלס, דרײַ ניט־פֿאַרהייראַטע פּרויען־דאַמען. די דרײַ שוועסטער האָבן אָנגעפֿירט מיט אײַנעם פֿון די אָנגעזעענע מאַגאַזינען אין שטאָט, פֿון קאָסטבאַרע אַרטיקלען און סחורות, באַדינענדיק די רײַכע באַלעבאַטים, די פּריצים און נאַטשאַל־סטוואָ.

פֿון דער מאַמע׳ס צד זײַנען געווען — איר פֿעטער און מומע, יאַנקל און ראָדע זרחי, באַקאַנט אין שטאָט מיט זייער אַרײַנפֿאָר, שטאַלן און גאַס־טיניצע (גאַסט־הויז—האָטעל). אויסער די האָטעל־צימערן איז אויך געווען אַ בירעלע, און אַ בופֿעט מיט אַ גרויסן אויסוואַל פֿון אַלערליי מאכלים. די מומע ראָדע האָט געהאַט אַ נאָמען פֿאַר אַן אויסערגעוויינטלעכער קעכין. די מערסטע באַלעבאַטים און סוחרים פֿלעגן זיך אַרײַנכאַפּן צו דער מומעס בופֿעט פֿאַר אַ גלעזעלע בראָנפֿן, וואָס איז געווען אַן אויסרייד צו פֿאַרבײַסן מיט אירע באַ׳טעמ׳טע געגנדזענע לעבערלעך, גריבענעס, געפֿילטע פֿיש, מאַריי־נאַט און אַנדערע פּאַטראַוועס. דער מומע׳ן האָבן אַרויסגעהאָלפֿן אירע צוויי טעכטער און צוויי זין, שמעון און אַרטשיק. די טעכטער און דער אינגערער זון אַרטשיק, אַזוי ווי די מומע, האָבן זיך געדעכנט פֿאַר די פּני פֿון שטאָט, געבלאָזן פֿון זיך... דער עלטערער זון, שמעון, ווי דער פֿעטער יאַנקל זײַנען געווען פּונקט דאָס פֿאַרקערטע — טײַערע, האַרציקע, פּשוט׳ע, מחיה׳דיקע מענטשן. דער פֿעטער יאַנקל האָט לאַנג ניט באַוויזן צו לעבן, איז מיר פֿאַר־בליבן נאָר דער טײַערער גוטער שמעון.

די קינדער־יאָרן

די קינדער־יאָרן זײַנען געווען גוטע, וואונדערבאַרע יאָרן. יאָרן פֿרײַ־דיקע און הנאה׳דיקע. יעדער טאָג, יעדע וואָך האָבן אַנטדעקט נײַע ווינקעלעך פֿון לעבן. אַרום־און־אַרום וואונדער שב׳וואונדער: דעם זיידנ׳ס קונצן אין דער קופּער־שמידערײַ, אין קוזניע און ביי דער קאָוואַדלע; לעווינ׳ס טאָקערײַ, וואו שמואל מיט זײַנע צוויי זין האָבן פֿון פּשוט׳ע קלעצער האָלץ אויסגעטאָקט

פיסלעך פאַר שטולן, טישן, קאָמאָדן, קאַבינעטן מיט וואונדערבאַרע געשניצטע אוזאָרן, און קינסטלעריש זיי אויסגעפאַרבט אין פאַרשיידענע גלאַנציקע קאָלירן; די זאָקן־שטריקעריי; בענצע דער שערער מיט זיינע קונציקע שערעלעך, וואָס האָט אָרומגעפוצט אידישע וואָנצעס, בערד און בערדלעך, מאַכנדיק זיי אויסקוקן ווי פּריצים, אַריסטאָקראַטן; דער דערבייאיקער חדר; מאיר׳ס שענק און לאַדאָוונע (אייז־קעלער); דער שטאָטישער ברונעם מיט די וואַסער־טרעגער; די באָד, דאָס קליינע טייכל און בריקל; „מצרים״־גאַס מיט די ציגעלניעס; די גאַרבאַרניעס; די באַלעגאַלישע קלויז. קומט פּסח־צייט פלעגט לעווינ׳ס טאָקעריי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מצה־פאַבריאַד, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מצה־רעדלעריי.

אָט־די אַלע וואונדער ווינקעלעך האָבן זיך געפונען אין אונזער באָד־גאַס, וואָס האָט זיך געצידערט בערגל־אַראָפּ. ווינטער האָט געבראַכט אַ גוטן סקריפּענדיקן שניי, באַגלייט מיט פריייד און הנאה פון שליטלען זיך אַראָפּ־באַרג. אין די פרילינג־טעג האָט מען זיך קוים דערוואַרט פּטור־צו־ווערן פון די ווינטערדיקע בורקעס, זיך אָנטאָן לייכטערע בגדים, און באַגעגענען די יום־טובים פּסח און שבועות מיט זייערע געשמאַקע מאכלים.

איך געדענק גוט דעם טאָג, ווען דער זיידע האָט מיך גענומען אין חדר אריין. אַ רעכטע ווײַלע האָט דער זיידע מיר צוגעגרייט מיט לערנען דעם אלף־בית. אָן איינגעוויקלטן אין זיין טלית האָט דער זיידע אין זיינע קאָטליאַרישע אָרעמס מיך געטראָגן אין חדר אריין. אַריינגעקומען אין חדר, האָט דער זיידע מיטן רבי׳ן געמאַכט אַ ברכה, מיך אויסגעוויקלט פון טלית, און אוועקגעזעצט לעבן רבי׳ן. אַרויסגייענדיק האָט ער מיר אָנגעזאָגט צו זיין אַ גוטער תלמיד, לערנען מיט התמדה און האָרכן דעם רבי׳ן. אַ ווײַלע בין איך געבליבן זיצן אויפן באַנק, ווי אַ געפּלעפּטער. געקומען אַ ביסל צו זיך, האָבן מיינע אויגן באַגעגנט די אויסגעגלאָצטע אויגן פון די אַנדערע קינדער אַרום אַ לאַנגן טיש אויף די פאַרנומענע בענק. די פּאַדלאָגע אַ זאַמדיקע. ביים ברעג טיש איז געלעגן אַ לעדערנער קאַנטשיק. דעם רבינ׳ס ווייב איז צוגעקומען, מיך אַ גלעט־געטאָן, און ווי מיך צו באַרואיקן איבער מיין שרעק פון דעם קאַנטשיק האָט זי געזאָגט: „זאָרג ניט, שייקעלע, דער קאַנטשיק איז ניט פאַר דיר״. איר ליבלעכער שמייכל האָט מיך באַרואיקט. דער רבי האָט מיך דאַן פאַרהערט אין אלף־בית. ס׳איז אוועק ווי אַ מזמור. דער רבי איז געווען צופרידן, און ווי ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן — דער לעדערנער קאַנטשיק אויך.

דער זיידע האָט אָנגעהאַלטן מיט זיין לערנען מיך. יעדן שבת, נאָכן טשאָלנט־דרעמל, האָט ער מיך פאַרהערט, וואָס איך האָב אויסגעלערנט פאַר דער וואָך. די באָבע פלעגט, ביי דער געלעגנהייט באַגלייטן דאָס פאַרהערן מיט צוטראָגן אַן עפּל, אַ באַרנע, אַ קיכעלע אָדער אַ צוקערקע. פון דער

צייט־אָן האָב איך אָנגעהויבן גיין מיטן זיידן אין שול צו מנחה און מעריב, שפּעטער אויך צו שחרית. שפּאַצירנדיק די עטלעכע טריט פון אונזער הויז צו דער באַלעגאַלישער שול, מיין הענטל אין זיידנ׳ס גרויסער האַנט, האָב איך געפילט, ווי אַ דערוואַקסענער.

פאַרענדיקט דעם חדר־זמן, האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין בית הספר. דאָרט האָט מען געלערנט אַ ריי לימודים: העברייאיש, דיקדוק, תנ״ך, און גמרא. אין דער זעלבער צייט האָב איך אויך אָנגעהויבן לערנען אין דער שטאָטישער „יעווריסקאָיע אוטשילישטשע״ (פאָלקשול).

דער בית הספר און די יעווריסקאָיע אוטשילישטשע האָבן פאַר מיר געעפנט די טויערן צו דערזען די ברייטע וועלט אין איר פאַרנעם. זיי האָבן אָבער נים אָפּגעווישט דעם חדר און אונדזער באָד־גאַס, — די גאַס פון מיין זיידנ׳ס קאַטלעריי, לעווינ׳ס טאָקעריי, די זאָקן־מאַסטערסקאַיא, מאיר׳ס לאַדאָוונע, די בעקעריי, די מילך קראָם, די באָד, דאָס קליינע טייכל מיטן בריקל צו די ציגעלניעס און גאַרבאַרניעס; די אביונים אין זייערע כאַלופּעס; שמעונ׳ס ציען די ביר פון פעסלעך אין די פלעשלעך, די אייזן־פאַרב קראָמען, די קאַרעטקע־באַלעגאָלעס און די יאַטקעס. אָט־די אַלע וואונדערלעכע ווינקלען מיט זייערע פאַרשידנאַרטיקייטן זיינען געווען אַ טייל פון מיין יונגן וועזן. ביידע לערן־אַנשטאַלטן, דער בית הספר און די „אוטשילישטשע״, האָבן אויסגעברייטערט מיין באָד־גאַס וועלטל, איר פיל באַרייכערט און ביי מיר געשאַפן נייע באַגריפן. ס׳איז צום „באָד־גאַס וועלטל״ צוגעקומען דער „הייפישער באַרג״, דער „אַמעריקאַנער הויף״ און אַ גרעסערער קרייז פון חברים מיט וועמען אויסצולעבן זיך.

„אַמעריקאַנער הויף״ און דער „הייפישער באַרג״

דער טשיקאַווער נאָמען „אַמעריקאַנער הויף״ האָט כאַראַקטעריזירט זיינע איינוואוינער, מערסטן טייל פרויען מיט זייערע קינדער, וועמעס מענער, עלטערע זין און טעכטער זיינען געווען אין דער ווייטער אַמעריקע. די הייזער, אויסגעלייגט אין פאָרעם פון אַ פּאָדקאָווע, האָבן געלאָזט ליידיק אַ היבשן פּלאַץ אָפּגעזונדערט פון דער קאָוונער גאַס. פאַר קינדער איז דער הויף געווען אַ גן־עדן, אַ פּלאַץ פאַר אַלערליי שפּילן און איינפאַלן אָן שום שטער. די איינציקע, וואָס פלעגן איבעררייסן די שפּילן און דאָס וואוילגיין פון די חברה, זיינען געווען די מאַמעס, וועלכע האָבן דערמאָנט, אַז ס׳איז צייט פאַר אַ גלאָז מילך, אַ פּוטער־קיכעלע, אַ ציבעלע־קוכן, אַ בייגל, אָדער גערופן גיין אַהיים אויף אָוונטברויט. באַזוכן אויף דעם ׳אַמעריקאַנער הויף״ האָט מיר געגעבן אַ געלעגנהייט, אויפן וועג אַהיים, זיך אַריינכאַפּן צו אונזערע קרובים, די קאַסעלס און זייער גרויסן מאַגאַזין־געשעפט.

דער הייפּישער באַרג לעבן דעם בית הספר האָט פאַרשאַפט פאַרגעניגן פון אָפּצוקאַפּן דעם אָטעם בעת צווישן־קלאַסן איבעררייסונגען, און פאַר־געסן אויף אַ ווײַלע דעם בייזן פּנים פון גמרא־רבי׳ן שמואל קאַט (פונער). אונזער באָד־גאַס בערגל, איז אין פאַרגלייך מיט דעם הייפּישן באַרג געווען אַ פּיפּערנאָטער, אַ צוציק. פון הייפּישן באַרג האָט זיך געזען אַ טייל פון דער גאַנצער שטאָט — די בריק, דער טייך. דאָרט אויף דעם גראָז צווישן דיביימער האָט מען זיך געקענט אָפּרוען, ווי אין דעם שיינעם פּלאַץ פאַראַד. אויפן וועג צו און פון הייפּישן באַרג האָט מען געקאָנט באַקוקן דעם גרויסן אַפּטייק מיט אַזויפיל אויסגעשטעלטע סלאָיעקלעך און פלעשעלעך מיט צעטעלעך פון די פאַרשיידענע מעדיצינען און דעם באַיאָרנטן אַפּטייקער אין זיין ווייסן כאַלאַט. צו שפּאָרן צייט האָט מען געקאָנט דורכשניידן אַ געדרייט געסל פאַרן אַפּטייק גלייך צו ווילנער גאַס און באָד־גאַס און צו דער היים.

זומער איז דער הייפּישער באַרג, אויסער דעם טייך, געווען דאָס בעס־טע אָרט זיך אָפּצוקילן פון דער ברענענדיקער זון. ווינטער צוזאַמען מיט דעם באָד־גאַס בערגל איז דער הייפּישער באַרג מיט זיין זילבער־בלישטשע־דיקן שניי געווען פאַר די שילער פון בית־הספר, ווי פאַר אַנדערע יונגע חברה ממש אַ גן־עדן. דאָס באָד־גאַס בערגל, ווינטער־צייט, האָט נאָך געהאַט די מעלה, די נאָענטקייט צו אונזער הויז. מ׳האָט זיך געקאָנט שליטלען צו יעדער צייט ביז דער לעצטער מינוט פאַר אָוונטברויט. אין די ווינטערס האָט הימל און ערד, באַרג און טאָל פאַרפולט דעם קינדערשן, אינגלשן בעכער פון פרייד און הנאה.

די באַלעגאָלישע קלויז און עליע הזקן

אויפן ראָג פון אונזער הויז וואו די באָד־גאַס און דאָס באַלעגאָלישע געסל האָבן זיך צוזאַמענגעגאַסן, איז געשטאַנען די צוויי־שטאָקיקע געביידע — די באַלעגאָלישע קלויז. די קלויז איז פאַר אונזער משפחה, באַזונדערס פאַר דעם זיידן און באָבען געווען אַ טייל פון זייער היים. די פאַרבינדונג מיט דער באַלעגאָלישער שול איז ניט נאָר געווען דאָס דאַווענען, דער אויס־דרוק פון אמונה און האַלטן זיך אין די וועגן פון „אויבערשטן”, נאָר אַ טייל פון זייער טאָג־טעגלעכן אויסלעבן זיך. דער זיידע און זיין פאָטער זיינען געווען די הויפּט־בויער פון דער שול. פאַרן אויפבויען די שול איז אונזער משפחה זרחי אָפּגעגעבן געוואָרן די גאַנצע לינקע זייט פון אָרון קודש אין דער מזרח־וואַנט אויף אַלע צייטן.

טשיקאַווע און אַ רעטעניש איז געווען דער נאָמען „באַלעגאָלישע שול”. די אַבסאָלוטע מערהייט פון אונזער שול זיינען ניט געווען קיין באַלעגאָלעס. דער שפּאָרזאַם־רעדנדיקער זיידע האָט וועגן דעם נאָמען קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט; צו פרעגן, איז דאָן קיין שכל ניט געווען. איז די רעטעניש פאַר־

בליבן, פונקט ווי די רעטעניש ווענן אונזער פעטער, דעם חסיד, ווען דער זיידע איז געווען א פארברענטער מתנגד.

די טירן פון דער באלענאלישער שול זיינען געווען גאנצע טעג אָפן — אָן אָפענער צענטער פון מתנגדיש־אָרטאָדאָקסישן לעבן. פרייטיק־צו־נאכט, שבתים און יום־טובים פלעגט די שול זיין געפּאַקט ווי אַ בינשטאָק. אינמיטן וואָך האָבן אָפּגעקלונגען די ניגונים פון שחרית, מנחה און מעריב. אינצווישן צייט האָבן זיך געהערט די ניגונים פון די ישיבה־בחורים, דאָס קול פון עליע הזקן ביי דעם לאַנגן טיש פון מערב־וואַנט, וואו ער האָט גע־לערנט תורה. דער לאַנגער טיש מיט זיינע בענק ארום זיינען אַלעמאָל פאַר־נומען מיט אידן, יונג און אַלט צו הערן עליע'ס למדנ'ישקייט און חכמה, זיינע אויסטייטשונגען פון רש"י, פאַרגלייכן און ביישפּילן. אַ קלענערער טיש איז אַלעמאָל געווען פאַרנומען מיט תהילים־לייענער אונטער עליע'ס השגחה. ווען עליע הזקן פלעגט מען זאָגן, אַז גאָט'ס שכינה רוט אויף אים.

דאָס לערנען און די ניגונים פלעגן אָנהאַלטן גאַנצע טעג, ווען אַלע־ליי ווייבער פלעגן קומען זיך אויס'טענה'ן באַם אָפענעם אָרון־קודש מיט דעם אויבערשטן ווענן זייערע צרות. זיי האָבן גע'טענה'ט צו גאָט אויפן קול, אַזוי ווי צו אַן אייגענעם, ווענן אַ טאָכטער'ס קראַנקהייט, ווענן אַ שווערן קימפּעט, פאַרלוסט פון מאַן, דעם ברויטגעבער, אַ שוואַכן קינד, אַן אַלמנה'ס מאַטערן זיך, ווענן אַ פאַרזעסענער טאָכטער, אַז ס'איז ניטאָ קיין גראָשן אויף חלה פאַרן הייליקן שבת, אָדער עס איז צייט צו האָבן אַ קדיש אין דער פאַמיליע. אַרויסגיין פלעגן די ווייבער באַרואיקטע נאָכן אויס'טענה'ן זיך מיטן אויבערשטן . . . דער גרויסער גאָט וועט העלפן.

עליע הזקן, אונזערער אַ שכן, האָט אויפן ראָג פון ווילנער גאַס געהאַט אַ מעל־קראָם, אָבער אין אירע געשעפטן ניט אָנטייל גענומען. מיט דער מעל־קראָם האָבן אָנגעפירט זיין פרוי און עלטערער זון. פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט האָט עליע הזקן פאַרבראַכט אין קלויז על התורה ועל העבודה. ער האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות, געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן למדן, אַ תלמיד־חכם. אַלע אַרומיקע שכנים, אידן פון שטאָט, מענער און ווייבער פון אַלערליי שיכטן פלעגן קומען צו עליען מיט שאלות ווענן כשרות, געשעפט־ענינים, פאַמיליע־סכסוכים, שותפות־געשעפטן. עליע הזקן איז געווען אַ ווילקאָמירער שלמה המלך. זיין רואיקייט, זיין פּאַטריאַרכאַ־לישער אויסזען און שכינה־רו אויפן פּנים, די טיפע חכמה און זיין פּשטות האָט אַרויסגערופן אַלעמענס דרך ארץ. זיינע אַן עצה איז אָנגענומען גע־וואָרן, ווי אַ פּסק־דין.

אויסער עליע'ס טיש מיט די ישיבה־בחורים, איז דער קלויז־אויוון געווען אַ צענטער פאַר בינטלעך אידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אַלערליי שמועסן און פאַרשפּרייטע נייעסן; פאַרלאָפענע מעשיות אין שטאָט,

חתונות, בר־מצווה׳ס; ווער עס איז חלילה פארשלאפט געוואָרן און ווער ס׳איז מיט גאָטס הילף געזונט געוואָרן פון אַ שווערער קראַנקהייט; ווער עס לעבט אויף צרות און ווערמען עס לעבט זיך נישקשה. בא דעם שול־אויוון זיינען אויך באַשלאָסן געוואָרן אַלע וועלט־ענינים.

אין די יום־טובים, באַזונדערס ימים־נוראים איז די קלויז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זשומיקן בינשטאָק פון דער גרויסער צאָל קינדער. ראש־השנה און יום־כיפור איז אויף אַ לאַנגן טיש איבער גאַנץ גרויסן אַריינגאַנג צו דער שול געווען אויסגעשטעלט אַן אַ שיעור פאַרשיידענע צדקה און הצלחה שיסעלעך. פון די קלינגענדיקע מטבעות פלעגט אונז חברה פאַרכאַפּט ווערן דער אָטעם. פּסח און שבועות איז מען פאַרכאַפּט געוואָרן מיט שפּילן אין ניס און אַלערליי גרינסן; כל־הנערים־טאַנץ און הקפות צו שמחת־תורה; פּורים — מיט מתנות און שלח־מנות און פּורים שפּילן. מען האָט שיעור ניט געפּלאַצט פון הנאה און פאַרגעניגן.

דער חזן פון דער באַלעגאַלישער שול האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענעם קול־נגינה. געווען באַרימט אין ליטע, געהאַט אָנבאָטן פון קאָוונע און ווילנע אויף חזנות. (אַ שאָד, וואָס איך האָב זיין נאָמען פאַרגעסן). ער האָט אָבער די באַלעגאַלישע שול ניט פאַרלאָזן. פאַר אונז קינדער איז די שול געווען „אַ וועלט מיט וועלטעלעך״.

נאָך צוויי יאָר לערנען אין חדר האָט עליע הזקן געבעטן דעם זיידן, ער זאָל מיר לאָזן קומען אין שול און זיצן ביי זיין טיש. דער זיידע איז געווען זייער צופרידן. נאָכן פאַהערן מיר לייענען פון תהילים, האָט עליע מיר געהייסן לייענען אויפן קול פון דער בימה. אַזוי אַרום בין איך געוואָרן אַ „תהילים פאַרלייענער״. דער טייערער שמש אהרון פלעגט מיר העלפן אַרויפגיין אויף דער בימה. איך האָב דאַן געפילט, אַז איך בין „אין זיבעטן הימל״.

דער פעטער יאַנקל און זיין טאָכטער שיינע

דער פעטער יאַנקל, דעם זיידנ׳ס ברודער, האָט געוואוינט אויף דער באַלעגאַלישער גאַס אויף דער זייט, וואָס האָט אַריינגעפירט צו דווינסקער גאַס. דאָס געסל איז געווען דער קורצער וועג צו צוויי חברים מיינע. די פרעמדקייט צווישן פעטער און זיידן, דעם זיידנ׳ס קאַפּוליער אָנצוהערעניש... אויסצומיידן דעם פעטער, איז געווען פאַר מיר אַ פּראָבלעם. פרעגן דעם זיידן: ס׳טייטש, פאַרוואָס? האָט קיין העזה ניט געסטאַיעט; אַליין אויסגעפינען איז, ווייזט אויס, נאָך ניט געווען געגוג שכל. בכדי אויסצומיידן דעם פעטער׳ס הויז, ספּעציעל זומער, ווען ער פלעגט זיצן אויף זיין גאַניק, האָב איך געמוזט פאַרביילויפן ווי אַ גנב... איך האָב צוליב דעם געפילט פּאַס־

קודנע און שולדיק. עטלעכע מאָל פאַרביי־לויפנדיק, פלעגט מיר נאָכפאָלגן דעם פעטער׳ס שטימע: „שאַיקעלע, קום אַהער, דיין פעטער וויל דיך זען״. איין אויסוועג איז געווען — דער לענגערער וועג, פון אונז צו ווילנער גאַס און דאַן אַראָפ צו דווינסקער. אָבער די באַקוועמלעכקייט פון גיין מיט דעם באַלעגאָלישן געסל פלעגט גובר זיין, האָפנדיק, אַז דער פעטער וועט זיין אין זיין הויז. עס האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ באַגער צו וויסן, וואָס פאַר אַ מענטש דער פעטער איז. האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אין איין שיינעם טאָג באַשלאָסן מער ניט דורכלויפן דאָס געסל, ווי אַן אונטערגע־שאָסענער.

דער פעטער יאַנקל מיט זיין טאָכטער שיינע זיינען געזעסן אויפן אָפע־נעם גאַניק, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף מיר, איך זאָל זיך באַווייזן. דערזען מיך אַ ניט־פאַרביילויפנדיקן האָבן זיי ביידע, דער פעטער און זיין טאָכטער, מיך אַ רוף־געטאָן. מיט אַן אַראָפגעלאָזענעם קאָפ האָב איך זיי דאָס מאָל באַגעגנט. דער פעטער יאַנקל האָט מיך אַרומגעכאַפט מיט זיינע קאָטליאַ־רישע אָרעמס, געקושט און געהאַלדזט. די טאָכטער שיינע, אַזוי ווי דער פעטער, איז געווען מלא שמחה, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט מיר. ביידע האָבן זיי מיר פשוט אַריינגעטראָגן אין הויז אַריין, פאַרוואָרפן מיר מיט פראַגעס — וואָס די מאַמע מאַכט, דער זיידע, די באָבע? שיינע האָט סער־ווירט טיי, באַבקע, לעקעך, צוקערקעס, מאַנעלעך, עפל און באַרנעס, אַזוי ווי יום־טוב. ביידנס הארציקייט, וואַרעמקייט, און ליבלעכקייט האָט אַזוי פאַרקלעמט דאָס יונגע הערצל מיינס און ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן, האָב איך קוים אַרויסגעבעבעט, אַז איך וועל זיין שפעט צו זען מיין חבר. אַ צוזאָג, אַז איך וועל פון־צייט צו־צייט קומען צו זיי האָב מיך געראַטעוועט פון מיין פאַרלעגנהייט. באַגלייט מיט זייערע קושן, האָב איך זיך פאַרנומען צו מיין חבר.

עטלעכע טעג האָב איך ניט געקאָנט פאַרגעסן מיין ערשטן טרעפן זיך מיטן פעטער יאַנקל און שיינע׳ן. אין הויז האָב איך אַ וואָרט ניט געוואָגט איבערצוגעבן דער מאַמען און מיין ברודער יאָסקען וועגן דעם ענין. בלויז דער באָבען האָב איך אין אַ פאָר טעג אַרום דערציילט, וואָס עס האָט פאַ־סירט. די באָבע האָט מיך אויסגעהערט, אָבער אויסער אַ גלעט האָט זי קיין וואָרט ניט געזאָגט. אַזוי איז עס פאַרבליבן מיין אייגענער סוד פון אַ רירנ־דיקער דערפאַרונג. מיין צוזאָג צום פעטער האָב איך געהאַלטן, פון צייט־צו־צייט פלעג איך זיי באַזוכן אויף עטלעכע שעה. בעת מיינע באַזוכן בא זיי אין הויז האָט סיי דער פעטער יאַנקל און זיין טאָכטער שיינע קיינמאָל אפילו ניט פרובירט באַרירן די טשיקאַווע רעטעניש וועגן די נישט־נאָרמאַלע צווישן־באַציאונגען פון אונזער משפחה. די צופרידנקייט מיט מיין קומען זיי זען, ווי אויך דאָס וואָס איך בין נאָך געווען אַ קינד, האָט, מסתמא, זיי אָפגעהאַלטן צו ריידן וועגן דעם אָנגעווייטיקטן ענין.

די „יעווריסקאָיע אוטשילישטשע" און דער בית־הספר

צו זיבן יאָר האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין דער „יעווריסקאָיע אוטשילישטשע" און אַן ערך אַ יאָר פריער אין בית הספר. די רוסישע שול איז געווען אַ פּיריאַריקע פּאָלקשול. די לימודים האָבן אַריינגענומען: די רוסישע שפּראַך, גראַמאַטיקע, רוסישע געשיכטע, געאָגראַפיע און עלעמענטאַרע אַריטמעטיק. דער הויפּט־פּאַרוואַלטער איז געווען דער לערער בייראַך, אַ פולשטענדיק אַסימילירטער איד, אַזוי אויך זיין געהילף די לערערין זינאַאידאַ. פוןביידן האָט מען קיינמאָל קיין אידיש וואָרט, אָדער אויסדרוק ניט געהערט. די ערשטע באַגעגעניש מיט דעם דירעקטאָר לערער בייראַך האָט אַרויסגערופן אַ שרעק, ממש אַ פּחד. אין זיין אוניפאָרם מיט די בלישטשעדיקע קנעפּ, האָט ער אויסגעזען אין אונזערע אויגן, ווי אַ גרויסער „טשינאָווניק"... זיין „גוי"אישער פּנים, זיין גאַנג, זיין שטייפע, קאַלטע, פאַרמעלע אויפנאַמע פון די נייע שילער האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַן „איספּראַווניק". דער חילוק פון חדר און בית הספר אַטמאָספערע צו דער אין דער רוסישער שול איז געווען אַ גרויסער. ס'האָט געפאָדערט צייט זיך אַקלימאַטיזירן. ווען ניט די שעה'ן פון הפסקות וואָלט מען פשוט געקאָנט פּלאַצן פון דער אָנגעצויגענער פאָרמעלער אַטמאָספערע. דער גרויסער שול־הויף מיט די אַרומיקעביימער פול מיט עפּל און באַרנעס האָט געהאָלפן אָפּכאַפּן דעם אָטעם און קומען אַ ביסל צו זיך.

דער דירעקטאָר, דער ראש פון דעם בית הספר איז געווען דער תנ"ך־רבי וועלוועל־מיכע יקטן (יאָקטאָן). ער איז געווען אַ חסיד, קליין־געוואוקסיק מיט אַ שטראַלנדיקן פּנים, אַן אויסערגעוויינלעך שיינע ווייסע באָרד, אַ לאַנגע, אַ פירקאַנטיקע, אַזוי ווי ספּעציעל ערשט־אָ אַרומגעשניטן; שטענדיק אָנגעטאָן אין אַ ריינעם ציכטיקן אָנצוג, אַ זיידענע גוט־צוגעפּאַסטע קאַפּאָטע, אַ שיינע היטל. ער האָט פשוט אָלעמאָל געגלאַנצט, ווי ערשט פון באָד אַרויס. רבי יאַקטאַנ'ס אויסזען, זיין קליידונג, זיין ציכטיקייט און באַנעמונג האָט אים געמאַכט פאַר עפּעס אַן אַנדער סאָרט איד צווישן אונזערע אידן אין שטאָט. אַן אויסנאַם, אפילו צווישן דער קליינער צאָל חסידים. איך פלעג זיך ניט קאָנען אָנזעטיקן, ניט אַראָפּנעמען מיינע בליקן פון רבי'ן — פון זיין באָרד און זיין ליכטיקן פּנים. סיי אין „אוטשילישטשע", סיי אין בית הספר בין איך געזעסן פאַראויס אויף דער ערשטער סקאַמעיקע (באַנק). רבי יאַקטאַנ'ס טיש אין פאָרנט פון די „סקאַמעיקעס" איז געווען באַדעקט מיט ספרים און שרייב־פּאַפּיר, אַלץ אין אַ פּלאַנמעסיקער אָרדענונג, די גרויסע לינייקע (ווירע), טינט און פעדער — אַלעמאָל אויפן זעלבן פּלאַץ.

אחוץ תנ"ך האָט רבי יאַקטאַן אויך געלערנט דקדוק. זיין אופן פון לערנען איז ניט געווען קיין טרוקענער. סתם לייענען אויף אַ קול אַ קאַפּיטל תנ"ך איז ניט געווען געניג; דער עיקר, צי מען פאַרשטייט וואָס מ'לייענט. זיינע

אויסטייטשונגען אין אידיש פלעגן ארויסרופן אינטערעס און ליבע צו תנ״ך. איז טאקע תנ״ך געווארן אן אינטערעסאנטער לימוד. רבי יאקטאן איז אויך געווען געדולדיק מיט אונזער חברה שטיפער. ניט שלאָגן, פּאַטשן, נאָר דערקלערן און מילד אויסריידן, מאכן פילן די וויכטיקייט פון לערנען און שטודירן.

דער גמרא־רבי, שמואל קאַט (פונער), איז געווען פונקט קאפויער אין זיין באַנעמונג און צוגאַנג. שמואל קאַט איז געווען אַ איד פון הויכן געוואוקס, מאָגערלעך מיט אַ צעדריפּעטער באָרד, וואָס האָט זיך געבעטן פאַרקעמען. זיינע הענט, לאַנגע און ביינערדיקע, פלעגן זיין פאַרנומען מיט אַ כסדר׳דיקן ציקל פון באַוועגונגען און אַרבעט: גלעטן די באָרד, רייבן מיט די הענט די קני אַרויף און אַראָפּ, פון רייבן לאַנג האָבן די טיילן הויזן זיינע גע־גלאַנצט; נאָכן רייבן זיך נעמען צום רעכטן אויער, מיט פינגער דאָרטן קאָלופּען. דאָס גראָבן זיך אין אויער פול מיט פליסיקן וואַקס פלעגט באַ־שאַפן אַ מין קוואַטשקענדיקן קלאַנג. פון דעם קוואַטשקענען פלעגן חברה מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן שטאַרק כיכיקען... דאַן פלעגט קומען דער סוף פון שמואל קאַט׳ס הענט־באַוועגונגען — אַ קלינגענדיקער פּאַטש אין די באַקן פון עטלעכע חברה. אַ וואונדער איז געווען, וואָס ער האָט זעלטן ווען אַ טעות־געמאַכט ווענן די שולדיקע, וועלכע האָבן כשר פאַרדינט זייע־רע פּעטש.

איינגעקריצט אין זכרון זיינען פאַרבליבן צוויי פּאַסירונגען אין בית־הספר און אין „אוטשילישטשע״.

איין פיינעם טאָג האָט דער רבי יאקטאן פאַרגעבן אַלע שילער די אויפ־גאַבע צו לייענען אויפן קול אַ קאַפּיטל תנ״ך. אינמיטן לייענען איז רבי יאקטאן אַזוי ווי פון העלער הויט איינגעשלאָפן. די ברעגן פון זיין שיינער, ווייסער, אויסגעשפּרייטער באָרד האָבן דערגרייכט די סקאַמעיקע. עס האָט זיך געהערט אַ שטילער כראָפּען. אַ פּאָר חברה האָבן אַזוי ווי געוואָרט אויף אַזאַ געלעגנהייט אָפּצוטאָן אַ שטיקל שמד־שטיק, און האָבן מיט אַ ביסל גומעראַביק באַנעצט די ברעגן פון באָרד און סקאַמעיקע. ס׳איז פאַרביי אַ קליינע ווײַלע און פּונקט ווי רבי יאקטאן איז פּלוצלונג איינגעשלאָפן, אַזוי האָט ער זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט. אַ ריס געטאָן די באָרד און תיכף באַ־גריפן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. מיט גרויס פאַרזיכט האָט ער די ברעגן פון זיין באָרד אָפּגערייניקט, אַזוי ווי שטיקלעך דימענטן. זיינע אויגן דאָס מאָל ניט אַזעלכע רואיקע, האָבן אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן קלאַס חברה באַגלייט מיט אַ לעקציע, וואָס האָט אַלעמען טיף פאַרשעמט. ווען עס עפּנט זיך פאַר אונז אַ גרוב, וואָלטן מיר אַלע מיט צופרידנקייט אַהין אַריין, אַנ־שטאַט אויסשטיין זיינע בליקן און לעקציע. די לעקציע איז געווען ערגער ווי די שטאַרקסטע פּעטש.

די צווייטע פּאַסירונג איז געווען אַ פּאַל פון אַ גאַנץ אַנדערן סאָרט. אין איינער פון די הפסקות, אַזוי ווי בּאַ אַנדערע אַזעלכע פאַלן, האָבּן מיר זיך אַ לאָז געטאָן רייסן עפּל און בּאַרנעס פון די אַריבּערגעוואַקסענע צווייגן פון שכנה'דיקן גאָרטן איבּערן שול־פּאַרקאַן. די פרוכטן האָבּן פּשוט געבּעטן זיך מען זאָל זיי אָפּרייסן. געזען, אַז דער סטרוזש איז ניטאָ אַרום, האָבּן מיר זיך גענומען צו דער אַרבּעט מיט התמדה. אָנגעפּאַקט די הויזן־קעשענעס מיט פרוכט, אַנדערע אַפילו אין די העמדלעך. פּלוצלונג האָט זיך בּאַוויזן דער אויפזעער. דער שול־גלאָק האָט נאָך ניט געקלונגען, האָבּן מיר זיך שנעל אַ לאָז־געטאָן אין שול־צימער, אויסגעליידיקט די פולע קעשענעס פרוכט אין די קעסטלעך פון די סקאַמעיקעס. אין דער שעה איז געווען די לעקציע פון דער לערערקע זינאַאידאַ. מיטאַמאָל האָט אַריינגעמאַרשירט אין קלאַס דער דירעקטאָר בּייראַך, ווי אַ שטרענגער נאַטשאַלניק מיט אַ בּייזן פּנים, און געגעבּן אַ קאָמאַנדע, מיר זאָלן אַרוים פון די סקאַמעיקעס, בּלייבּן שטיין און אויסליידיקן די קעשענעס מיט די אָנגע'גנבֿ'עטע עפּל און בּאַרנעס. בּאַ אַ טייל חבֿרה, וואָס האָבּן ניט בּאַוויזן אויסליידיקן די קעשענעס, האָט די פרוכט זיך אַ לאָז־געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע, פון פּאָדלאָגע צו דער לער־ערקעס טיש. בּייראַכ'ס צווייטע קאָמאַנדע איז געווען — אויפהויבּן אַלע סקאַמעיקע־דעקלעך. ער האָט ניט דורכגעלאָזן קיין איין סקאַמעיקע און האָט „קאָנפיסקירט" אַלע עפּל און בּאַרנעס. דאַן איז געקומען אַ לעקציע וועגן אונזער בּאַגאַנגענעם פאַרבּרעכן. די שטראָף איז געווען צו שטיין אַ שעה אין ווינקל, בּלייבּן נאָך די „אוראָקן" (לעקציעס) און האַלטן אין איין איבּערשרייבּן אויפן טאָוול ווערטער און זאַצן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן עט־לעכע טעג, בּיז דער דירעקטאָר בּייראַך האָט געפּילט, אַז מיר וועלן שוין אַזאַ פאַרבּרעכן ניט וואַגן איבּערצו'חזר'ן.

די רוסישע שפּראַך — דער טויער צו די קלאַסיקער

דאָס איינבּייסן די רוסישע שפּראַך האָט געעפנט די בּיז דאַן פאַרמאַכטע טויערן פון דער בּרייטער, רייכער רוסישער און וועלטלעכער ליטעראַטור. דאָס לייענען פון די גרויסע קלאַסיקער האָט געעפנט נייע האָריזאָנטן, האָט אַרויסגערופן נייע געדאַנקען, נייע בּאַגריפן, און געשאַפן נייע ווערטן. עס האָט אויך געגעבּן די מעגלעכקייט צו פאַרזוכן די ליטעראַרישע פרוכט פון אויסלענדישע היינטצייטיקע שרייבּער און קלאַסיקער איבּערזעצטע אויף רוסיש. אין אָנהויבּ האָבּ איך פון די גייסטיקע פרוכטן גענאָסן לויט די אָנ־ווייזונגען פון לערער בּייראַך, און שפּעטער לויט מיין אייגענעם אויסוואַל. עס האָט זיך בּאַ מיר אָנגעהויבּן די תקופה פון לייענען און לייענען.

די ערשטע דערציילונגען און ראָמאַנען האָבּן פאַראַכפּט דעם אָטעם, בּאַהערשט פון אַ געפיל פון פאַרזוכן דעם טעם פון עץ־הדעת. עס איז גע־ווען, ווי אַ שפּרונג אין אַן אומבּאַקאַנטן בּרייטן, לאַנגן און טיפן טייך, —

אַ טייך מיט געטלעך־פּליסיקן מחיה'דיקן וואַסער; אַ טייך, וואָס איז גאָר קיין פאַרגלייך ניט מיט דעם באַקאַנטן ווילקאָמירער טייכל — די שווענטע; אַ טייך וואָס מען דאַרף זיך לערנען צו שווימען אין זיינע טיפע וואַסערן. דער אָנהויב פון לייענען, איז פאַר מיר געווען, ווי אַ פאַרזוך זיך אַ פּליושקע־טאָן בײַ די פלאַכע ברעגן פון גרויסן גייסטיקן טייך. עס איז אָבער געווען אַ מחיה'דיקער אָנהויב. די קילע וואַסערן האָבן געקיצלט דאָס האַרץ. עס איז געווען ווי אַ טרונק פון גוטן פּסח'דיקן מעד.

דער ערשטער פּליושק בײַ די וואַסער־ברעגן פון ליטעראַרישן גן־עדן זיינען געווען די ראָמאַנען פון גיר־דעמאָפּאַסאַן, זשול ווערן; שפּעטער — בונין, ארציבאַשעוו, דאָסטאָיעווסקי, דער נאָרוועגער קנוט האַמסון, און אַ פאַרזוך „איינצובייסן" פּושקינ'ען, לערמאָנטאָוו'ן. דאָס לייענען האָט ארויס־געהאָלפן אין די שול אויפגאַבן; די שול אויפגאַבן — דאָס לייענען. מיט דער צייט בין איך אַריבער פון פּליושקען זיך צו . . . אמת'ן שווימען.

עס איז דאַן בכלל געווען אַ פּעריאָד, ווען די וואַקסנדיקע שול־יוגנט האָט זיך שטאַרק פאַרנומען מיט לייענען די רוסישע קלאַסיקער. צו לייענען, באַווייזן זיך, פאַרגלייכן וויפל ראָמאַנען און וועלכע שרייבער איינער האָט געלייענט און באַרימען זיך איז דאַן געווען אין דער מאָדע. אַזוי איז עס אויך געווען מיט באַווייזן די קענטשאַפט צו רעדן רוסיש. („האַקן רוסיש" האָט מען עס גערופן). עס איז געווען די מאָס פון גרויס־שטאָטישקייט, פון וויסן, פון אינטעליגענץ. אין די אָוונטן האָט די יוגנט זיך פאַרנומען מיט שפּאַצירן אַרויף־און־אַראָפּ די הויפּט־גאַסן, קאָוונער און דווינסקער, און „קנאַקן" רוסיש. פון אָט־די צוויי ווילקאָמירער גאַסן און די אַלייען פון פּלאַץ־פּאַראַד האָט אויסגעקלונגען דער פאַרהער, דער עקזאַמען פון דער אידישער שול־יוגנט אויף דער רוסישער שפּראַך.

עס איז אויך געווען די צייט, ווען עס איז געווען אין דער מאָדע אוועק־צושטעלן דעם שרייבער ארציבאַשעוו אויפן העכסטן פּעדעסטאַל פון ליטע־ראַטור. זיין ראָמאַן „סאַנין" איז גענוצט געוואָרן אַלס מוסטער. זיינע אויס־טייטשונגען פון לעבן בכלל, זיין פּילפּול, נשמה־גריבלעניש און מיסטיציזם, זיין „הכל הבל" פילאָסאָפיע האָט מען איינגעוויקלט ווי אַ הייליקייט אין אַ פּרוכת'ל. דער ראָמאַן „סאַנין" איז פון אַ סך באַטראַכט געוואָרן ווי די תורה. „סאַניניזם" האָט אָבער, צום גליק, לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. דאָס לעבן גופא האָט דעם „סאַניניזם" באַזיגט.

פאַר פיל יוגנטלעכע, שפּרודלדיקע מיט נייעם ווירקלעכן לעבן, מיך אַריינגערעכנט, האָבן די ווערק פון וויקטאָר הוגאָ וועגן מלחמה און רעוואָ־לוציע געעפנט אַ פענצטער צו דער רעאַלער ווירקלעכקייט, צו קאַמף פאַר ענדערונג. אַזעלכע ווערק, און ניט ארציבאַשעוו'ס „סאַנין", האָבן געלאָזט אַ שטאַרקן רושם אין אונזערע יונגע מוחות און גערירט אונזערע הערצער.

אַט־דער גאַנצער אַרום: באָד־גאַס, מצרים־גאַס, די אָרעמקייט, די בית־הספר און אוטשילישטשע אַטמאָספערע, די וויכּוחים אויף די שפּאַצירן אי־בער די הויפּט־גאַסן האָט מיך געשטויסן צו אישיע לעווין — אויסצוגע־פינען, וואָס ער דענקט און וואָס ער האָט צו זאָגן.

מיין „רבי" אישיע לעווין

די שטוב פון אונזער שכן לעווין און זיין טאָקעריי איז פון קינדוווייז־אָן געווען מיין צווייטע היים. די וואונדער פון האָלץ־טאָקעריי, וויאַזוי לעווינ'ס טאָקעריי ווערט פסח־צייט פאַרוואַנדלט אין אַ מצה־פּאַדריאַד איז פאַר מיר אַלס קינד געווען „אַזוינס און אַזעלכעס", דער „זיבעטער וואונ־דער". אישיע לעווין איז אויך געווען איינער פון מיינע ערשטע לערער. ער פלעגט פאַרענטפערן און דערקלערן אַלע מיינע קלאָץ־קשיות, מיינע פאַר־וואָס'ן און פאַרוועז, מיט וועלכע איך פלעג אים אויסמאַטערן. זיין געדולד, זיין פאָטערלעכע באַציאונג האָט בּאַ מיר אַנטוויקלט אַ ליבנדיקע נאָענטקייט צו אים. פון די חדר־יאָרן אָן, און נאָך מער אין די יאָרן פון דער „אוטשי־לישטשע" איז אישיע לעווין געווען דער וועג־ווייזער אין מיין יונג־וואַקסנ־דיקן לעבן. ער איז בּאַ מיר געווען דער אַלץ־וויסער, דער אויסלייטערער פון מיינע רווישיקע גערדאַנקען.

אין די מערסטע אָוונטן פלעגט זיך אישיע פאַרנעמען מיט לייענען ציי־טונגען, ביכער און ביכלעך. מיך פלעגט וואונדערן, וואָס עס פלעגן אָפט אַריינקומען צו אים בחורים אין סטודענטישע קאָסטיומען, מיט וועמען ער האָט געפירט אַזוינע שטילע שמועסן. אין דעם אָנהויב־פּעריאָד פון מיין לייענען ביכער פלעג איך מיט מיינע איינדרוקן קומען צו אישיע'ן וועגן זיינע מיינונגען און אָנווייזונגען. אַזוי אַרום איז אישיע געווען דער יעניקער, וואָס האָט מיר געפירט בּאַ דער האַנט, און פאַר מיר געעפנט די פאַרשיידענע ווינקעלעך פון רעאַלן לעבן.

אישיע לעווין איז געווען אַ מאָגערער, הויך־וואוקסיקער מיט אַ ביינערדיקן פּנים, זיינע אויגן מער ווי דורכשניטלעכע זיינען געווען, ווי אויסגעשטאַרצטע פון די באַקן־ביינער. די אויגן אָבער, האָבן אייך צוגע־צויגן מיט זייער רואיקייט און ליבלעכקייט. זיין רעכטע האַנט — אַ היבש ביסל קירצער פון דער לינקער, אַזוי ווי אַ קינדערשע. אַרבעטן פלעגט אישיע איינגעבויגן. זיינע ווערטער, ווי זיין טאָקעריי — אויסגעטאָקט, קלאָר און אָנגענעם. אישיע'ס צוטרוי אויף זיינע באַקאַנטע איז ממש געפלאָסן פון זיין ברייטן וועלטלעכן וויסן. פּשוט'ע לאָגישקייט, קלאָרקייט פון געדאַנקען, געדולד איינעם אויסצוהערן, טאָלעראַנץ צו מיינונגען, זיינען געווען פון זיינע הויפּט־מעלות. ער האָט געהאַט דעם צוגאַנג פון אַ לערער. זיינע אויס־טייטשונגען און דערקלערונגען וועגן וויקטאָר הוגאָ, האָבן אַנטפּלעקט ווינקלען און באַגריפן פון אַ גאַנץ נייער וועלט.

אישיע לעווין האָט מיינע אַנטדעקטע קליינע שפּעלטעלעך וועגן מענטש און אַרומיקן לעבן אויסגעברייטערט צו אַ פּענצטער מיט קלאָרע שויבן דורך וועלכן צו זען די וועלט און דאָס מענטשלעכע לעבן אין אַ קלאַסן־פאַרנעם: אָרעמקייט און רייכטום, אַרבעטער און באַלעבאַטים, הערשער און באַהערשטע, אונטערדריקונג און וואָוילטאָג. עס האָט מיר אָנגעהויבן ווערן אייגן די זאַך פון אַרבעטער, נאָענט — די אַרבעטער־באַוועגונג.

אישיע האָט אָנגעהויבן באַגלייטן זיינע שמועסן מיט געבן מיר ביכלעך און בראָשורן אין אידיש און רוסיש: דעם זשורנאַל „בילאָיע", אַ רוסיש בוך פון אַן אַמעריקאַנער שרייבער „סיביר אי סילקא" וועגן די אוממענטש־לעכע גרויזאַמע באַהאַנדלונגען פון אַרעסטירטע און פאַרשיקטע רעוואָלו־ציאָנערן אין סיביר, וועגן צאַרישע טורמעס, וועגן העראָאישע אַרבעטער־קעמפער און שליסלבורגער פעסטונג־טורמע. נאָכן לייענען דעם סאָרט מאַ־טעריאַל, איז מיר קלאָר געוואָרן מיין פאַרדאַכט, אַז אישיע איז פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איך האָב פאַרשטאַנען די רעטענישן פון די סטודענטן־באַזוכן בא אים, און באַזוכן פון אויסער־שטאָטישע מענטשן. כ'האָב באַגריפן די סיבה פון זיין גיין שפּאַצירן געאָרעמט מיט אַ גאַנץ שיינער „באַרישנע", און הינטער זיי אַ צאָל אַנדערע פּאָרלעך, די ערשטע טעג אין מאַי, מיט „מאַיאָווקע" בלימעלעך אין די לאַצן, — שפּאַ־צירנדיק מיט אַזאַ יום־טוב'דיקייט אַרויף־און־אַראָפּ קאָוונער גאַס.

די ספּעציפישקייט פון חודש מאַי, איז צו מיר געקומען אין פולער באַדייטונג. דאָס איז די צייט ווען די ביימער צעשפּראָצן זיך, באַדעקן זיך מיט געדיכטע קליין־וויסינקע בלימעלעך, און פילן־אָן די גאַנצע לופט מיט זייער פאַרפיומען אַראָמאַט. אַלץ אַרום איז ווי נאָך אַ שווערן ווינטער צוריק־געקומען צום לעבן אויפגעוואַכט און באַנייט. אין אָט־דעם אַרום, אין אָט־דער אַטמאָספערע, איז מיט צען קעפּ העכער פאַר מיר אויסגעוואַקסן די אַזוי־אויך פאַרגעטערטע פיגור פון מיין לערער, מיין שוין אַזוי־אויך איי־גענעם און נאָענטן אישיע לעווין.

אישיע לעווין האָט מיך אַזוי פאַרן הענטל, פאַרזיכטיק, פּאַמעלעך אָנ־געהויבן צוגרייטן און אַריינפירן אויף נייע שליאַכן, וועגן און ביי־וועגן אין דער וועלט פון אַרבעטער, פּויערים און האָרעפּאַשניקעס — אין דער רע־וואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס האָט ער מיך אַרויפגעפירט אויפן וועג צום קלאַסן־קאַמף, צו דעם הערלעכן מענטשלעכן אידעאַל פון יושר און גערעכטיקייט, פון שלום און גליק, דעם אידעאַל און טרוים פון סאָ־ציאַליזם. דאָס ביז דאַן אומקלאָרע וואָרט „צאָצעליזם", „צאָצעליסטן" האָט אין מיינע אויגן אָנגענומען בלוט און פליישׁ. די שמועסן מיט אישיע'ן זיינען אויסגעברייטערט געוואָרן. די באַדייטונג פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, פון דער רעוואָלוציע אין 1905; די ראָל פון דער רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי; נעמען פון רעוואָלוציאָנערע פירער, ווי פּלעכאַ־

נאָוו, קאַוטסקי, א.אנד.; פון אָרגאַניזאַציעס און טאַטן, ווי דער „בונד", זאַבאַסטאָווקעס, אַרבעטער־געווערקשאַפט, פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען, אַר־בעטער־פּרעסע — דאָס אַלץ זײנען געוואָרן די אוראָקן, די לימודים פון אישיע לעווין'ס שול־קוריקולום פאַר מיר. (דאָ איז נויטיק צו באַמערקן, אַז דער נאָמען „בילאיע" פון דעם זשורנאַל, וואָס איז פאַרבליבן אײנגעקריצט אין מײן זכרון, האָט מעגלעך געהאַט נאָך אַ וואָרט).

באַזוך אין עטלעכע ליטווישע דערפער

אַזוי ווי אַ צוגאָב צו די וואַקסנדיקע שמועסן מיט אישיע לעווין, און צו מײן לײענען, האָט זיך געמאַכט אַ געבענטשטע געלעגנהײט צו באַזוכן אַ פּאָר דערפער און באַקענען זיך מיט דעם לעבן און שווערער פּראַצע פון אונזערע ליטווישע פּויערים. אַ ווײטער קרוב אונזערער, מיטן נאָמען בין, איז געווען אַ ישוב'ניק, אַ קרעמער, וואָס פלעגט עטלעכע מאָל אַ יאָר קומען צו אונז אין ווילקאָמיר אין פאַרבינדונג מיט זײן געשעפט און מסתמא אויך אַנדערע ענינים. בײ אַזאַ געלעגנהײט פלעגט ער קײנמאָל ניט פאַרפעלן צו זײן בײ אונז אין הויז און כאַפּן אַ שמועס מיט דער מאַמען און זײדן.

אין אײנעם אַ זומער (אין צײט פון שול־קאַניקול) האָט דער קרוב בין אויף זײן באַזוך פאַרגעשלאָגן, אַז ער וואָלט זײער געוואָלט מיך מיטנעמען מיט זיך אויף אַ פּאָר טעג. עס וועט זײן גוט פאַר מיר און פאַר זײנע קינ־דער, האָט ער געזאָגט. ער דאַרף זײן צוריק אין שטאָט אין עטלעכע טעג אַרום, וועט ער מיך צוריקברענגען. מאַמע און זײדע האָבן געגעבן זײער הסכמה. געפילט האָב איך, ווי אַ טאַנץ־טאָן פאַר פרײד.

דער זײדע, ווײזט אויס, האָט געהאַלטן, אַז ס'וועט זײן גוט פאַר מיר צו זען אַ דאָרף און ווי אַזוי עס לעבן די פּויערים, פּונקט, ווי זײן באַקאַנט מיטן לעבן אין שטאָט. אײנמאָל האָט מיר דער זײדע מיטגענומען אויף זײנעם אַ באַזוך צו זײן טאָכטער אין קעידאַן, ווען איך בין נאָך געווען אַ „צוציק". געשען איז דאָס אַ געוויסן חול־המועד פּסח. יענע רײזע, אויף דער באַן, איז פאַרבליבן אײנגעקריצט אין מײן זכרון. איך געדענק, אַז ווען דער זײדע האָט געקויפט דעם באַן־בילעט האָט ער מיר געהײסן איך זאָל זיך אײנבײגן בײ דער בודקע, בכדי איך זאָל אויסקוקן קלענער, וועט ער דאַרפן באַצאָלן פאַר אײן בילעט בלויז. „שאַיקעלע, האָט ער געזאָגט, בײג זיך אײן אַ ביסל", כאָטש מײן קעפּל האָט אפילו צו דער קאַסע־בודקע ניט דערגרײכט.

אָנגעקומען אין קײדאַן, איז מיר געגאַנגען אין לעבן צו זען די „קײדאַנער הויקערס". אַזאַ ווערטל איז בײ אונז אַרומגעגאַנגען וועגן קײדאַן: „קײדאַנער הויקערס". צו מײן גרויסער אַנטוישונג האָב איך זיך אין קײן אײן הויקער ניט אָנגעטראָפן. די מומע האָט מיר געגעבן צו פאַר־

שטיין, אַז אין קעידאַן זיינען ניט פאַראַן מער הויקערס ווי אין אַנדערע שטעט; ס'איז ניט מער ווי אַ ווערטל אַזאַ. פאַרגיטיקט מיין אַנטוישונג האָט דער מומעס געשמאַקער פּסח'דיקער מעד און די „קניידלעך מיט נשמות".

די רייזע מיט אונזער קרוב בין, דעם ישוב'ניק אין דאָרף אַריין, איז געווען פאַר מיר אַן אויסערגעוויינטלעכע דערפאַרונג. פערד־און־וואָגן און־טערן אָפענעם הימל. פאַרביילויפנדיקע וועגעלעך, וועלדלעך, טייכלעך און אָזערעס, באַוואַקסענע פעלדער, קליינע בערגלעך צוזאַמען מיט אַ באַגלייטנ־דיקן קיצלדיקן ווינטל האָט מיך געמאַכט פילן, ווי אין זיבעטן הימל. דער זון־אונטערגאַנג איז געווען, ווי אַ פאַרביקע שפּיל אין באַלענדעלעך מיט דער אַרומיקער נאַטור־פּאַנאָראַמע.

אָנגעקומען באַלד אין אָוונט, האָט אונז באַגעגנט אַ כאַפּטע קינדער. זיי זיינען געבליבן שטיין ווי געליימטע, ווען זיי האָבן מיך דערזען. מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן, ווי געפּלעפּטע האָבן זיי באַקוקט מיין גרויס־שטאָטישן אָנטועכץ און אויסזען.

אַראָפּ פון וואָגן האָט זייער טאַטע מיך פאַרגעשטעלט, ווי דאָס ווילקאָ־מירער שוועסטערקינד. די באַלעבאָסטע, די מומע, נאָכן צעקושן זיך מיט מיר האָט געלאָזט וויסן, אַז דער אָוונטברויט איז פאַרטיק. פון קראָם האָט אַן אָפענע טיר אַריינגעפירט אין הויז־צימער. אַ היבשער טיש אָנגעשטעלט מיט טעלער און אַ קיין עין־הרע'דיקער גרויסער טאָפּ אין מיטן, פול מיט געקעכץ פאַרן „באַטאַליאָן" פון דער גאַנצער משפּחה.

נאָכן איבערגעבן גרוסן וועגן זיינע סוחר'ישע געשעפטן אין ווילקאָמיר, האָט דער קרוב בין אָנגעזאָגט זיינע חברה צו זיין העפלעך צו מיר. דעם עלטסטן זון האָט ער געהייסן מיך מיטנעמען מאָרגן אין דאָרף אַריין.

איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויפן מאָרגן, כאָטש סיי די קראָם, סיי דאָס הויז און די קינדער פון קליין ביז גרויס זיינען, אַן־און־פאַר־זיך געווען פאַר מיר אַ שפּאָגל נייע דערפאַרונג. דריי פון די קינדער אינגערע, צוויי עלטערע פון מיר. דער עלטסטער בחור, אַ ברייט־פּלייציקער, האָט אויסגע־קוקט ווי אַ כלאָפּ, הויך ווי אַ בוים, אַ געזונטער יונגער פויער. אַלע, פון גרעסטן ביזן קלענסטן, וואוילע חברה. קיינער פון זיי איז נאָך אין דער שטאָט ווילקאָמיר ניט געווען. זיי האָבן מיך באַקוקט, ווי עפּעס אַ פּריץ, און דאָך אַן אייגענער. די עלטערע האָבן געוואָלט וויסן וועגן דער גרויסער שטאָט ווילקאָמיר; וואָס איך טו, צי איך לערן אין אַ שול, אין אַ אידישער אָדער אַ רוסישער; מיט וואָס מיין פאָטער פאַרנעמט זיך? זיי זיינען געווען זייער נייגעריק צו וויסן און באַגרייפן, וויאַזוי קינדער לעבן און פאַרברענגען אין דער שטאָט.

מיט דעם קרייען פון די הענער, איז מען אויפגעשטאַנען. מיין באַ־גלייטער אין דאָרף אַריין איז געווען פאַרטיק מיט האַק־און־פּאַק. אַ זאַק

איבער די פּלייצעס, אַ היבשן קערבל אין די הענט. דעם זאַק, אין פֿאַל עס וועט זיך מאַכן צו קויפֿן אַ קעלבל; דאָס קערבל — פֿאַר הינער, אייער און וואָס נאָר ס'וועט זיך מאַכן. ווען איך האָב אַ פֿרעג־געטאָן, ווי ווייט איז דאָס דאָרף, איז דער ענטפֿער געווען: „אַ, גאָר ניט ווייט". דער ניט־ווייט איז געווען גוטע עטלעכע וויאָרסט.

מיר האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן אין דאָרף. די פּרימאָרגנדיקע פֿרישקייט, די קילע לופֿט האָט אַרויסגעהאָלפֿן מאַרשירן. איך האָב זיך געפֿילט מחיה־דיק גוט. ביסלעכווייז האָט די זון באַוויזן, וואָס זי קאָן טאָן מיט אַ ליכטיקן, בלוי־שטראַלנדיקן הימל איבערן פֿלאַך־לאַנד. די זון האָט זיך צעברענט ווי אַ העליש פֿייער. מיר האָבן געשוויצט, ווי מיר וואָלטן געווען אין באָד אויף דער העכסטער פּאָלע. עס האָט פֿון מיר געגאָסן מיט עמערס שווייס. בכדי ניט צו פֿאַרשעמען זיך פֿאַר מיין קרוב, האָב איך נאָכגעהאַלטן זיין שנעלן שפּאַנען. ער האָט מיך געטרייסט, אַז ס'איז שוין ניט ווייט צום דאָרף. עס האָבן זיך שוין געלאָזט מערקן די ערשטע פּויערישע כאַטעס. דאָס דערזען די כאַטעס אַליין נעענטער האָט צוגעגעבן מוט און כּוח צו דערשלעפּן זיך צום דאָרף.

אַ פֿאַר הינטלעך האָבן אונדז באַגעגנט מיט זייער בילן. אַ פּויערטע, וואָס האָט זיך אַרומגעפּאַדיעט אַרום הינדעלעך, האָט זיך באַגריסט מיט מיין קוזין און אַ בליק געטאָן אויף מיר. פֿון איר געביטענעם פּנים האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז מיין קוזין האָט זי באַרואיקט וועגן מיר. אָנגעטרונקען זיך מיט אַ געשמאַקן קאַלטן פּלומפּ־וואַסער, האָב איך זיך דערפֿילט אַ דער־פֿרישטער. נאָכפֿאָלגנדיק די פּויערטע, מיט וועמען מיין קרוב האָט אָנגע־האַלטן דעם שמועס, פֿון וועלכן איך האָב אַ וואָרט ניט פֿאַרשטאַנען, זיינען מיר אַריין אין דער ערשטער פּויערישער כאַטע.

אין כאַטע האָט אונדז באַגעגנט אַ ברענענדיקע שטיקנדיקע היץ. די פּויערשע פֿאַמיליע אינמיטן פֿון זייער מיטאָג. אַרום אַכט נפֿשות אויסגע־זעצט אַרום אַ גרויסן האַמעטנעם הילצערנעם טיש. אינמיטן טיש אַ גרויסער טשוגונענער טאָפּ. לעבן טאָפּ אַ בערגל בולבעס. פֿון די קעפּ האָר און צע־פֿאַרעטע פּנים'ער זיינען אין די צעפּראַלטע העמדער געפֿלאָסן גאַנצע ריטשקעס, ממש טייכן שווייס. די היץ און דער רינענדיקער שווייס האָט אָבער ניט געשטערט צו שלינגען די קאַשע און דעם בולבע־מאכל. עס האָט אויך ניט געשטערט דעם אָנגעהאַלטענעם שמועס מיט מיין קרוב וועגן פּויערישע ענינים און פֿאַרשיידענע נייעסן. דאָס קלאַפּן פֿון די הילצערנע לעפֿל אין טשוגון־טאָפּ איז אָנגעגאַנגען ביז קיין טראָפּן איז ניט פֿאַרבליבן. בשעת דעם שמועס איז וויזט אויס אויך דערליידיקט געוואָרן די מיסיע פֿון מיין קרוב: אַ קעלבל אין זאַק, עטלעכע הינער און אייער אין קערבל.

אויפֿן וועג צו אַ דערבייאיקן דאָרף האָט מיר מיין קרוב דערקלערט, אַז ס'איז אַ מנהג ניט אָפּצוזאָגן זיך, ווען מען לאַדט איין צום טיש עסן־

צייט. ווען מיין ווייניקייט איז אים אויסגעקומען צו פאַרענטפערן זיך. ווייטער האָט ער מיר אויפגעקלערט, אַז ווען מען קומט אריין צו די פּויערים, הויבט מען ניט אָן מיט מסחר. מסחר קומט שפּעטער אין די שמועסן. די פּויערים זיינען גוטע פריינט זיינע, אויסגעוואַקסן מיט זיי צוזאַמען פון קינדוויז אָן. זיי זיינען דאָס יאָר באַזאָרגט וועגן גערעטעניש, וועגן רעגן, צי וועלן זיי פאַרדינען גענוג און קאָנען איינקויפן פאַר זיך די נויטיקסטע זאַכן.

אין צווייטן דערפל איז שוין געווען נאָך מיטאָג־עסן, איז די פּראָצע־דור געווען אַ גאַנץ אַנדערע, אָבער אויך אַ פריינטלעכע. נאָך דעם שמועס, איז אין מיין קוזינ׳ס זאַק צוגעקומען נאָך אַ קעלבל, און אין קערבל — נאָך אַ הון מיט אייער. ביידע דערפלעך האָבן געהאַט איין פּנים. אַ גרופּע כאַטעס גרעסערע און קלענערע לויט דער צאָל נפשות אין דער משפּחה. אַלע כאַטעס זיינען באַשטאַנען פון איין צימער מיט אַ קליין ווינקל. ווי אַזוי מען איז דאָרט געשלאָפן, האָב איך ניט געקאָנט אויסרעכענען. אַרום די כאַטעס ווייניק ביימלעך, זאַמדיקע ערד, טרוקן ווי אַ ביין. די קינדער — באָרוועס, האַלב נאַקעט. דער ריח פון מיניור פון דערבייאיקער שטאַל־כאַלופּע, פון די פּאָר פערד און עופות האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אַלע גייען ממש אויס נאָך אַ שטיקל שאָטן פון דער ברענענדיקער זון. און מאָדנע שעבעמאָדנע, די פּויערטעס גראָד ווי קיין זאַך אַרט זיי ניט. אין פּאַטשיילעס איבער די האָר, אין לאַנגע, ווי פלודערן קליידלעך, מיט באָר־וועסע פיס פּאַדיען אַרום די הינער און בהמות און פּאָרען זיך באַם פּיצעלע גאָרטן בא די כאַטעס.

אויפן וועג אהיים האָט מיין קרוב בין פאַרענטפערט אַלע מיינע אָנ־געקליבענע פראַגעס. ער האָט מיר אויפגעקלערט: דאָס לעבן פון די פּויערים איז שווער און אָרעם. זומער גייען זיי אין פעלד אַרויס אַרבעטן באַגינען, בכדי אויסצומיידן די ברענענדיקע זון. קאַשע און בולבעס זיינען די הויפּט־מאכלים. מ׳פאַרגינט זיך ניט אָן איי, אַ הון אָדער דאָס פלייש פון אַ קעלבל. די פּאָר רובל, וואָס זיי קריגן אריין פאַר די קעלבלעך, הינער, אייער, פּוטער, קלעקט ניט אַלעמאָל אויף אַזעלכע נויטיקע פאַר זיי פּראָדוקטן, ווי אַ טאָפּ, זאַלץ, אַ שוך, אַ קלייד, אַ פּאָר נויטיקע ברעטער און טשוועקעס די שטאַלן צו פאַרריכטן, און בכלל דעםווינטער צו באַגעגענען. אין סעזאָן פון רעגן ווערן די דערפער פאַרוואַנדלט אין טיפע בלאָטעס און אַזוי אויך די דאָר־פישע וועגן. מ׳קאָן דאַן גאָרניט טאָן.

קומענדיק צוריק אהיים אין ווילקאָמיר, בין איך עטלעכע נעכט נאָכאַ־נאַנד פאַרפּאָלגט געוואָרן פון חלומות, קאָשמאַרן וועגן דעם שווערן לעבן פון די פּויערים. איך בין אָבער געווען דאַנקבאַר דער מאַמען און דעם זיידן פאַר מיין דערפאַרונג אין די צוויי דערפער און דעם לעבן פון ישוב׳ניק, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט.

די באָבע און דער זיידע

צוליב דעם, וואָס מיין טאַטע איז געווען אין קאַנאַדע, און מיין מאַמעס אויסערגעוויינלעך שטרענגע באַציאונג, זיינען זיידע־באָבע פאַר מיר געווען אויך טאַטע־מאַמע. דער מאַמעס שטענדיק מוסר'ן פאַר דער מינדסטער קליינינקייט, דאָס באַקלאָגן איר גורל, אַז זי דאַרף זיין אַ מאַמע און טאַטע, באַגלייט שטענדיק מיט אַ זאָג־טאָן — „באַ לייטן קינדער..." (ווער און וואו איז „באַ לייטן" — דאָס איז פאַר מיר קיינמאָל ניט קלאָר געוואָרן). דאָס האָט אָבער מיר געמאַכט פילן, אַז איך באַגיי די גרעסטע פאַרברעכנס. פאַר „לייטן" פלעגט די מאַמע, פאַרקערט, לויבן מיין שיינקייט, באַרימען זיך, אַז איך בין געראָטן אין איר. אָבער אין הויז איז געווען אַנדערש.

די מאַמע איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע שיינהייט. די „קראַסאַ־וויצע" פלעגט מען זי רופן. פון פיינעם מיטעלן וואוקס, אַ געדיכטער קאָפּ שוואַרצע האָר, שיין פאַרקעמט. דאָס פּנים אַזוי ווי אויסגעטאָקט אין פאָרעם און פּראָפּאָרציע. יעדער טייל פון פּנים האָט האַרמאָנירט: שוואַרצע דימענט־אויגן, נאָז, מויל, גאָמבע, באַקן און שטערן, — אַלץ ווי געשאַפן פון דעם בעסטן מאָלער. די מאַמע איז אויך געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע. דאָס הויז האָט שטענדיק געבלאַנקט. זי איז אויך געווען אַ גוטע קעכין. איר געבעקס, אירע יום־טוב'דיקע ליטווישע מאכלים זיינען געווען ניט צו פאַרגלייכן. זי האָט פאַרמאָגט אַ גוטן געשמאַק אין קליידן זיך, געקאָנט פון דעם מינדסטן אַליין מאַכן דאָס בעסטע. די מאַמע האָט אָבער געהאַט גרויסע פאַרלאַנגען, אַ שטאַרקן ענגאַ, אַ גרויסן פאַרנעם, ווי איינע וואָס איז „דאָס אויבערשטע פון שטויסל". זי שטאַמט פון דער „פּראַזשעריסקער פאַמיליע"... איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט דערגיין די באַדייטונג פון דעם, אָבער געמיינט האָט עס, אַז אַלץ האָט געמוזט זיין פּערפעקט.

אין די מאָמענטן פון לויבן מיר, פלעגט זי מיר שטענדיק האַלטן אין איין קוועטשן מיין קליין נעזל, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז עס איז צו ברייט, ניט גענוג שפּיציק; מיינענדיק, אַז מיטן קוועטשן וועט זי עס פאַרריכטן. ס'האָט אָבער געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. פון איר שטענדיקן מוסר'ן מיר, איז אויסגעקומען, אַז די פאָרעם פון מיין נעזל איז אויך מיין שולד. בעת איר שרייען און פּאַטשן מיר, פלעג איך אָפּט פלינק זי אויסמיידן, האָט זיך איר כעס דאַן פאַרשטאַרקט. באַם דרייען זיך אַרום טיש, אויסצומיידן אַ קלאַפּ, פלעג איך אין אַ געפאַר־מאָמענט אָנהויבן קלאַפּן מיט די פיס אין דער פּאָדלאָגע. דאָס קלאַפּן פלעגט גלייך ברענגען דעם זיידן און די באָבען. דעם זיידנ'ס אָרעמס און דער באָבע'ס פאַרטוך האָבן קיינמאָל ניט פאַרפעלט מיך צו ראַטעווען. זיי פלעגן זיך באַ איר בעטן: „ראַדע מערע, לאָז צורו אונזער אייניקל". עד־היום קלינגט עס אין מיינע אויערן. די מאַמע פלעגט זיך אָפּרעכענען מיט מיר פאַר דעם בשעת די שבת'דיקע וויזיטן באַ דער

„אריסטאָקראַטישער" מומע, באַקלאַגנדיק זיך וועגן מיין ווידערשפּעניקייט און מיך אַזוי אַרום פאַרשעמען.

איין געוויסער פאַל, געדענק איך, האָט מיר פאַרשאַפט אַ ווייטיק, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן.

אַ לאַנגע צייט פלעגט מיר דאָס האַרץ אויסגיין אין וועלן זיך אַ פּליושקע טאָן אין וואַסערן פון טייך, אַ שיפל־טאָן זיך, אָבער דער מאַמע׳ס שאָטן פלעגט עס צוריקהאַלטן. האָט זיך געמאַכט איינמאָל אַ געלעגנהייט באַם טייך, ווען דער יצר הרע האָט ביינגעקומען דער מאַמע׳ס שאָטן. עטלעכע חברה אין אַ שיפל זיינען געווען נאָענט צום ברעג, גרייט זיך לאָזן שיפלען. האָב איך זיי געבעטן מיך מיטנעמען. נאָך לאַנגען בעטן זיך האָט דער „וויאַסלע"־בחור מיך אַריינגענומען אין שיפל. אַ לאַנגער חלום מיינער איז מקוים געוואָרן. פאַרגעסן צייט און מאַמעס שאָטן. נאָך אַ היבשער ווײַלע פון שיפלען זיך, איז פּלוצלונג מיין הימלשער פאַרגעניגן אַריבער אין אַ שרעק. עס האָט מיך פאַרכאַפּט אַ ציטער — איך וועל זיין שפּעט אויף אָוונטברויט. קוים דערלעבט, דאָס שיפל זאָל צוקומען צום ברעג, בין איך געלאָפן מיטן קירצסטן וועג, קוים אַ לעבעדיקער און אַ פאַרסאָפּעטער אַריין אין הויז.

די מאַמע איז געווען אויסער זיך. פאַרשעמט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם פנים, האָב איך זיך דערקלערט שולדיק, געבעטן זיך ביי דער מאַמען דאָס מאָל מיר פאַרגעבן, ס׳וועט אַזאַ פאַל מער ניט פּאַסירן, האָב איך איר פאַר־זיכערט. עס האָט ניט געהאָלפן מיין בעטן זיך. און אַזוי ווי קיין פּעטש און קלעפּ האָב איך ניט געוואָלט אַריינכאַפּן, האָב איך אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַר־קער ווי ווען ניט איז אין דער פאָדלאָגע, און ווי אַלעמאָל האָבן זיך ביידע באַוויזן — באָבע און זיידע. איך האָב דעם זיידן דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט באַם טייך מיט אַלע איינצלהייטן, צוגעגעבן מיין שולד און מיט טרערן אין די אויגן צוגעזאָגט, אַז אַזוינס וועט מער ניט פּאַסירן. מיינע מלאכים, זיידע־באָבע, האָבן קוים מיט צרות גע׳פּועל׳ט בא דער מאַמען זי זאָל מיר דאָס מאָל פאַרגעבן און פאַרגעסן.

די מאַמע האָט אָבער ניט פאַרגעסן. שבת, צוגאַסט בא דער „אַריסטאָ־קראַטישער" מומע האָט זי איבערגעגעבן מיט אַלע פּיטשעוועס די גאַנצע מעשה מיטן שיפלען זיך. די מומע מיט אירע צוויי אָנגעבלאָזענע טעכטער האָבן מיט זייערע אויגן ווי מיט שפּיזן מיך געטראָפן. איך האָב געפילט, אַז די מאַמע האָט מיך דאָס מאָל פאַרשעמט ביזן ביין אַריין. שטייענדיק, ווי אַ צוגענאָגלטער צו דער באַטעפּיכטער פאָדלאָגע, האָב איך באַמערקט, ווי די טיר פון זאַל־צימער איז אַ ביסל אָפן, האָב איך זיך אַ לאָז־געטאָן צום אַרויסגאַנג, איידער די מומע האָט אָנגעהויבן איר דרשה. לויפנדיק אַראָפּ פון די טרעפּ האָב איך באַגעגנט שמעון׳ען (דער מומעס עלטסטער זון). ער האָט מיך אָפּגעשטעלט און געבעטן דערציילן, וואָס עס איז געשען. אויס־

געהערט מיך, האָט שמעון מיט זיין ליבלעכן פּנים מיך באַרואיקט און באַגלייט אַהיים. אַ פּאָר וואָכן איז מיין פוס ניט איבערגעטראָטן דער מומעס גאָסטיניצע. די מאַמע איז, ווי שוין פריער דערמאָנט, ניט אויסגעקומען מיט איר שוועגערין, דעם זיידנ׳ס טאָכטער.

די מאַמע פון איר זייט האָט אָן צווייפל געמיינט, אַז איר צוגאַנג צו מיר, איז אַ ריכטיקער, אַז איר וועג און אופן פון דערציען איז אויסן מיר מאַכן פאַר אַ „לייטישן אינגל”. זי האָט ניט באַגריפן דעם גרויסן שאָדן, וואָס זי פאַראורזאַכט. דעם אָנגעמאַכטן שאָדן האָבן די טייערע זיידע־באָבע פאַרריכט מיט זייערע האַנדלונגען. ווי מיט אַ גוטן זאַלב האָבן זיי מיינע וואונדן און ווייטיקן געהיילט.

דער זיידע און די באָבע האָבן מיר קיינמאָל ניט גע׳מוסר׳ט. ביידע, אויף זייער אייגנאַרטיקן אופן, האָבן מיר געלערנט, עפּעס וואָס איך האָב אין מיינע וואַקסנדיקע יאָרן אָפּגעשאַצט — די בעסטע יושר׳דיקע וועגן פון לעבן. זיי האָבן אַזוי ווי איינגעבאַקן אין מיר דעם דין פון אמת, אָפנהאַרציקייט, רעספּעקט פאַר עלטערע, פאַר טאַטע־מאַמע. דעם זיידנס שוים, דער באָבעס פאַרטעך האָבן, אין מיינע קינדער־יאָרן, מיך געטוליעט, געוואַרעמט, אָנגעפילט מיין יונגע נשמה מיט די שענסטע געפילן און דרך־ארץ פאַר אַלץ וואָס איז גוט און נאָבל. זיי פלעגן זיך מיט מיר ניט אויספיינען פאַר די שכנים. אַריינגעקומענע געסט באַ דעם זיידן אין הויז פלעגן מיך ליובן, אַזוי אויך די שול־אידן. זיידע־באָבע האָבן אַלץ אויסגעהערט, מ׳האָט געקאָנט מערקן זייער צופרידנקייט, אָבער דאָס אינגאַנצן. זאַכלעך און געלאַסן האָבן זיי דאָס אויסגעהערט, אַ גלעט־געטאָן מיר איבער קעפּל, און דאָס אַלץ.

די באַנעמונג פון זיידע־באָבע, זייער ליבשאַפט צו מיר פלעגן זיי אויסדריקן אויף פאַרשיידענע אופנים, מ׳האָט פון זיי קיינמאָל ניט געהערט אַזעלכע ווערטער, ווי „באַ לייטן”, אָדער „מיט לייטן גלייך”. דער זיידע פלעגט מיך מיטנעמען צום וועכנטלעכן יאַריד פון די פּויערים יעדן דאָנערשטיק. מיך מיטנעמען אין באָד, און אויף דער פּאָלע מיטן בעזעמל מיך אויסשמייסן אַזוי מחיה׳דיק, און אויסגערעכנט וויפל היץ איך קאָן פאַרנעמען. ער פלעגט מיך מיטנעמען באַזוכן זיין טאָכטער אין קיידאַן.

די טייערע באָבע פלעגט אַלעמאָל, צו דער ריכטיקער צייט, פון אונטערן פאַרטעך מיר געבן אַן עפּל, אַ באַרנע און אַ קאָפּיקע אויף צוקערקעס. כ׳געדענק איינמאָל האָט די באָבע מיר געגעבן דריי קאָפּיקעס און דערביי אַ זאָג־געטאָן: „שאַיקעלע, — דריי קאָפּיקעס איז זעקס גראָשן, גיב דאָס ניט אויס מיטאַמאָל”. אין אַלע אַזעלכע פאַלן פלעגט מיין ענטפער זיין — אַ קוש און אַרומנעמען זי. פלעגט זי ווי אַ פאַרשעמטע אַ זאָג־טאָן: „גיי שוין, גיי! לויף קויפן צוקערקעס”. איר פּנים, מיט קנייטשן ווי פון שטאַרקע ווינטן און פרעסט אויסגעקריצט, האָט שטענדיק געשיינט מיט אַ ספּעציעלן ליבלעכן

אויסדרוק פון אירע אויגן, באַגלייט פון אַ פֿאַרבאָרגענעם שמייכל. איך געדענק קלאָר, אַזוי ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן פֿאָרגעקומען, אַז איינמאָל האָט די באָבע מיך מיטגענומען ווען זי איז געגאַנגען קויפֿן ברילן. אינדרויסן פֿון קראָם איז געשטאַנען אַ קאָרב מיט אויגן־גלעזער. די באָבע האָט אָנגעפּאַסט אַ צאָל אויגן־גלעזער, און יעדעס מאָל אַ קוק געטאָן אויף מיר. נאָכן אויספּרובירן אַ רעכטע ביסל גלעזער און באַקוקן מיך האָט די באָבע אַ זאָג־געטאָן: „שאַיקעלע, די־אַ זיינען גוט, איך זע דיך קלאָר און גוט". אין הויז האָט די באָבע געעפֿנט איר „צאינה וראינה", דעם גראָבן סידור און מיט די נייע אויגן־גלעזער געלייענט אַ פּאָר שורות. איר צופֿרידנקייט מיט די גוט־צוגעפּאַסטע ברילן האָט זי אויסגעדריקט מיט געבן מיר אַ קוש.

אַלע באָבעס זיינען טייערע באָבעס. פֿאַר מיר איז אָבער צו מיין באָבען גאָר קיין גלייכן ניט געווען. די באָבע איז געווען אַ טיף־גלויביקע. זי האָט געהאַט אַ טיפֿן גלויבן, אַז אַלץ אין לעבן ווערט באַשטימט און פֿאַר׳חתמ׳עט פֿון רבונו של עולם. אַזוי האָט זי געלעבט, אַזוי האָט זי אָנגענומען דעם פֿאַרלוסט פֿון אירע ניין קינדער פֿון די דרייצן, וואָס זי האָט געבוירן. איר גרויסן פּאַק צרות האָט די באָבע אָנגענומען פֿאַר גוט, אָן אַ פּיפּס פֿון באַקלאָגן זיך. די באַלעגאָלישע קלויז איז פֿאַר דער באָבען, ווי פֿאַר דעם זיידן, געווען אַ טייל פֿון איר היים. גייענדיק מיט דעם זיידן אין קלויז, פֿלעג איך קיינמאָל ניט פֿאַרפֿעלן אַרויפֿכאַפּן זיך אין דער ווייבערשער שול אויפֿן צווייטן שטאָק צו זען די באָבען מיט איר גראָבן סידור דאַווענען. די באָבע פֿלעגט אַ טראָפּיטשקע עפֿענען דאָס פֿאָרהענגל, אַ קוק־טאָן צו דער מזרח־וואַנט פֿון שול און זאָגן: „שאַיקעלע, גיי אַראָפּ צום זיידן, ער איז אײנער אַליין". אַזוי פֿלעגט זי אויסדריקן איר רעספּעקט, זאָרג און ליבע צום זיידן. אַזוי אויך, מיט אַזאַ פּשוט׳ן צוגאַנג, צו אַלעמען.

ווען דער זיידע איז שטאַרק קראַנק געוואָרן — דער פֿעלדשער און דער דאָקטאָר האָבן דער באָבען געלאָזט וויסן, אַז דער זיידע איז זייער ערנסט קראַנק, זיי קאָנען גאָרנישט העלפֿן, איז די באָבע אַ שטאַרק באַזאָרגטע דאָך אָנגעגאַנגען מיט איר רוטינעם סדר. פּרייטיק, צוגעגרייט אַלץ אויף שבת; דעם טשאָלנט אין אויוון, אויפֿגעראַמט דאָס הויז, פֿאַרקעמט איר פּאַרוק אויפֿן קאָפּ און געבענטשט ליכט. דער באָבעס ליכט־בענטשן איז עפּעס געווען אַנדערש, ווי דער מאַמעס. די שכינה פֿלעגט רוען אויף איר. שכנים פֿלעגן קומען זיך נאָכפֿרעגן וועגן זיידנס געזונט, ספּעציעל אין אַ געוויסן פּרייטיק. איין ענטפֿער האָט די באָבע געהאַט: „אַבא איז אין די הענט פֿון רבונו של עולם", און זיך גענומען צו איר סידור דאַווענען. פֿון צווייטן צימער האָט זיך געהערט דאָס שווערע אָטעמען פֿון זיידן. אויף מאָרגן, שבת, איז דער זיידע אויסגעגאַנגען.

מיט פֿיל יאָרן שפּעטער, נאָכן זיידנ׳ס טויט, דעם טאַטנ׳ס אַהיים־קומען, גירוש ליטע, מלחמה, דייטשישע אָקופּאַציע, עמיגראַציע קיין קאַנאַדע —

האָט די באָבע אַנטשיידן דערקלערט, אַז מיר זאָלן פאָרן, אָבער זי בלייבט אין ווילקאָמיר, וואו זי האָט אָפּגעלעבט אַ גוטן לעבן מיטן זיידן. דאָ האָט זי באַגלייט דעם זיידן צו זיין אייביקער רו, ווי אויך די ניין קינדער אירע, און דאָ וועט זי אויסלעבן אירע יאָרן. קיינע טענות האָבן ניט געהאָלפן.

זיידע אבע, באָבע האָדע, זיינען געווען שיינע טיפּן פון זייער דור. פּשוט'ע, איבערגעגעבענע אין זייער גלויבן, אָרנטלעך צו זיך און צו זייערע אָרומיקע; געטריי צו די ווערטן פון גאָט, אמת און יושר.

שול־יאָרן און אַנטוויקלונג

פול מיט נייע דערפאַרונגען, אַנטדעקטע נייע ווינקלעך פון לעבן זיינען ווי פרישע וואסערן די שול־יאָרן געפלאָסן. די שול־אויפגאַבן זיינען ניט געווען קיין אָפּקומעניש, זיינען ניט געפאַלן ווי אַ לאַסט. פאַרקערט, מיט יעדן יאָר זיינען זיי געוואָרן מער אינטערעסאַנט. דער דירעקטאָר ביירעך האָט אויסגעקוקט צו זיין צופרידן מיט מיין לערנען. אין אַ קורצער צייט האָט ער מיך און אַ צווייטן אינגל אַריבערגעפירט אויף די ערשטע „סקאַמעיקעס". אַ שאַד, וואָס איך האָב פאַרגעסן דעם אינגל'ס נאָמען. ער איז געווען אַ יתום. אַנגעטאָן אין פלודערנע הויזן און אַ רעקל גרעסער פאַר זיין מאָס, אין וועלכן ער פלעגט זיך פאַרלירן, אחוץ זיין פּנים. אַ קעפּל האָט אָבער דער חברה־מאַן געהאַט „אַזוינס און אַזעלכעס". אַן אָפּענעם מוח צו לערנען. זיין מאַמע איז געווען באַרימט אין שטאָט מיט אירע אינגבערלעך און מאָנעלעך, וועלכע זי פלעגט אין אַ קערבל זיי אַרומטראָגן צו פאַרקויפן. מיט דעם קערבל פלעגט זי טאָג־טעגלעך זיין לעבן שול, וואו מיר זיינען געווען אירע הויפּט־קונים און פאַרגעטערער. איר האָט זי געטראָפן אין אַלע גאַסן און געסלעך. דער מסחר מיט די מחיה'דיקע מאָנעלעך און אינגבערלעך האָט איר, ווי מען זאָגט געגעבן „וואַסער מיט קאַשע", קוים געקאָנט זיך דורכלעבן. איר גרעסטער נחת איז געווען, איר אינגל'ס זיצן אויף דער ערשטער „סקאַמעיקע", זיין גוט לערנען זיך. דאָס האָט איר שווער לעבן באַלויכטן.

די לימודים אין בית־הספר, ווי אין אוטשילישטשע: די רוסישע שפּראַך, געשיכטע, העברייאיש, דיקדוק, תנ"ך האָבן מיר שטאַרק פאַראינטערעסירט. איך האָב עס ליב געהאַט, אַזוי אויך געאָגראַפיע. רבי יקטנ'ס אויסטייטשונגען און אויסברייטערונגען פון תנ"ך איז געווען גוט צו הערן און פאַרנעמען. גמרא, זעט איר, איז אפשר צוליב דעם רבי'ן שמואל קאַט (פונער)—זיין באַנעם, זיינען מאָדנע שטיקלעך, זיין שלאָגן און שלעכטע באַציאונג צו אונז בכלל — געפאַלן ווי אַ לאַסט. גמרא איז געווען אַן אָפּקומעניש. אָבער איך בין „מיין שטעטל באַשטאַנען" אויך אין גמרא, און — אָן אַ פּאַטש.

מײַן אינגל־חבר כאַצקע באַסמאַן

סײַ אין אוטשילישטשע, סײַ אין בית־הספר איז מײַן נאָענטסטער אינגל־חבר געווען כאַצקע באַסמאַן (עלטסטער ברודער פון אונזער לייבקע באַסמאַן). מיר זײַנען געווען אַ גוטע פּאָר, סײַ אין שטיפן און געוויסע שמד־שטיק.

כאַצקע איז געווען אַ שײַנער כוואַצעוודיק בחור'ל. צוזאַמען האָבן מיר בײדע געפירט די גרענדע אין בית־הספר. עס געדעקט זיך מיר, ווי אַזוי אַלס אַ פּאָר אין טאַקט האָבן מיר דאָמינירט די איבעריקע חברה. געווען אין בית־הספר אַ אינגל אײדלמאַן, אַ פּוסטע כלי, אַ באַרימער, אַ גרויס־האַלטער, וואָס פלעגט דערגײן די יאָרן. זײַן באַרימערײ וועגן זײַן משפּחה, זייערע געשעפטן און רײַכן הויז, פלעגט גרילצן אין די אויערן. אויסער דעם פלעגט ער זיך פאַרטשעפּען מיט די אינגערע קינדער, אָדער זײַן גלײַכן. ווען ער פלעגט קריגן אָנגעבראָכן די ביינער, פלעגט זײַן אויסרייד זײַן, אַז ער האָט דעם פרימאָרגן קיין מילך ניט געטרונקען. האָבן מיר, איך און כאַצקע באַשלאָסן דעם אײדלמאַן גוט אָנלערנען. מיר האָבן אים געראָטן, אַז קומענדיקן פרימאָרגן זאָל ער אױסטרינקען צוויי גלעזער מילך און זײַן גרייט. איינער פון אונז איז געווען געגנער צו ספּראַווען זיך מיט דעם יאַט... אין צוויי אַנדערע פאַלן האָבן מיר אים אָנגענומען, און געמאַכט אַש־און־פּאָרעך. פון אים און זײַן באַרימערײ איז קיין שריד ופּליט ניט פאַרבליבן. ווער האָט זיך געקאָנט פאַרגלײַכן צו אונזער פּאָרל?!

אין כאַצקע'ס הויז פלעג איך זײַן אַן אָפטער גאַסט. כאַצקע'ס פאַמיליע זײַנען געווען ליבאַוויטשער חסידים. איך האָב ליב געהאַט זײַן שטילן רואיקן טאַטן איציק באַסמאַן מיט דער שײנער גוטער מאַמען חנה'ן. איך פלעג אַמאָל אַרײַנקומען פרײַטיק־צו־נאַכט אָדער שבת, ווען דער טאַטע זײַנער פלעגט קומען אַהיים פון וואַלד, וואו ער האָט געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך, צו הערן זייער זינגען מיט התלהבות און ברען זמירות און חסידישע ניגונים. איך האָב אַמאָל כאַצקע'ן געזאָגט, אַז זײַן טאַטע קוקט אויס אַזוי ווי צאַר ניקאָלאַי, להבדיל, מיט זײַן קורץ אַרומגעשאָרן בערדל און אַרומגעשאָרענע וואָנצעס. ער האָט גוואַלדיק הנאה געהאַט פון מײַן פאַרגלײַך. איך געדענק אויך זײַן זײדן, בינע דעם שענקער, מיט זײַן פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען און נאָך מער זײַן זײדן מאָטל קאַפּלאַן — דער „דעדע". אַ איד אַ משכיל, וואָס האָט געלײענט רוסיש און דײַטש, זיך געגרויסט מיט דעם, וואָס ער איז געווען משה לייב לילענבלום'ס אַ תלמיד. הײַנט וואָלט מען אים גערופן אַ וועלטלעכער איד. מיט מיר פלעגט ער ריידן, ווי צו אַ דערוואַקסענעם, ווי אַ לערער וועגן די דרכים פון לעבן' ער פלעגט מיך אַרויסשטעלן פאַר אַ בײַשפּיל צו אַלע אייניקלעך, אױספרעגן וועגן מײַנע לימודים אין שול און זיך נאָכפרעגן וועגן זײדן און באָבען. מיט כאַצקען פלעגן מיר אַמאָל באַגלײטן דעם „דעדע" אין שענק. ווי דורך אַ חלום, געדענק איך, ווי ער האָט אַמאָל באַמערקט, אַז מײַן

זיידע שטאַמט אויך פון חסידים און אַז מיר זיינען ווייטע קרובים. איך האָב געפילט, אַז זיין באַנעמען זיך צו מיר, איז ווי צו נאָך אַן אייניקל זיינעם.

די נייע דרשה אין דער באַלעגאַלישער שול

אין יענער צייט איז דאָס לעבן אין ווילקאָמיר פאַר מיר געווען, ווי אַ קאָכיקער רווישיקער ים. טעג און וואָכן פול מיט נייע דערפאַרונגען אין אַרו־מיקן אויסלעבן זיך. דער אַפּעטיט צום לייענען איז געוואַקסן, אַזוי איז אויך געוואַקסן דער טעם פון אישיע לעווינ׳ס „פאַרבאָטענע" פרוכט. אַ שטויס צו אישיע לעווינ׳ס אוראַקן האָט געגעבן אַ פּאַסירונג אין דער באַלעגאַלישער שול, אין אַ געוויסן שבת, ווען די קלויז איז געווען געפּאַקט. יונג־און־אַלט האָבן אָנגעפילט די שול יענעם שבת.

אינמיטן לייענען די תורה, האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַ גרופּע בחורים, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען צו דער בימה. אַלע אין שול זיינען געבליבן, ווי געליימטע. איינער פון די בחורים האָט אָפּגעשטעלט דאָס לייענען די תורה און ווי אַ מגיד געהאַלטן אַ דרשה, — אַ דרשה פון אַ נייעם מין. דער תמצית פון דער דרשה איז געווען: מען איז מודיע, אַז עס איז דערקלערט געוואָרן אַ „זאַבאַסטאָווקע" (אַ סטרייק) באַ אַ באַלעבאָס, אַ קאָמאַשן־שטעפּער, קעגן די אוממענטשלעכע לאַנגע שעה׳ן פון אַרבעט און פאַר גרעסערע פאַרדינסטן. אַ סוף מוז געמאַכט ווערן צו אַזאַ לאַגע. די פאַרלאַנגען פון די בעל מלאכות (באַלמעלאָכעס) מוזן נאָכגעגעבן ווערן. קיינער זאָל ניט וואַגן מסר׳ן די בעל מלאכות צום „נאַדזיראַטעל" און די „גאָרדאָוואָיס". אַניט וועלן זיין גרויסע צרות. די מוסרים וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן. פאַרענדיקט די דרשה, האָבן חברה פאַרלאָזן די שול.

איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און זיי נאָכגעפאָלגט אינעם אַרויסגאַנג פון שול. אינדרויסן זיינען געשטאַנען נאָך אַ פּאָר פון דער חברה, צווישן וועמען איך האָב דערזען יאשקע ברוק—אַ יונג אַ גיבור, אַ שוסטער און זיין מיטאַרבעטער מיט נאָך אַ פּאָר אַנדערע, וואָס איך האָב געקענט אין שטאָט. יאשקע האָט מיך אָפּגערופן אין אַ זייט און אַ זאָג געטאָן: „שאיקע, פאַרגעס שנעל, וואָס דו האָסט דאָ געזען, זיי אַ גוט אינגל, גיי צוריק צום זיידן און האַלט דאָס מיילכל דיינס פאַרמאַכט".

אין שול איז מיר שוין אין קאָפּ ניט געגאַנגען דאָס פאַרענדיקן לייענען די תורה. מיין יונגער מוח איז אַזוי ווי אַוועק כאַדאַראָם פון דעם, וואָס איך האָב געהערט אין דער נייער „דרשה", באַאיינדרוקט פון דער חברה, וואָס איך האָב געזען אינדרויסן, ספּעציעל יאשקע ברוק. נאָכן דאַוונען האָט קיי־נער אין שול אַפילו קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען. באַם לייענען די תורה, אויך שאַ־שטיל, אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרניט פּאַסירט. קומענדיק אַהיים, האָט דער געשמאַקער שבת׳דיקער טשאָלנט

מיך געבראַכט צו זיך. נאָכן טשאָלנט האָב איך געזען אישיע לעווין, מיין אַליך־ווייסער. אישיע האָט מיר טאַקע דערקלערט אַלץ וואָס עס איז פאָרגע־קומען. ער האָט פאַר מיר צעקייט דעם גאַנצן ענין, און אַלץ איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, ווי דער טאָג.

שרהיקעלע ריקלאַנסקי

די כסדר'דיקע פאַר מיר אַנטדעקטע נייע לעבנס־ווינקלען און דערפאַ־רונגען זיינען באַרייכערט געוואָרן מיט אַ שפּאָגל נייעם געפיל, אַ געפיל אַ הימלשער, אַן אָנרעגנדיקער, אַן אָנגענעמער — דער אינגל־מיידל געפיל. ערשט נעכטן האָט אינגל באַטראַכט דאָס קליינע מיידל מיט אירע צעפּעלעך — אַ פּלאָנטער, אַ שטער אין זיינע שפּילן און שמד־שטיק, אין זיין אינגלשן אויסלעבן זיך — אַ חיה'לע, ניט זיינס גליכן. מיטאַמאָל, אַזוי ווי פון דער „העלער הויט" זיינען די חיה'לעך מיט זייערע צעפּעלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „באַרישנעס", פאַראורזאַכט אַ טיאָכקען און קיצל אין האַרצן. פון איגנאָ־רירן זיי ערשט נעכטן, הויבן אָן די אויגן צו דרייען זיך פון איין מיידל צו דער אַנדערער, אַזוי ווי אַרום אַ גאָרטן פון צעשפּראָצטע שיינע בלומען, ברייט־צעעפנטע מיט פאַרפיום אַראָמאַט באַדעקט, פאַרכאַפּנדיק אָנגענעם.

מיינע אויגן, מיין גאַנצער וועזן איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער צע־בליטער שיינער בלום, שרה'קעלע ריקלאַנסקי. שרה'קעלעס משפחה איז מיר ניט פרעמד געווען. זייער אייזן־און־פאַרב־קראָם איז געווען אַ פּלאַץ, וואו איך האָב ליב געהאַט אַריינקומען באַקוקן און באַוואונדערן די פאַרשיידענע טשוועקעלעך און טשוועקעס, גרויסע און קליינע אייזערנע כלים, דאָס מישן פון פאַרבן און וואָס ניט. איר ברודער משה איז געווען מיין עלטערן ברו־דער'ס נאָענטער חבר. משה פלעגט זעטיקן מיין שוואַכקייט צו זיסע געבעקס, ווען ער פלעגט מיר זען שטיין באַ דער קאָנדיטעריי און באַוואונדערן די פאַרשיידענע פיראָזשינעס: „שאַיקע, ווילסט אַ פיראָזשינע, קום אַריין און קלייב זיך אויס, וואָס דו ווילסט", פלעגט ער זאָגן. אין זייער הויז פלעג איך זיך אָפּט אַריינכאַפּן, הנאה האָבן פון די בולבע־לאַטקעס. משה איז געווען אַ ספּעציאַליסט צו פּרעגלען בולבע־לאַטקעס. דאָס האָט נאַטירלעך אויך, גע־געבן אַ געלעגנהייט כאַפּן אַ קוק אויף שרה'קעלען, פאַרברענגען אַ ווײַלע מיט איר און נאָך פאַרבייסן מיט לאַטקעס דערצו. דער וואַקסנדיקער פאַר־לאַנג צו זיין נאָענט מיט שרה'קעלען איז אַזוי אַרום געווען, ווי צוגעשניטן פאַר דער אינגל־מיידל אַנטוויקלונג.

די מאַמע און די באָבע זיינען געווען זייער צופרידן מיט שרה'קעלען. די באָבע ספּעציעל האָט שרה'קעלען אויפגענומען און באַהאַנדלט, ווי אַן אייגן אייניקל. שרה'קעלעס מאַמע, לאה, איז געווען אַ גוטהאַרציקע, נשמה'־דיקע מוטער און אַ קלוגע פרוי — דער קאָפּ פון געשעפט און פונעם הויז־געזינד. קלוג און טאַקטיש האָט לאה פאַרוואַלטעט מיט די געשעפטן, אויפ־

געפאַסט אויף דער דערציאונג און אַנטוויקלונג פון אירע צוויי מיידלעך, שׂרה'קע און האנקע (אַ ביסל עלטער פון שׂרה'קען). איר וואַרעמקייט האָט געקלעקט פאַר אַלעמען — פאַר מיר אויך.

איינמאָל אַ פּריטיק, ווען איך בין געווען בײַ די ריקלאַנסקיס, האָט זיך מאַמע לאה, ווי געוויינלעך געפּאָרעט אין קיך, געווען פאַרנומען מיט צוגרייטן אויף שבת. דאָס עפּעס די הון האָט צוגעצויגן מײַן אויפמערקזאַמקייט. די אויפגעשניטענע אינעווייניקסטע טיילן פון דער הון, דאָס אַפּרייניקן זיי, האָט בײַ מיר אַרויסגערופן פראַגן. אויף אַלע מײַנע פראַגעס, פאַרוואָס־פאַר־וועז, האָט מאַמע לאה מיר געדולדיק דערקלערט, מיט אַ באַמערקונג, באַגלייט מיט איר ליבלעכן שמייכל: „שאַיקעלע, דו וועסט נאָך אַמאָל זײַן אַ דאָקטאָר", ווײַל איך האָב זיך אינטערעסירט מיט דער אַנאַטאָמיע פון דער הון . . .

שׂרה'קעלע איז געווען זייער אַ שיין מיידל. אַ חנ'עוודיק פּנים'ל. אַן ערנסט־פאַרטראַכטע פאַר אירע יאָרן. די אויגן, אַזוי ווי בלאַנדזשענדיק אין די בלויע הויכע הימלען אַריין. אַ צוציענדיקע פיגור, אַ פאַרשטענדיקער מענטש. מער געגנויגט צו דעם גייסטיקן פון לעבן. געלערנט אין שול מיט גרויס התמדה. אויסער אירע שול־אויפגאַבן, האָט זיך שׂרה'קעלע אָפּגעגעבן מיט לייענען קלאַסישע ליטעראַטור, אַנשטאָט „דרייען זיך אויפן קאָרעק", ווי די מערסטע אַנדערע מיידלעך האָבן געטאָן. מיטן שׂרה'קעלען האָט מען זיך געקאָנט טיילן מיט ערנסטע געדאַנקען, איינדרוקן און געפילן. אַ שפּאַציר מיט שׂרה'קעלען האָט געמאַכט פילן גוט. אַ נאָענטע געמיינזאַמס האָט אונז ביידן צוזאַמענגעהאַלטן און פאַרבונדן אויפן גאַנצן לעבן. מײַן „פאַרדרייען" זיך מיט שׂרה'קעלען, ווי מען פלעגט זאָגן בײַ אונז ליטוואַקעס אין ווילקאָ־מיר, האָט באַשיינט און באַשטראַלט מײַנע אַלערליי אַנטפּלעקטע נייע ווינק־לען פון לעבן און מענטש.

יאַשקע ברוק; אַנדערע נייע באַקאַנטע

די מעשה מיט דער נייער דרשה אין דער באַלעגאַלישער שול האָט פאַר מיר געעפנט די טיר צו יאַשקע ברוק דעם שוסטער. ווײַזט אויס, אַז ער האָט געהערט וועגן מיר פון מײַן לערער אישיע לעווין.איך האָב דאָס געפילט, ווען איך האָב באַזוכט זײַן „מאַסטערסקאיא". ניט אָפּשטעלנדיק זײַן אַרבעט, האָט יאַשקע פרײַנטלעך אָנגעוויזן אויף אַ שוסטערישן נידעריק שטולעכל לעבן אים. די „זאַבאַסטאָווקע" קעגן דעם באַלעבאָס דעם קאַמאַשן־שטעפּער, האָט מיר געגעבן אַ געלעגנהייט צו פאַרבינדן אַ שמועס מיט אים. איך האָב אים איבערגעגעבן מײַן שמועס מיט אישיע לעווין גלײַך נאָך דער פּאַסירונג אין שול און, וואָס ער האָט מיר אויפגעקלערט, און אויך, אַז איך האָב געפרעגט אישיע'ן, צי איך קאָן זיך זען מיט יאַשקע ברוק. יאַשקעס באַלדיקער ענטפער איז געווען, אַז ער האָט זיך געזען מיט אישיע לעווין און ס'איז אַלץ אין אָרדענונג, אַז איך קאָן אַרײַנקומען אים זען, ווען נאָר איך בין גרייט. אינעם

שמועס האָט יאַשקע צוגעגעבן פליישׁ־און־בלוט צו אישיע'ס אויפקלערונגען. מיט פשוט'ע ביישפּילן וועגן זיין שוסטעריי, וועגן זיין חבר דעם מיטאַרבעטער און, וואָס עס מיינט צו ציען פּרנסה פון שווערער פּראַצע, האָט ער צוגעגעבן לעבן דאָס וואָס אישיע האָט מיר אויפגעקלערט. פון דאַן אָן בין איך געוואָרן אַ שטענדיקער אַריינגייער אין יאַשקע'ס וואַרשטאַט.

יאַשקע'ס הויכער וואוקס, זיין דעמבענער קערפּער־געבוי, די ברייטע פּלייצעס, דער מוסקולירטער פּנים, זיין גאַנץ געשטאַלט האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שמשון הגיבור. אויסער אַ פּאָר באַלעגאָלע־יונגען האָט יאַשקע געטויערט (גע'שמ'ט מיט זיין גבורה) איבער אונזערע ווילקאָמירער אידן. זיין אויסשפּראַך, זיינע שאַרף־קייקלדיקע רוסישע „רישן" האָבן געלאָזט דעם איינדרוק פון אַן אוקראַינער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט רעדן אידיש. יאַשקע איז ניט געווען קיין ווילקאָמירער געבוירענער. אַריינגעפאַלן אין ווילקאָמיר, ווען ער האָט זיך אָפּגעטראָגן פון זיין געבורט־שטאָט אָדעס. אין אָדעס האָט ער נאָך אַלס לערן־אינגל אין שוסטעריי זיך פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין אַ „זאַבאַסטאָווקע" אין אָדעס האָט ער פאַרזוכט דעם טעם פון צאַרישע פּאָליציי־קלעפּ. יאַשקע האָט תיכף אַרויסגערופן דאָס געפיל, אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרהאַרטעוועטן קלאַן־באַוואוסטזיניקן אַרבעטער־האָרעפּאַשניק. זיין וואוינען און אַרבעט פיינע עטלעכע יאָר אין ווילקאָמיר האָט אים איינגעבירגערט אין שטאָט. אישיע לעווין איז געווען אַ לערער, יאַשקע — אַ טוער. ער האָט פּראַקטיצירט דאָס אין וואָס ער האָט געגלויבט. ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אָרעמע שוסטער־אַרבעטער, גע־לעבט צוזאַמען אין אַ קליין הייזל פון צוויי צימערן. אין איין צימער איז געווען די שוסטעריי, דער צווייטער זייער שלאָף צימער. מיט די מאָגערע פאַרדינסטן, ווי אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן באַזאָרגט זייערע איינפאַכע לעבנס־נויטן.

אין יאַשקע'ס דעמבענעם, פיזיש־געזונטן קערפּער האָט געקלאַפּט אַ טייער מענטשלעך האַרץ און אַ גוטע נשמה. נאָך אין אָדעס האָט ער באַלאַנגט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געווען אַ מיטגליד אין דער „רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי". אין ווילקאָמיר האָט ער באַלאַנגט צו דער „פאַראייניקטער אידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־פּאַרטיי". מיר פער־זענלעך איז ער געווען זייער נאָענט און טייער, ווי אַן אייגענער. בעת מיין נודיען אים, אַז איך וויל ווערן אַ טייל פון זיין און אישיע'ס „קרוזשאָק" פלעגט יאַשקע גוט־האַרציק, ממש פאָטעריש צו מיר זאָגן — „שאַיקע, די צייט וועט קומען, דו ביסט נאָך צו יונג".

אויסער יאַשקע ברוק האָב איך דאַן געהאַט די זכיה צו באַקענען זיך מיט סאַראַ גאָרדאָן. וועגן דער געטלעכער סאַראַ גאָרדאָן — אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל.

טונקעלע וואָלקנס

א נייער שטורעם האָט אויסגעבראָכן און אַ טראַסק געטאָן אַזוי ווי אַ דונער. דער דונער האָט פּאַרוואָלקנט די זון און דעם בלויען ליכטיקן הימל. עס איז געקומען דער גרויל־שטורעם פון מלחמה, — די 1912 מלחמה אויפן באַלקאַן; די מלחמה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אין אַ בלוטיקער שלאַכט די סלאַווישע פעלקער בולגאַריע, מאָנטענעגראַ, סערביע. די דונערדיקע נייעס האָט ווי אַ וויכער געטראָפן ספּעציעל די אידן. עס האָט מיט זיך געבראַכט די שרעק, און דעם ציטער, אַז דער צאַר באַטיושקאַ, דער „באַשיצער פון אַלע סלאַוון", וועט אַריינציען רוסלאַנד אין דער מלחמה, מלחמה וועט ברענגען אַרמיי־מאָביליזאַציע און פאַראורזאַכן אַ בלוט־באַד. אידן וועלן ווערן דאָס כפּרה־הינדל, ווי אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה אין 1904-1905.

דער גרויל פון מוזן דינען אין דער אַרמיי, דער האַס צו מלחמה איז ניט געווען אויסשליסלעך אַ אידישע אין מיין יונגן מוח. אין מיינע יונגע געדאַנקען זיינען געקומען די לעבעדיקע בילדער און סצענעס פון שטאָט אין דער צייט, ווען ס׳פלעגן פאָרקומען די ווערבירונגען פאַר דינען אין דער אַרמיי, — די צייט פון פּריזיוו. מען פלעגט קינסטלעך מאַכן בחור׳שע הערצער קלאַפּן ווי אַ פּויק (עס זיינען אויף דעם געווען ספּעציאַליסטן), צעקוועטשן און אַפילו אָפּהאַקן אַ פינגער, אויסלינקען אַ פוס, — פאַרשיידענע מעטאָדן פון זיך אַליין קראַנק־מאַכן. דאָן איז געווען אַ סדרה פון אונטערקויפן די דאָקטוירים עקזאַמינירער אויסצובראַקירן אַ פּריזיוניק, דערקלערן אַז פאַר קיין סאָלדאַט טויג ער ניט. דערוואַקסענע זין פון גרויסע משפחות פלעגט מען באַצייטנס זיך הייסן אָפּטראָגן קיין אַמעריקע, און דורך כאַבאַר קריגן לעגאַטעס פאַר די איבערגעבליבענע. רייכע עלטערן פלעגן מיט געלט פאַרבייטן זייערע זין מיט יאַטן אביונים, בחורים גרייט צו ווערן סאָלדאַטן.

מאַמעס, באָבעס, יונגע ווייבער און געליבטע פון די אָנגענומענע „נאָוואָבראַנצעס", פלעגן גיין „קברים רייסן", יאָמערן פאַר אָן אָפּענעם ארון קודש צום אויבערשטן. אין טאָג פון אָפּשיקן די „נאָוואָבראַנצעס" מיט אַ מאַרש, פלעגט זיך פון קאָוונער גאַס טראָגן דער געשריי, דער יאָמער און געוויין פון געזעגענען זיך, אַזש צעקלונגען איבער דער גאַנצער שטאָט. די באַוואָפנטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן באַגלייט די „נאָוואָבראַנצעס" פלעגן מיט די פּריקלאַדן פון די ביקסן אָפּרייסן די מאַמעס, פרויען, שוועסטער און געליבטע — די ליטווישע ווי די אידישע — פון זייער אייגן בלוט און פלייש. דער ביטערער יאָמער־געוויין פלעגט אָנהאַלטן ביז די ווייטע סילועטן פון די „נאָוואָבראַנצעס" זיינען פאַרשוואונדן פון די אויגן.

אין דער באַלעגאַלישער קלויז, ווי אין אַנדערע שולן האָט מען בײַ דעם אויוון אַרומגערעדט און ספּעקולירט, וואָס דער קייסער, צאַר ניקאָלײַ ימח שמו וזכרו, וועט טאָן. ווען די מאָביליזאַציע איז נאָך ניט דערקלערט געוואָרן האָבן אידן געדאַנקט דעם אויבערשטן, וואָס האָט זיך אויף זיי מרחם

געוועזן. אידן האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. די מאַנעוורעס פון דער רוסישער אַרמיי אין אונזער ראַיאָן האָט געבראַכט אַ נייעם ציטער. באַטאַליאָנען פּע־כאָטע, קאַוואַלעריע, דראַגונער און אולאַנער קאָזאַקן האָבן ווי הייעשריקן באַדעקט און באַפאַלן די שטאָט. אידן האָבן פאַרמאַכט פענצטער און לאָדן, טירן פאַרשלאָסן. די הויפּט־שרעק איז געווען פאַר די טרויעריק־באַרימטע קאָזאַקן מיט זייערע נאַגאַיקעס. גאָט'ס רחמנות האָט זיך ווידער באַוויזן. אויסער אַ פּאָר פאַלן, האָט די מאַסע סאָלדאַטן זיך געהאַלטן אין אָרדענונג.

מיר, די יונגע חברה האָבן ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט צו זען און באַטראַכטן די קאָזאַקן און באַוואונדערן די סאָלדאַטן אין זייערע באַ־פּוצטע אין טאַליע צוגעפּאַסטע מונדירן. די אָפיצערן אין נאָך שענערע מונ־דירן מיט גאָלדענע עפּאַלעטן און גלאַנציקע שטיוול, איז געווען אַזוינס און אַזעלכעס.

איך געדענק איין אָוונט, ווען מיין שרה'קעלע און איך זיינען געגאַנגען דאָן אין קינאָ. בא דעם אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען און זיך געשטופּט אַ כאָפּטע קאָזאַקן. אַ פּעכאָטער אָפיציר איז פאַרבייגעגאַנגען און אַ קאָמאַנדע געטאָן, אַז די קאָזאַקן זאָלן ניט בלאָקירן דעם אַריינגאַנג. האָבן זיי אים גע־הערט ווי אין „טראָק" און אויסגעשאָסן מיט אַ געשמאַקן קאָזאַקישן גע־לעכטער. אַרויסגעהאָלפן דעם פּעכאָטנע אָפיציר האָט אַ קאָזאַקישער הויכער אָפיציר. ער האָט אַ קאָמאַנדע געטאָן, און די קאָזאַקן האָבן זיך אָפּגעטראָגן. יענעם אָוונט האָבן מיר געזען אַ פילם מיט אַ באַרימטן צו יענער צייט פראַנ־צויזישן קאָמיקער. (זיין נאָמען איז מיר אַרויס פון זכרון).

אישיע לעווין טייטשט אויס די אַרמיי־מאַנעווערס

אישיע לעווין פלעגט אַלע זיינע שמועסן אָנהויבן מיט געבן אַ הינטער־גרונט פון די פּראָבלעמען און פּאַסירונגען. און זיין אויסטייטשונג איז גע־ווען: די מאַנעוורעס פון דער רוסישער אַרמיי, זיינען צוגרייטונגען צו דער מלחמה; מיט דער מלחמה איז מען אויסן צו שיסן צוויי האָזן מיט איין שאָס. די רוסישע אַרבעטער און פּויערים זיינען געקומען צו זיך; האָבן באַ־נייט זייערע כוחות, אָפּגעשוואַכטע פון דער 1905 רעוואָלוציע; זאַבאַסטאָווקעס און פּאָליטישע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס האָבן אָנגעהויבן מיט אימפּעט צו וואַקסן זינט דעם סוף פון 1910. 1911 ווייזט אַ שטאַרקע אויפ־לעבונג פון קלאַסן־קאַמף, אַן אויפוואַכונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און דער „בונד" האָבן מיט באַנייטע כוחות אָנגעהויבן אַ ברייטע רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע. זיי דער־מוטיקן און גיבן פרירערשאַפט דעם דערוואַכטן קאַמף קעגן בלוטיקן צאַריזם. דער צאַריזם האָט ניט פאַרגעסן זיין טאַקטיק פון 1905, איז ווידער אויסן צו פאַרקערעוועןן די אומצופרידנקייט, דעם צאָרן און דעם האַס פון די מאַסן אויף פּאַטריאָטישע רעלסן.

ער האָט דערקלערט, אַז מיט די מאַנעווורעס נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ וויל מען אָנשרעקן, אַ סטראַשע־טאָן, כמעט פּראָוואָצירן די קייזער־לעכע דייטשלאַנד. צוליב דעם אַלעם, איז די געפאַר פון אַ בלוטיקער מלחמה אַ נאָענטע מעגלעכקייט.

אישיע לעווינ׳ס דיאַלעקטישע אָפּשאַצונג האָט דער מאַרש פון געשיכטע באַשטעטיקט. דער היינטצייטיקער וויכטיקער בורזשואַזער אַמעריקאַנער היס־טאָריקער, ד. פ. פלעמינג, קומט צו די זעלבן שלוסן. אין זיין וואָגיק ווערק „דהע קאָלד וואָר ענד איטס אָרידזשינס" (דער שורש פון דער קאַלטער מלחמה), דערשינען אין 1961 אין צוויי בענדער, שרייבט וועגן דעם פּעריאָד פון 1911־1912 אין צאַרישן רוסלאַנד, דאָס פאָלגנדיקע:

„פון אַ קליינער צאָל סטרייקס אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט אַרום 8 טויזנט אַרבעטער, האָט אין אַ קורצער צייט, אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1911, אַזוי ווי אַן אויפריים אויסגעבראָכן אַ כוואַליע פון סטרייקס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ האַלבן מיליאָן אַרבעטער. אין 1912, נאָענט צו אַ מיליאָן, באַגלייט מיט פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס. און אין 1913 — איבער אַ מיליאָן. דער ענטפער פון צאַריזם איז געווען, אַ גייעג צו מלחמה. מלחמה וועט צעפלאַקערן די פּאַטריאָטישע נאַציאָנאַלע געפילן, וואָס וועלן איינשטילן דעם אומרו פון די מאַסן, דעם רעוואָלוציאָנערן אויפ־ברויז פון די האָרעפּאַשניקעס אין לאַנד".

מיין טאַטע קומט אַהיים פון קאַנאַדע

אין יענער צייט האָט אַ כמאַרעדיק וואָלקנדל זיך אַריינגעריסן אין אונ־זער קליינער משפּחה. מיין טייערער זיידע האָט אָנגעהויבן פילן מיד. אַ שוואַכקייט איז דעם זיידן באַפאַלן. פון צייט־צו־צייט פלעגט אים שווער זיין צו אָטעמען. דער זיידע האָט געהאַט אַ טבע, אַרונטערצושלינגען אַ שטיקל קרייט שבת נאָכן טשאָלנט און בכלל ווען ער פלעגט פילן ניט מיט אַלעמען. אָט־די טבע האָט אים אין זיין נייעם געזונט־צושטאַנד ניט געהאָלפן. האָט דער זיידע באַשלאָסן צו שרייבן דעם טאַטן, ער זאָל קומען אַהיים פון דער ווייטער קאַנאַדע. ווינטער, אין יאָר 1913, איז דער טאַטע געקומען אַהיים. דעם טאַטנ׳ס אַהיימגומען האָט פאַרטריבן דעם לויערנדיקן כמאַרנעם וואָלקן איבער אונדזער הויז. דער זיידע האָט אַזוי ווי אויפגעלעבט. אַ שיין־געטאָן האָט דער באָבע׳ס פּנים. די מאַמע איז געווען אין זיבעטן הימל. עס איז געווען ששון ושמחה.

פאַר מיר איז דעם טאַטנ׳ס אַהיימקומען געווען, ווי דאָס צוריקבאַווייזן זיך פון אַ פאַרלוירענעם פאָטער. איך האָב אים דאָך אַזוי ווייניק געזען, כמעט אים ניט געקענט. זיין אַוועקזיין פון דער היים צוויי מאָל, אַ פיינע פאָר יאָר אין קאַנאַדע אין פאַרלויף פון מיינע קינדערשע יאָרן, האָט דאָס פאַראור־

זאכט. איז מיר אויסגעקומען אויפסניי דעם נייעם טאַטן צו פאַרדייען. שפּאָגל נײַ האָט דער טאַטע באַ מיר אויסגעקוקט. אין זײַן שײנעם פּוטערנעם מאַנטל, און קאַראַקולענער פּאַפּאַכע, אין די אַמעריקאַנער שיך, מיט אַ קורץ בערדעלע און וואָנצעס, האָט דער טאַטע אין מײַנע אויגן אויסגעקוקט מער ווי אַ פּריץ. נאָר ווען דער טאַטע האָט מיך אַ הייב־געטאָן, ווי איך וואָלט געווען גרינג ווי אַ פעדער, מיך אַרומגענומען און אַ שטילן דריק־געטאָן צו זיך, האָט מיך אַרומגענומען אַ נײַער געפיל, — אַ געפיל אַז איך האָב אויך אַ טאַטן. עס האָט זיך מיר אין קאָפּ אויסגעקלאָרט די באַדייטונג פון מײַן מאַמע'ס שטענדיקן זאָג — „באַ לייטן". מיר זײַנען געוואָרן „מיט לייטן גלײַך"! איך האָב אַ טאַטן, ווי אַלע בחורים האָבן. דער טאַטע האָט אַלעמען ווי אָפּגעפרישט, דערוואַרעמט דאָס לעבן, דערגאַנצט. עטלעכע טעג האָבן מײַנע אויגן נאָכגעפאָלגט דעם טאַטנ'ס יעדן שריט, זײַן באַנעמונג און באַציאונג. איך האָב אים געהאַלטן אין איין אָפּמעסטן פון קאָפּ ביז די פיס. זײַנע אַמעריקאַנער קליידער, שיך און זאָקן; זײַן וואוקס, די טונקל־בלאָנדע, שיין פּאַרקעמטע קאָפּ האָר; זײַן ליכטיק פּנים, דאָס פּריצישע בערדל; און די אויגן, ווי דעם זיידנ'ס פאַרטראַכטע ליבלעכע אויגן.

אויף מאָרגן, ס'איז געווען פרייטיק (פאַרבליבן אײַנגעקריצט אין זכרון) האָט דער טאַטע זיך אַ ביסל אַרומגעגאַלט מיט אַ מאַשינקעלע, וואָס ער האָט געבראַכט פון קאַנאַדע. אַרומגעוואַשן זיך אַזוי שטאַרק, ווי ער וואָלט געווען אויסן אַראָפּצוּוואַשן פון זיך זײַן קאַנאַדישקייט. ער האָט אָנגעטאָן אַ נייעם אַנצוג, די הויזן מיט אַ שאַרפן קנייטש פון אויבן ביז אונטן, וואָס האָט אַזוי ווי געסטראַשעט — ריר מיך ניט אָן, אויב דו ווילסט די פינגער ניט אײַנשנײַדן. דער טאַטע האָט געזען, אַז איך נעם מײַנע אויגן פון אים ניט אַראָפּ. אויף מײַן פראַגע, צי אַלע אין קאַנאַדע קליידן זיך אַזוי, האָט ער געענטפערט: „ניין, שאַיקעלע, נאָר די אַרבעטער וואָס פאַרדינען אַ העכערן געהאַלט, אַ גרויסע צאָל קאָנען זיך אַזוינס ניט פאַרגינען. אין קאַנאַדע, אַזוי ווי אומעטום זײַנען פאַראַן באַלעבאַטים און אַרבעטער, רײַכע און אָרעמעלייט. דעם אַנצוג האָב איך אָנגעטאָן לכבוד שבת".

אין קלויז אַרײַן האָבן מיר נאָכגעפאָלגט דעם זיידן, צום ערשטן מאָל אין אַ לאַנגער צייט, אַ גאַנצע משפּחה. באַם אַרײַנגאַנג אין שול און גייענדיק אַהיים האָבן אַלע באַגריסט דעם זיידן מיט גוטע וואונטשן, מיט זײַן נחומ'ס אַהיימקומען, פרייטיק־צו־נאַכט האָט באַם זיידנס טיש אַלץ אויסגעקוקט יום־טוב'דיק. דעם זיידנ'ס קידוש איבער דער חלה, זײַן ברכה איבער ווײַן האָבן דאָס מאָל געקלונגען קלאָרער ווי אַלעמאָל. ער האָט געטרונקען מיטן טאַטן פון קליינע גלעזעלעך דעם 90־קער בראָנפן.

דער טאַטע האָט דערציילט וועגן זײַן אַרבעט אין קאַנאַדע, וועגן זײַנע גוטע פאַרדינסטן און זײַנע באַלעבאַטים, אייגנטימער פון אַ גרויסער פירמע. זײַנע באַלעבאַטים האָבן אים געמאַכט פאַר אַ קאַנאַדישן בירגער. זיי זײַנען

גרייט אים ארויסהעלפן קויפן א פּאַסיקע הויז, ווען ער וועט צוריקקומען מיט דער גאַנצער משפּחה; אים פאַרזיכערט שטענדיקע אַרבעט, אַזוי לאַנג ווי ער וועט נאָר וועלן אַרבעטן פאַר דער פירמע. ער האָט עס אָפּגעלייגט פון־יאָר צו־יאָר, דערציילט ער, ווייל ער וויל זיך באַראַטן מיט זיין פאָטער און דאָן באַשליסן, וואָס צו טאָן. דערווייל מוז ער פאָרן צוריק אַהיים, אין ליטע, האָט ער זיי געזאָגט.

יענעם שבת איז דער טשאָלנט געווען עפּעס מער באַ׳טעמ׳ט, ווי אין די פריערדיקע שבתים. דער זיידע האָט געגעסן מיט א בעסערן אַפּעטיט, נאָכן עסן א גרעסער שטיקל קרייט אראָפּגעשלונגען, און ווי זיין טבע איז געווען, נאָכן טשאָלנט זיך געלייגט כאַפּן א דרעמל.

ווען מיר זיינען ארויף צו אונז אין הויז האָט דער טאַטע פאַרזיכערט דער מאַמען, אַז ער וועט בלייבן אין דער היים אַרבעטן מיטן זיידן. ער האָט אָפּגעשפּאָרט א פּעקעלע געלט אין קאַנאַדע. ס׳וועט זיין גענוג פאַר אונז. אַזוי רעדנדיק, האָט דער טאַטע געעפנט דאָס פענצטער (ס׳איז געווען א מיל־דער ווינטער־טאָג), אָן אָטעם־געטאָן די פרישע לופט, ארומגעכאַפּט מיט זיינע אויגן די ניט ווייטע באָד־גאַס, די מצרים־גאַס פון ווילקאָמיר. דער גביר, אונזער שכן אַנטקעגן הויז, בענצע שטערן, האָט באַמערקט דעם טאַטן און פאַרבונדן אין ענגליש א געשפּרעך מיט אים. קיין איין וואָרט האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרשטאַנען. איך האָב נאָר באַוואונדערט דעם טאַטן און דעם ענגלישן קלאַנג. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דעם טאַטנ׳ס ענגליש איז געפלאָסן גלאַטיקער, ווי דער ענגליש פון גביר. מיין טאַטנ׳ס באַוויזענע וואונדער האָט מיך אָנגעבלאָזן, ווי אַן אינדיק מיט שטאָלץ און פאַרערונג צו אים. ס׳האָט מיר געמאַכט פילן, אַז מיין טאַטע איז א טאַטע פון טאַטנ׳ס לאַנד.

יום־טובים, שמחות קומען און גייען איבער אין וואָכעדיקע טעג. אַנ־שטאָט איין האַמער, האָבן צוויי האַמערס אָנגעהויבן אויסקלאַפּן אין טאַקט און קלינגען איבער דער קאָוואַדלע. די פאַרשטאַרקטע קונציקע אַרבעט פון מיין טאַטן האָט מיך אַזוי ווי צוגענאָגלט צו דער קופּער־שמידעריי, האָט מיר פאַרשאַפט גרויס הנאה אין מיינע נאָך שול־שעה׳ן. דער טאַטע, ווי עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, איז מיט מיין גרויסער התלהבות פאַר קופּער־שמידעריי ניט געווען צופרידן. איך האָב דאָס דערפילט, ווען אויסקלאַפּנדיק די רינגען אין א שיינעם וואַסער־פּעסל האָט ער מיטאַמאָל מיר געזאָגט: „שאַיקעלע, קופּער־שמידעריי איז גאַנץ אינטערעסאַנט. ס׳איז אָבער א שווערע אַרבעט. די פאַרדינסטן זיינען קליינע. אפילו אין אַמעריקע שאַרן אַרבעטער ניט קיין גאָלד. לערנען, שטודירן גיט א מעגלעכקייט צו פּראָפעסיעס, וואָס זיינען אויך אינטערעסאַנט, און מען קאָן פון דעם אויך א גרינגערן לעבן

מאכן. ס'איז דיין לעצטער יאָר אין אוטשילישטשע. גרייט זיך גוט צו די עקזאַמענס. דו וועסט שפּעטער אַריינטרעטן אין גאַראָדסקאָיע אוטשיליש־טשע. פאַרגעס וועגן אונזער קופּער־אַרבעט".

דעם טאַטנ'ס לעקציע האָט זיך מיר שפּעטער געבאַמבלט אין קאָפּ פאַר אַ לאַנגער צייט.

דער זיידע ווערט ערנסט קראַנק

די ליכטיקע זוניקע וואַרעמקייט אין הויז, וואָס דעם טאַטנ'ס אַהיימ־קומען האָט געבראַכט אין דעם פאַמיליע־לעבן, איז גרויזאַם פאַרפינצטערט געוואָרן. דער טייערער זיידע איז שטאַרק ערנסט קראַנק געוואָרן. די מידקייט און דאָס שווערע אָטעמען, וואָס איז אַ רעכט ביסל בעסער געוואָרן, כמעט פאַרשוואונדן, ווען דער טאַטע איז געקומען אַהיים פון קאַנאַדע, איז מיט־אַמאָל ערגער געוואָרן. ס'איז שווער געוואָרן פאַרן זיידן צו אַרבעטן, דעם האַמער אין האַנט צו האַלטן. מ'האָט גערופן דעם פעלדשער. נאָך אַן אונטער־זוכונג, נאָך אויסהערן און אויסקלאַפּן דעם חולא, איז דער פעלדשער אַרויס פון זיידנ'ס שלאָפצימער אַ באַזאָרגטער. ער האָט זיך אַ שושקע געטאָן מיטן טאַטן. אויף מאָרגן איז ער געקומען צוזאַמען מיט דאָקטאָר קאַצענעלבויגן. וועגן דאָזיקן דאָקטאָר איז בײַ אונז אין ווילקאָמיר געווען אַ ווערטל — „פריער גאָט און דאַן קאַצענעלנבויגן". ער האָט וויזיט אוים באַשטעטיקט דעם פעלדשער'ס דיאַגנאָז וועגן דעם ערנסטן צושטאַנד פון זיידן, און האָט דערקלערט דעם טאַטן, אַז מען קאָן דערוואַרטן דאָס ערגסטע. אין עטלעכע טעג אַרום איז דער זיידע אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט.

דעם זיידנ'ס טויט האָט אונז אַלעמען געטראָפן ווי אַ דונער. מיך האָט עס שטאַרק צעטרייסלט, געעפנט אַ לאָך אין האַרצן. די רעליגיעזע אויס־טייטשונג, דער צוגאַנג, אַז עס איז „אַזוי באַשערט געווען", אַז ס'איז אַ גאָט־זאַך, אַז יום כיפור ווערט פאַר'חתמ'עט „מי לחיים ומי למות", איז פאַר מיר שוין דאַן קיין פאַרענטפערונג ניט געווען. און דער פּשוט'ער אמת, אַז „מ'ווערט אַלט, שטאַרבט מען" איז פאַר מיר דאַן געווען צו אַבסטראַקט צו באַנעמען. ס'האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן מיין זיידן! ווען דוד דער שמש האָט אַ הויב־געטאָן און אַרויסגעטראָגן מיין זיידן, האָב איך געפילט, ער נעמט אַוועק דעם זיידן פון מיר. איך האָב זיך געוואָלט שטעלן קעגן דוד דעם שמש, בכדי דאָס ניט דערלאָזן. דער באַבע'ס פאַרקלעמטער פּנים האָט מיין געפיל נאָך מער פאַרשטאַרקט. געבלוטיק האָט מיין יונג וועזן.

דאָס ווערטל, אַז „צו אַלע צרות געוואוינט מען זיך צו", איז אויך חל געווען אויפן פאַרלירן דעם איינציקן זיידן מיינעם. עס רעדט זיך אָבער נאָר אַזוי. וואָכן לאַנג האָט דעם זיידנ'ס געשטאַלט געלינגערט פאַר מיינע אויגן. אין הויז האָט אַלץ דערמאָנט אָן דעם זיידן: דער טיש מיט דעם שטול

זיינעם אויבן־אָן, די קושעטקע אויף וועלכער ער פלעגט אַזוי געשמאַק כאַפּן אַ דרעמל, די הענגענדיקע פענדלעך אויף די ווענט, די אויסגעאַרבעטע טעפּלעך, די דריידל־מאַשינקע צו מאַכן מאַכאָרקע־פּאַפּיראָסן.

טעג־נאָך־טעג זיינען בילדער געפלאָסן פאַר די אויגן: דעם זיידנס ליבער פּנים מיט דער געלבלעכער באָרד, זיין פירן מיר אין קלויז אַריין פאַרן הענטל, זיין נעמען מיר אין זיינע אָרעמס אין חדר אַריין. די נעבט זיינען געווען פול מיט חלומות וועגן זיידן. און ניט אומזיסט. דער זיידע איז דאָך אַ לאַנגע צייט געווען מער ווי אַ זיידע — אַ זיידע און אַ טאַטע, מיין באַשיצער אין די קינדער־יאָרן פון דער מאַמע'ס מוסר'ן און סטראַשנדיקע קלעפּ. אַלץ איז געווען דער זיידע.

אַ טויטע שטילקייט האָט גערוט אין זיידנ'ס הויז. אַ טרייסט איז געווען די באָבע. די באָבע האָט אָבער אַליין פאַר אַ ווײַלע אויסגעקוקט ווי אַ שאָטן, כאָטש זי האָט געהאַלטן אין איין טרייסטן מיך. ווייזט אויס, אַז אין טרייסטן מיך, איז געווען אַ טרייסט פאַר איר. אַ טרייסט האָב איך אויך געפונען דאָן דורך באַקענען זיך מיט דער געטלעכער סאַרא גאָרדאָן.

סאַראַ גאָרדאָן

אישיע לעווין, שכן און לערער, האָט מיר אַ רעכט ביסל געהאָלפן אַריבערקומען דעם שטאַרקן קלאַפּ, וואָס איך האָב געליטן. ער פלעגט אויסדריקן אַ סך רעספּעקט פאַר מיין זיידן. ער, מער ווי אַנדערע, האָט פאַרשטאַנען מיינע טיפע געפילן צום זיידן, און מער ווי אַנדערע באַגריפן דעם גרויסן פאַרלוסט פאַר מיר דורך זיין טויט.

לויט זיין טבע האָט אישיע לעווין, אין זיין אַזוי־צו־זאָגן טרייסטן מיר, באַהאַנדלט דעם נאַטור־פּראָצעס פון לעבן און טויט, די נאָך ניט דערשעפּטע צאָל שוואַכקייטן, קראַנקהייטן וואָס באַפאַלן אונזער בשר ודם; די מעדיצינישע ראַנגלענישן מיט די סודות און סיבות פון אַ ריי קראַנקהייטן. ס'איז אַ דויערנדיקער פּראָצעס. דער זיידע מיינער, אַזוי ווי פיל אַנדערע, שטאַרבן ווי מ'זאָגט פאַר דער צייט, צוליב דעם באַגרענעצטן וויסן פון היילן אַזוינע חולאת'ן.

די צייט האָט דאָך ביסלעכווייז געהיילט מיין וואונד. די האַרציקע, צערטלעכע באַציאונג פון אישיע לעווין, יאַשקע ברוק און סאַרא גאָרדאָן, די אָנקומענדיקע עקזאַמענס אין אוטשילישטשע, און מיין טאַטנ'ס וואַרעמע באַציאונג צו מיר — זיינען געווען דער נויטיקער באַלזאַם פאַר דער היילונג.

ווי פאַר די מערסטע אידן אין ווילקאָמיר איז אויך מיר דער נאָמען סאַרא גאָרדאָן געווען באַקאַנט אַלס די הויפּט קראַנקען־שוועסטער אין דער שטאָטישער „באָלניצע" (שפּיטאָל). אָבער, אַז סאַרא גאָרדאָן איז פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, האָב איך ניט געוואוסט.

פֿאַר סאַראַ גאָרדאָן האָבן אַלע געהאַט גרויס אַפּשיי. די קראַנקען־שוועס־טער אוניפֿאָרעם און היטעלע (קעפּקע), די בלאָנדע האָר מיט אַ שייטל פֿאַר־קעמט, דער רונדער פּנים פֿון בלוט און מילך קאָליר מיט זומער־שפּרינקלעך באַצירט, דער צאַרטער ליבלעכער בליק פֿון אירע שטראַלנדיקע טיילוויִז ערנסטע אויגן — דאָס אַלץ האָט סאַראַ גאָרדאָנ׳ען געגעבן אַ מין געטלעכן אויסזען.

מײַן שטײַפֿקייט און פֿאַרלוירנקייט בעת׳ן באַגעגענען צוערשט סאַראַ גאָרדאָן, איז מיט דער צײַט פֿאַרשוואונדן, ווען מײַנע אויגן האָבן זיך באַ־געגנט מיט איר ליבלעכן צאַרט־אײַנגעהאַלטענעם מוטערלעכן שמייכל. איך האָב אָנגעהויבן פֿילן, אַז מיר קאָנען זיך שוין לאַנג, ווײַל וואָרעם איז געווען איר באַציאונג צו מיר באַם ערשטן מאָל טרעפֿן זיך. ווײַזט אויס, אַז אישיע לעווין און יאַשקע ברוק האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר מיר.

סאַראַ גאָרדאָן איז געווען זייער פֿרײַנטלעך צו מיר. איר נאָכפֿרעגן זיך וועגן מײַן לייענען, מײַן שול־אַרבעט, אַפֿילו איר באַמערקונג וועגן מײַן פֿאַר־לאַנג צו באַלאַנגען אין „קרוזשאָק״ (קרײַז), האָט מיר געמאַכט פֿילן, אַז זי ווייס וואָס ס׳קומט פֿאַר צווישן מיר און אישיע לעווין. סאַראַ, ווי אישיע, האָט מיר אָנגעוויזן, אַז ס׳איז נאָך צו פֿרי, איך בין נאָך צו יונג, מען דאַרף האָבן געדולד. די צײַט וועט קומען. אַ רעכטע ווײַלע שפּעטער, ווען איך האָב דערלעבט אַרײַנגענומען צו ווערן אין „קרוזשאָק״ און אויסגעהערט סאַראַ גאָרדאָנ׳ס ערשטן רעפֿעראַט וועגן דער לאַגע און די אַנטוויקלונגען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, איז זי אין מײַנע אויגן אויסגע־וואַקסן צו אַ געטלעכער רעוואָלוציאָנערער פֿיגור. איך האָב דאַן באַטראַכט אישיע לעווין אַלס דעם ווילקאָמירער לענין, און סאַראַ גאָרדאָן — די פֿאַר־קערפּערונג פֿון ראָזע לוקסעמבורג און קלאַראַ צעטקין. אויב אישיע לעווין האָט מיר, ווי פֿאַרן הענטל, נאָך גאָר יונג, געפֿירט אויפֿן וועג צו סאָציאַליזם, האָט סאַראַ גאָרדאָן מיך אַ נעם־געטאָן פֿאַר דער צווייטער האַנט אין דער זעלבער אידייאישער ריכטונג. סאַראַ גאָרדאָן איז געווען אַן אינטעליגענט, אַ מאַרקסיסט, אַ באמת׳ע רעוואָלוציאָנערע פֿיגור. זי האָט עס שפּעטער באַוויזן דורך איר אַרבעט אַ סך יאָרן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

די עקזאַמענס זײַנען דורך בשלום. איינע פֿון מײַנע אויפֿגאַבן איז גע־ווען צו ציטירן פּושקינ׳ס „באַראַדינאַ״. עד־היום זײַנען נאָך פֿאַרבליבן אין זכרון עטלעכע סטראָפֿן: „דאַ בילי ליודי וו׳נאַשע ווערעמיאַ, ניע טאָ שטאָ נינעשנאָיע פּלעמיאַ! באָגאַטערי, — ניע ווי!״.

דירעקטאָר בייראַך איז געווען צופֿרידן. פֿאַרדראָסן האָט מיר זייער שטאַרק, וואָס דער זיידע האָט ניט דערלעבט אַ ביסל נחת פֿון מיר. אַ שווע־רער עול איז מיר אַראָפּ פֿון קאָפּ. איך האָב געפֿילט ווי אַ פֿרײַער פֿויגל. אַרומגעגאַנגען פֿראַנק־און־פֿרײַ. הנאה געהאַט פֿון די שטראַלנדיקע זומער

מאַנאַטן, געהאַט פרייע צייט פאַר אַלץ, וואָס דאָס האַרץ האָט געגלוסט. צייט צו פאַרברענגען מיט שרה'קעלען, צייט צו זען זיך מיט אישיע לעווין, יאַשקע ברוק, סאַרא גאָרדאָן און מיכל גאַרבער.

מיכל גאַרבער — אַלטער רעוואָלוציאָנער

מיכל גאַרבער איז געווען באַקאַנט אין שטאָט אַלס אַ שוסטער אַ פאַכמאַן. זיינע קליענטן זיינען געווען מער פאַרמעגלעכע אידן. ער האָט געאַרבעט פאַר זיך אַליין. זיין שוסטער וואַרשטאַט, ווי אויך זיינע וואוינונגס־צימערן זיינען געווען באַלעבאַטיש, אין פאַרגלייך מיט יאַשקע ברוק'ס אָרעמער וואוינונג. מיכל גאַרבער איז דאַן געווען אַ מאַן אין די פערציקער, אויב ניט מער. אַ הויך־וואוקסיקער, שלאַנק, מאָגערלעך, קורץ־געשאָרענע שווארצע האָר, טיפע אויגן (זיינע ברילן האָבן זיי געמאַכט אויסקוקן נאָך טיפער), אַ לענגלעכע נאָז, וואָנצעס, און אַן איידעלער ערנסטער פּנים. זיין גאַנץ געשטאַלט האָט עדות געזאָגט אויף דעם, אַז אָט־דער מענטש האָט שוין אַ רעכט ביסל דורכגעמאַכט אין זיין לעבן, איבערלאָזנדיק אויף אים קאָנטיקע צייכנס.

מיכל גאַרבער איז געווען פאַרבונדן מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג פון נאָך פאַר דער רעוואָלוציע אין 1905. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט פעליקס דזשערזשינסקי, אַ. פּיאַטניצקי, און קאַפּסוקאַס אין דער רעוואָלוציע פון 1905. זיין רעוואָלוציאָנערער באַגאַזש איז געווען אַ באַדייטנדיקער. ער איז ניט געווען צו באַרעדעוודיק. אָבער דאָס ביסל, וואָס ס'פלעגט אין געוויסע מאָמענטן אַזוי ווי אַרויסגעצויגן ווערן פון גאַרבער'ן איז געווען באַלערנדיק, און וויכטיק. עס פלעגט אָבער אויך שאַפן דעם איינדרוק, אַז ער דענקט, אַז די אַרבעט פון ווילקאָמירער „קרוזשאָק" איז אַ מין שפּילן זיך אין באַלענדעלעך, איז מינדערוויכטיק. פאַר מיר איז מיכל גאַרבער געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקייט ווי די העלדן־קעמפער, רעוואָלוציאָנערן, וועגן וועלכע איך האָב געלייענט אין זשורנאַל „בילאָיע".

דער טאַטע פלעגט מיר, אַזוי ווי מיין עלטערן ברודער יוסף, מיטנעמען צום שטאַטישן טייך. נאָך אַ גוטן שווים אין די טיפערע רוישיקע בוכטעס פון טייך, פלעגט דער טאַטע מיך לערנען שווימען אין די שטילע פליסיקע וואַסערן. ס'פלעגט זיין אַ צווייפאַכע הנאה: זען דעם טאַטן שווימען (ער איז געווען אַ גוטער שווימער), און זיין לערנען מיר שווימען. דער אָנרעגנדיקער געשמאַק פון האַלטן זיך אויפן וואַסער, און די נאָענטקייט מיטן טאַטן, זיין באַנעמען זיך און פאָטערלעכע באַציאונג, האָט געמיינט זייער אַ סך פאַר מיר.

איך האָב אויך געהאַט צייט צו פאַרברענגען מיט מיינע נייע באַקאַנטע חברים, מיט מיין שרה'קעלען, און אַ ביסל פריי־פויגלדיק, מיט מיין נאָענטן שול־חבר כאַצקע באַסמאַן און אַנדערע. דאָס אַלץ האָט פול געמאַכט מיין בעכער פון אויסלעבן זיך אַלס יונגטלעכער, און אָפט אַפילו אַריבערגערונען.

די טעג און וואָכן זיינען געווען צאַפּלדיקע, הערלעכע, פריידיקע, די בעסטע טעג פון מיינע יונגע יאָרן. אָט־די וואונדערבאַרע פריידיקע און גליקלעכע טעג זיינען מיט איין טראַסק איבערגעשניטן געוואָרן דורך דעם דונער פון מלחמה־אויסברוך.

אויסברוך פון מלחמה און מאָביליזאַציע

דער דונער האָט שלאָג־געטאָן. די מלחמה איז אויסגעבראָכן דעם ערשטן אויגוסט 1914. די מלחמה־דערקלערונג איז באַגלייט געוואָרן מיט אַן „אוקאַז" (באַפעל) וועגן פולשטענדיקער מאָביליזאַציע. ערשט נאָך תשעה באב, ווען אידן האָבן באַוויינט און באַיאָמערט דעם חורבן בית המקדש, האָט אַ נייער חורבן — די ערשטע וועלט־מלחמה — ווי אַ וויכער אַרומגעכאַפּט די אידישע באַפעלקערונג. די פּלאָג פון דער מלחמה האָט געטראָפן טאַקע אַלעמען, ניט נאָר אידן. אַרבעטער, פּויערים, ברייטע האָרעפּאַשנע פאָלקס־מאַסן באַצאָלן דעם גרעסטן פּרייז אין מלחמה. ליידן, מאַטערניש, קאַנאָנען־פלייש פאַר דעם דעספּאָטישן צאַר. ווי אַ צוגאָב צו די מלחמה־ליידן און מאַטערנישן, צו דער בלוט־פאַרגיסונג, איז נאָך בײַ אידן געווען די גרעסערע שרעק צו ווערן דאָס כפּרה־הינדל פאַר אַלע צרות. אַ תוכחה האָט זיך אויסגעגאָסן אין די הויז־געזינדן, וואָס האָבן געקראָגן מעלדונגען וועגן מאָביליזאַציע פון ברויטגעבער, זין און איידעמס, אונזער הויז־געזינד בתוכם.

מ'האָט גערופן אין דער אַרמיי דעם ערשט־אהיימגעקומענעם טאַטן. ער איז דאַן געווען 43 יאָר אַלט. די צאַרישע געזעצן האָבן די קאַנאַדער בירגערשאַפט פון אַ געבאָרענעם אין רוסלאַנד ניט אָנערקענט. אָט־אָט וועט די מלחמה צונעמען דעם איינציקן פאַרדינער און ברויטגעבער פון דער משפחה. מ'איז געבליבן זיצן ווי אין שבעה, ווען דער טאַטע איז אַוועק זיך מעלדן אין דער מיליטערישער קאָמיסיע. די נשמה איז שיעור ניט אַרויס, וואַרטנדיק, ביז דער טאַטע וועט אהיימקומען. אַ ווײַלע האָבן מיר אַפילו ניט געגלויבט, אַז מען האָט אים אויסגעבראַקירט אַלס סאָלדאַט... ווען קומענדיק אַהיים האָט ער אונז געוויזן דעם ווייסן בילעט, איז די שמחה געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז אונז אַפילו ניט איינגעפאַלן צו פרעגן דעם טאַטן די סיבה, פאַרוואָס ער איז אויסגעבראַקירט געוואָרן.

אונזער שמחה, אונזער פרייד איז פאַרשטערט געוואָרן דורך דער גרויל־נייעס פאַר אונזער שכן עליע הזקן, אַז זיין איינציקן אייניקל האָט מען אָנגענומען און ער וועט גלייך אָפּגעשיקט ווערן צום פראָנט. דער מלחמה־דונער האָט אויך געטראָפן אַנדערע באַקאַנטע און שכנים. דער טאָג, ווען מען האָט אָפּגעשיקט די סאָלדאַטן ווי קאַנאָנען־פלייש, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויליק בילד. מאַמעס, ווייבער, שוועסטער, געליבטע פון די אָפּגעגעבענע צו אַרמיי־דינסט, האָבן פאַרהילכט די גאַסן מיט זייער יאָמער־געוויין. דער ארון קודש אין דער באַלעגאָלישער קלויז האָט זיך יענעם טאָג ניט צוגע־

מאכט. פארמעגלעכע שטאָטישע באַלעבאַטים האָבן דורך כאַבאַר אויסגעקויפט זייערע זין און איידעמס פון גיין אין דער מלחמה. דער מאָביליזאַציע־חורבן, איז געווען אַ צווייטער תשעה באב אין שטאָט.

גירוש אידן פון קאָוונער גובערניע

איין מגפה האָט נאָכגעפאָלגט אַ צווייטע, אַזוי ווי פּרעה׳ס מכות. די לאַגע אויפן דייטשישן פראָנט האָט נאָך אַ קורצער צייט איינגאַנצן זיך געביטן. נאָך דער מלחמה־דערקלערונג און מאָביליזאַציע איז די צאַרישע אַרמיי מיט שנעלקייט אַריינגעדרונגען און פאַרנומען מזרח־פּרייסן. אויפן קאַרפּאַטישן פראָנט, אַרויסגעהאָלפן דורך מאַסן־דעזערטירן פון סלאַוון אין דער עסטרייכישער אַרמיי, האָבן די רוסן אָפּגעהאַלטן גרויסע נצחונות. ס׳האָט אויסגעזען, אַז דער הויפּט־לאָזונג „שאַפּקאַמי זאַקידאַיעם״ (מיט די היטלען וועלן מיר זיי באַוואַרפן) ברענגט גינסטיקע רעזולטאַטן.

דייטשלאַנד און עסטרייך זיינען געווען אונטערן איינדרוק, אַז די אינערלעכע לאַגע אין רוסלאַנד, די סטרייק־כוואַליעס, דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז איבערן לאַנד וועט אָפּהאַלטן דעם צאַריזם צו פאַרנעמען זיך העלפן די סערבן אין מלחמה מיט עסטרייך. עסטרייך און דייטשלאַנד האָבן ניט גענומען אין באַטראַכט אַ ריי פאַקטאָרן פון דער צווייטער זייט פון דער מטבע, בכדי צו זען די געלעגנהייט, וואָס דער אויסרייד צו העלפן די ברידער־סערבן האָט געגעבן דעם צאַריזם פאַנאַנדערצופלאַקערן די נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע געפילן פון די רוסישע מאַסן, און אַזוי אַרום פאַרקערעווען די וואַקסנדיקע אומרו, דעם צאָרן פון פאָלק און דעם דראָענדיקן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אויף זיכערע נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע רעלסן. די דעספּאָטישע ביוראָקראַטיע פון צאַריזם האָט אין דער מלחמה געפונען דעם בעסטן אויסוועג. אַ קורצע מלחמה און אַ שנעלער זיג, איז געווען דער לאָזונג. די מאָביליזאַציע פון אַ 15־מיליאָניקער אַרמיי, וועט דאָס פאַרווירקלעכן. דער בלוטיקער צאַריזם האָט געוואָרפן אויפן ווינט די נויטווענדיקייט פון מאָדערנעם וואָפן און מלחמה מכשירים. דער גענעראַל סוכאָמלינאָוו, דער צאַרישער קריגס־מיניסטער, האָט ניט געהאַלטן פון אַזאַ ענין, ווי מאָדערנע וואָפן. אויף זיין באַזוך אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע האָט ער מיט שטאָלץ זיך באַרימט, אַז — „פאַר די לעצטע 25 יאָר האָט ער ניט געהאַלטן אין זיינע הענט, און ניט געלייענט קיין איין־איינציק בוך וועגן מיליטערישע ענינים״. ׳שאַפּקאַמי זאַקידאַיעם״ איז צעפּויקט געוואָרן איבערן לאַנד.

די קייזערלעכע יונקערישע דייטשלאַנד איז אָבער שנעל געקומען צו זיך. באַוואָפנט מיט די מאָדערנסטע מלחמה־מכשירים, איז זי אַריבער אין אַ קאָנטער־אַטאַקע, אָנגעהויבן דערלאַנגען מאומה׳דיקע קלעפּ. אין אַ קורצער צייט האָבן די דייטשן ניט נאָר פאַרטריבן די צאַרישע אַרמיי פון מזרח־פּרייסן, פאַראורזאַכנדיק איר גרויסע פאַרלוסטן, נייערט דורכגעפירט ממש

א בלוט־באָד אין די רייען פון דער רוסישער אַרמיי. די אָפיציעלע נייעס, אַז די רוסישע אַרמיי טרעט־אָפּ, ציט זיך צוריק אין פולער מיליטערישער אָרדע־נונג צו סטראַטעגישע פּאָזיציעס, איז געווען לא היה ולא נברא — ניט גע־שטויגן, ניט געפלויגן. די דייטשישע אַרמיי האָט מאַרשירט אָן אַן אָפּשטעל. מיט אירע מאָדערנסטע מלחמה־מכשירים האָט זי ווי אַ מעסער אין פוטער דורכגעשניטן די פּאָזיציעס פון דער צאַרישער אַרמיי, איינע נאָך דער אַנדע־רער. די אָרעם־באַוואָפנטע רוסישע סאָלדאַטן זיינען געפאַלן ווי די פליגן. הונדערטער טויזנטער זיינען גענומען־געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. די פאַר־פּוילטע, קאָרופּטע רוסישע מיליטערישע קאָמאַנדע האָט זיך געטרייסט מיט פאַרלאָזן זיך, אַז די קאָוונער פעסטונגען וועלן אָפּשטעלן דעם מאַרש פון דער דייטשישער אַרמיי.

דערווייל, „ווי דאָס האַרץ האָט געזאָגט", זיינען די אידן געוואָרן דאָס כפרה־הינדל פאַר די רוסישע מפּלות. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָפּאַגאַנדע, אַז אידן זיינען שפּיאָנען, אַרויסהעלפער פון די דייטשן. ניקאָלאַי ניקאָלאַיע־וויטש האָט פאַראָרדנט אַ גזירה: דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג פון קאָוונער גובערניע און די דערבייאיקע ראַיאָנען איז געגעבן געוואָרן 24 שעה אָפּצורייניקן אַלע געביטן. ס'איז שווער צו געבן אַ בילד, וואָס אָט־די גזירה האָט פאַראורזאַכט צווישן די טויזנטער אידן אין די שטעט און שטעטלעך. איבער עלף טויזנט אידן פון ווילקאָמיר, אַנגעשוואָלן מיט די לויפנדיקע פון די אַרומיקע שטעטלעך און ישובים זיינען אַריינגעכאַפּט געוואָרן אַזוי ווי אין אַ פּאַסטקע. אַ שרעקלעכע פּאַניקע האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אין אַזאַ קור־צער צייט. קיין באַן־פאַרבינדונג, די איינציקע ברירה ערגעץ זיך צו דערלאַנגען איז צו פאָרן מיט פערד־און־וואָגן. די שטאָטישע באַלעגאָלעס און קאַרעטקעס האָבן געסטייעט פאַר זייערע אייגענע משפחות. די איינציקע לייזונג — קריגן געגנוג אַרומיקע פּויערים מיט זייערע פערד און וואָגנס. די פּויערים האָבן זיך געקווינקלט, זיי האָבן מורא געהאַט צו פאַרלאָזן זייערע דערפער אין אַזאַ צייט... — ווער ווייסט, וואָס נאַטשאַלסטווע וועט טאָן צו זיי. די וואָס האָבן מסכים געווען צו נוצן זייערע פערד און וועגענער האָבן פאַר דעם געפאָדערט אומגעהערטע הויכע פּרייזן.

אַלע הייזער מיט פאַרמאַכטע לאָדנס, פאַרהאַקטע פענצטער און טירן. אידן, צוזאַמענגעקוועטשט מער ווי מעגלעך, מיט דעם ביסל בעבעכעס אויף די פורן און וועגעלעך, אין אידישע קאַרעטקעס און פּויערישע וועגענער האָבן זיך געיאָגט אין גרויס אייַלעניש אָפּצופאָרן אין דער באַשטימטער גזירה־צייט.

עס איז געווען אַ שוידערלעך בילד. די קינדער און אַלטע לייט, די קראַנ־קע און שוואַכע זיינען געווען די ערשטע אָפּצופאָרן. עד־היום איז שווער צו באַגרייפן, ווי מ'האָט באַוויזן, אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, צו באַזאָרגן אַלעמען און אין צייט צו פאַרלאָזן די שטאָט. די מערסטע האָבן זיך פאַרנומען אויפן קירצסטן וועג קיין שירווינט, דאָס נאָענטסטע שטעטל פון ווילנער גו־

בערניע, וואו מען האָט זיך געקאָנט אָפּשטעלן אויסער די גזירה־גרענעצן. ס'איז געווען אַ מצרים־מאַרש פון אַן אַנדער סאָרט, אַ גירוש־מאַרש באַגלייט מיט אַ יאָמער און געוויין, מיט דעם טויזנט־יאָריקן אידישן קרעכץ.

אין אַלע קאַטאַסטראָפעס און טראַגעדיעס רוקן זיך אַרויס דערהויבענע מאָמענטן פון יחידים, וואָס קומען ניט פאָר אין נאָרמאַלע צייטן און באַדינ־גונגען. „גירוש ווילקאָמיר" האָט אויך געהאַט אַזאַ מאָמענט. אין דעם גאַנצן גירוש־„פּאַראַד" איז פאַרבייגעפאָרן אַ שיין־געשפּאַנטע קאַרעטקע. אין דער קאַרעטקע האָט מען געקאָנט זען דעם דאָקטאָר קאַצענעלנבויגן, וואָס איז גע־ווען באַרימט ניט נאָר אין שטאָט נאָר אויך אויסער אירע ברעגן. „פריער גאָט און דאַן דאָקטאָר קאַצענעלנבויגן", פלעגט מען בײַ אונז זאָגן. אחוץ אין אַן עת צרה, אין ערנסטע קראַנקהייטן, האָט דער דאָקטאָר קאַצענעלנבויגן ניט געהאַט קיין מגע־ומשא מיט דער אידישער באַפעלקערונג אין ווילקאָמיר, קיין שייכות מיטן אידישן לעבן. זײַן האַלטונג איז געווען מחוץ למחנה פון אידן און אידיש לעבן. די גירוש־גזירה איז ניט געווען חל אויפן דאָקטאָר קאַצע־נעלנבויגן. אָבער אין דעם טאָג פון גירוש האָט ער זיך דערהויבן און געטיילט זײַן גורל צוזאַמען מיט אַלע אידן פון שטאָט. אין אָט־דער עת צרה האָט דאָקטאָר קאַצענעלנבויגן, דירעקט צי אומדירעקט, זיך אידענטיפיצירט מיט דעם אידישן פאָלק, מיט זײַנע לאַנג־יאָריקע ליידן און צרות, און דאָס „כפּרה־הינדל" פון דעספּאָטישן צאַריזם. זײַן פאַרבייפאָרן צווישן די לויפנ־דיקע אידן אין דער שיין־אויסגעפּוצטער קאַרעטקע איז געווען ווי אַ זונען־שטראַל אין דעם פאַרוואָלקנטן הימל פון „גירוש ווילקאָמיר".

שירווינט איז געווען אַ קליין שטעטל, גרויס ווי אַ גענעץ. די שירווינטער אידן האָבן אויפגענומען זייערע ברידער־פליכטלינגען מיט אָפענע, ברידער־לעכע, הגם אָרעמע הענט. די גירושים האָבן זיך אָבער געגויטיקט אין מער ווי דאָס: אַ צייטווייליקן דאַך איבערן קאָפּ. אַ פּלאַץ וואו די צעדרוישטע קעפּ אָוועקצולייגן. אַ טייל אידן, וואָס האָבן געהאַט זייערע אייגענע פורן און וועג־נענער, און קאַרעטקע־באַלעגאָלעס, וואָס זײַנען פריי געוואָרן פון איבערגע־לאָדענעם פּלאַץ פון די מיטגענומענע, האָבן נאָך אַ קורצן אָפּרו זיך געלאָזט ווייטער אין די שטעט און שטעטלעך אויפן וועג צו ווילנע.

די שירווינטער אידישע הייזער האָבן אַרײַנגענומען, ממש אַרײַנגע־קוועטשט, וויפל נאָר אידן זיי האָבן געקאָנט. מ'האָט כמעט געטראָטן איינער אויף די אַנדערע, אויף די פיס און קערפּערס. צוזאַמען מיט דער קליינער משפּחה, פון יאַנאָווער רב, האָבן מיר זיך אַרײַנגעשפּאַרט אין אַ קליין הייזל און, אַזוי־צו־זאָגן, „געדאַנקט גאָט פאַר דעם". גירושים און וואַנדערער זײַנען ניט קיין איבערקלײַבער. דער יאַנאָווער רב מיט אַ הינטערגרונט פון אַ באַ־יאָרנטער רבנ'ישער פאַמיליע, מיט זײַן לאַנגער שוואַרצער באָרד און פּאות אויף זײַן בלייכן פּנים, איז נאָך געווען גאָר אַ יונגער מאַן. די פּלוצימדיקע „רייזע" פון יאַנאָווע קיין שירווינט האָט דעם יונגן רב פאַרוואַנדלט אין אַ

זקן. דער גירוש חורבן האָט זיין פּנים פאַרפינצטערט. פון זיינע טיפע אויגן האָט מען אַרויסגעלייענט דעם גרויסן אידישן ווייטיק, די לײדן פון אונזער פאָלק. דער יאַנאָווער רב האָט זיך געמישט צווישן די גרופּעס און רעדלעך אידן, זיי אַלעמען געטרייסט, אַז מ׳וועט די צרות אַריבערקומען, מ׳וועט פּטור ווערן פון דער גזירה, ווי פון אַלע גזירות אויף אידן. מ׳מוז האָבן בטחון אין אויבערשטן, וואָס וואַכט איבער אונז אַלעמען.

אויסגעשעפּטע, מידע, ווי פון אַ דונערדיקער שטורעם־רייזע האָט די אָנקומענדיקע נאַכט באַדעקט די איינגעשלאָפענע מחנה אידן מיט אַן אומ־רואיקן שלאָף, אָבער דאָך אַ שלאָף.

אין בייזדאַן אויפן וועג צו ווילנע

פון שירווינט, לויטן טאַטנס פּלענער, איז די באָבע מיט מיר אָפּגעפאָרן קיין בייזדאַן, און טאַטע־מאַמע מיטן עלטערן ברודער דירעקט קיין ווילנע. אין בייזדאַן האָט די באָבע געהאַט אַן עלטערע שוועסטער. די בייזדאַנער מומע און פעטער האָבן אָנגעפירט מיט אַ היבשער קרעטשמע. די מומען האָבן מיר געטראָפן אַ פאַרשמאַיעטע (ס׳איז געווען פרישטיק צייט) באַ אַ גרויסן אויוון. זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער באָבען — זיך ניט געזען אַ רעכט ביסל יאָרן, זיך בלויז דורכגעשריבן. די מומע איז שטאַרק ענלעך געווען אויף דער באָבען. אַ דעמבענער געבוי, דאָס פּנים אין קנייטשן, נאָר איין קלענער אונטערשייד — איר זילבער־גרויער קאָפּ האָר.

אורחים האָבן געהאַלטן אין איין אַריינקומען און אַרויסגיין. אַ פאַר־האָרעוועטע, אַ פאַרשמאַיעטע האָט די מומע באַדינט די אורחים. דאָס פייפן און הודזשען פון די פאַרביילויפנדיקע און זיך אָפּשטעלנדיקע באַנען האָבן אָנגעפילט די גאַנצע קרעטשמע. אין דעם גאַנצן טומל האָט די מומע דאָך געפונען צייט זיך אָוועקצוזעצן מיט אונז באַ דעם אויוון־טיש, באַזאָרגט מיט פרישטיק. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צום עסן, ווי אַ טויט־הונגעריקער. די אָנ־געבריטע מילך מיט דער געלבלעכער דיקלעכער פּלעווקע פון אויבן האָט גע־האַט דעם טעם גן־עדן. דער רויש האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט. די מומע האָט אויסגעפרעגט באַ דער באָבען וועגן גירוש, וועגן טאַטע־מאַמע און על־טערן איינ׳קל, און וואָס זיינען דעם טאַטנ׳ס פּלענער.

אינדרויסן פון דער קרעטשמע איז געווען וואָס צו זען. די קרעטשמע איז געשטאַנען נאָענט צו דער נעץ פון באַן־רעלסן. די רעלסן זיינען שיעור ניט צעטראָסקעט געוואָרן פון די פאַרביילויפנדיקע טאָוואַרנע (פראַכט) וואַ־גאָנען. דורך די האַלב־אָפענע טירן פון די וואַגאָנען האָט מען געקאָנט זען קאָזאַקן מיט זייערע פערד. באַנאַנד זיינען געווען וואַגאָנען — אָפענע פּלאַט־פאָרמעס מיט אַרטילעריע, טיילווייז באַדעקט מיט ברעזענטן. ס׳האָבן גע־שלייכט לאַנגע באַנען אָנגעפּאַקט ווי סאַרדינען מיט פעטאַטע־סאָלדאַטן אויפן

וועג קיין ווילנע און קאָוונע. אַ טייל באַנען פֿלעגן זיך אָפּשטעלן אין בייזדאַן אַנצונעמען וואַסער און האָלץ. זשאַנדאַרמס און אָפֿיצירן פֿלעגן דאַן פֿאַרהאַקן די טירן פֿון די וואַגאָנען, אַז קיינער פֿון די סאָלדאַטן זאָל ניט פֿאַרלאָזן. נאָכן אָנטרינקען זיך און אָנלאָדן זיך מיט האָלץ זיינען די באַנען מיט אַ סווישטש ווייטער געלאָפֿן. דאָס פּייפֿן און סווישטשען האָט פֿאַרהילכט די אויערן און דעם גאַנצן אַרום באַטאָג און באַנאַכט.

אַרום דער קרעטשמע זיינען קיין סך הייזער און בכלל געביידעס ניט געווען, בלויז אַ קליינע צאָל פֿאַר די באַדינער פֿון דער סטאַנציע און פֿאַר נאַטשאַלסטווע. פֿאַר מיר איז אָבער דער גאַנצער אַרום געווען אַ נייער ווינקל; עפּעס, וואָס איך האָב קיינמאָל אַפֿילו אין מיין חלום זיך ניט פֿאָרגעשטעלט: אַ רעלסן־נעץ, לאָקאָמאָטיוון, באַנען, אַלערליי מלחמה־מכשירים, סאָלדאַטן — ווי זאַמד. (די דייטשישע אַרמיי האָט אָבער באַוויזן דאָס אַלץ צו צערייבן אויף שטויב).

נאָך עטלעכע טעג בא דער מומען אין בייזדאַן זיינען מיר, די באָבע און איך, אָפּגעפֿאָרן מיט פֿערד־און־וואָגן קיין שניפּישאָק, אַ פֿאָרשטעטל פֿון ווילנע. דאָרט האָבן מיר אַ גאַנצן טאָג פֿאַרבראַכט בא דער באָבע׳ס קרובים אין קליין שניפּישאָק. עס איז אויך דאָ גרויס שניפּישאָק — ביידע זיינען זיי פֿאָרשטעטלעך פֿון דער גרויסער שטאָט ווילנע, און זיינען פֿאַרקערפּערט אין די פֿאָלקס־ווערטלעך: „איך האָב דיר אין שניפּישאָק"; „דו קומסט אוודאי פֿון שניפּישאָק" א.אַנד. דאָרט האָבן געוואוינט אַ גרויסע צאָל אידן, שווערע אַרבעטער, אמת׳ע האָרעפּאַשניקעס און אַ רעכט ביסל אָרעמעלייט. מיר זיינען אָנגעקומען באַטאָג. נאָך געווען צייט צו כאַפּן אַ בליק איבערן באַרימטן שניפּישאָק, פֿון וועלכן מ׳האָט געקאָנט זען דעם גרויסן שטח פֿון ווילנע. מ׳האָט געזען די הויכע מויערן, די גרויסע געביידעס, דעם גרינעם בריק, די באַרימטע גאַס „געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט".

אין אָוונט, שטייענדיק אויפֿן גאַנעק פֿון הויז, האָט מען זיך געקאָנט אָפּקילן פֿון דער זומערדיקער היץ. די שטילקייט אין פֿאַרגלייך מיט דער טראַסקעריי און טומל אין בייזדאַן איז געווען ממש אַ מחיה. מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פֿון אַ גלעקל פֿון דערווייטנס. דאָס קלינגען איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן און דערגרייכט גאַנץ נאָענט. אַ מאַן האָט פּאַמעלעך שפּאַצירט, געקלונגען מיט אַ גלעקל און אויסגערופֿן הויך אויפֿן קול: „ווסיאָ ספּאָקאָינאַ", „ווסיאָ וו׳פּאָריאַדקו". (אַלץ איז רואיק, אַלץ איז אין אָרדענונג). גרויסע פּלאַטפֿאָרמע־וועגענער מיט באַטשקעס (פֿעסלעך) זיינען פֿאַרביי־געפֿאָרן און איבערגעלאָזט אַ שטינקענדיקן גערוך.

ווילנע — ירושלים דליטא

אין ווילנע האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט אין אַ הייזל אויף קליין־סטעפּען גאַס. דאָס איז געווען שטאַרק אָפּגעלאָזן — מער אַ כאַטע, ווי אַ הויז. די

כאטע האָט אָבער געהאט א מעלה, זי האָט זיך געפונען ניט ווייט פון גרויס־זאוואַלניע און דער דייטשישער גאַס, אין צענטער פון שטאָט. אויף זאוואַל־ניע האָט אונזערע א קוזינע געהאט אַן אַפּטייק און א וואוינונג, וואָס איז געוואָרן אונזער סטאַנציע. די קוזינען האָבן אריינגענומען מיין עלטערן ברודער צו אַרבעטן אין זייער אַפּטייק. א פּאָר הייזער פון אונזער כאטע האָט זיך גע־פונען דאָס קליין־סטעפען קלייזל, צוגעפּאַסט פאר דער באָבען צו דאַווענען. אָט־די מעלות פון אונזער הייזל אויף קליין־סטעפען האָבן געהאָלפן א ביסל צו פארגעסן און פארגיטיקן די חסרונות.

פאר מיר איז דער אַפּטייקער ראָג געוואָרן דער צענטראַלער פּונקט פון אָנהויבן באקוקן און באוואונדערן די גרויסע שטאָט ווילנע, אירע קאָכיק־רווישיקע גאַסן, אירע קראָמען און רייכע געשעפטן מכל המינים, די פּילצאָליקע געביידעס און אַנשטאַלטן פון א גאַנץ אַנדער אַרכיטעקטור. איך האָב געקאָנט כאַפּן א שפּאַציר צו די אַלטע היסטאָרישע קלויסטערס אין דער באַרימטער „אָסטערבראַם" געגנט, וואו פאַרבייגייענדיק האָט מען געמוזט אַראָפּנעמען דאָס היטל. ניט־וויסנדיק וועגן דעם, האָב איך מיין היטל ניט אַראָפּגענומען און דערפאַר טאַקע אריינגעכאַפּט אומזיסטע קלעפּ. איך האָב מיר שפּאַצירט איבער דער אויסגעפּוצטער, ברייטער פּאַראַדנע גאַס „געאָרגיעווסקי פּראָס־פּעקט", געזען די פאַרשיידענע פאַרקער־און טראַנספּאָרטאַציע־פאָרמען: די קאָינקעס, קאַרעטן, טאַוואַרנע פּלאַטפאָרמעס, די לאַנגע וועגענער געשפּאַנט מיט, וואָס מען האָט גערופן „בעלגישע פערד", קעגן וועלכע די צו מיר באַ־קאַנטע פּויערישע פערדלעך, האָבן אויסגעקוקט ווי קאַרליקלעך.

איך האָב באַזוכט דעם קאָלאָסאַלן גרויסן אידישן שול־הויף, וואו עס האָט זיך געפונען די גרויסע ווילנער כאָר־שול, דער שול־פּאַליש מיט זיין היסטאָ־רישן הינטערגרונט. דער שול־הויף איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק קלויזן און קלייזלעך. ארום און אויף דעם שול־הויף האָט אַלעמאָל געזשומעט, ווי אין א בינשטאָק. איך האָב זיך געוואונדערט — פונוואַנען נעמען זיך אַזויפיל אידן? וואָס טוען זיי? מיט וואָס פאַרנעמען זיי זיך, אויסער דאַוו־נען? דאָס דאַוונען, אָנגעהויבן פון שחרית, איז אַן אַן אָפּשטעל געפלאָסן ביז מנחה און מעריב. אידן פלעגן זיך ממש רייסן צום עמוד דורך פּרוּוון זייער מזל און טרעפן דעם קניפּל אין די פיר עקן פון א נאָזטיכל.

אין דעם ווילנער שול־הויף איז געווען אַן אויסוואַל פון תפילין, טליתים, ציצית, מזוזות, מחזורים און סידורים. דער שטענדיקער פאַרקער פון רעד־לעך אידן האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אין און ארום דעם שול־הויף געפינען זיך מער אידן, ווי אין אונזער גאַנצער שטאָט ווילקאָמיר.

די אידישע ווילנע האָט פאַרמאָגט 160 בתי מדרשים, שולן, קלויזן און קלייזלעך, זייט־באַ־זייט מיט גרויסע אידישע דרוקערייען און פאַרלאַגן. דאָרט איז געווען די באַרימטע „ראָם דרוקעריי און פאַרלאַג", ווי אויך אידישע פאָלקס־שולן, גימנאַזיעס און אינסטיטוטן.

ווילנע, די שטאָט פון באַרימטע משכילים, למדנים, באַרימטע כלל־טוער, שרייבער, זשורנאַליסטן, מעדיקער, ווי די באַיאָרנטע דאָקטוירים שאַבאַד. וויגאָדסקי, ראָם און אַנדערע.

ווילנע, דאָס וויגעלע פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דאָס וויגעלע פון „בונד", פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־פּרעסע. ווילנע, די שטאָט פון ווילנער גאון, און פון דעם אַרבעטער מאַרטירער הירש לעקערט. ווילנע — דער קולטורעלער אידישער (מאַיאַק) צענטער.

ניט אומזיסט איז ווילנע געקרוינט געוואָרן אַלס די ירושלים ד'ליטע!

איין פּאַרדרוס האָט מיך דאָן שטאַרק געמאַטערט: דער גירוש האָט פון מיר צוגענומען אישיע לעווינ'ס האַנט, די נויטיקע האַנט מיך צו פירן ווייטער און אויפקלערן די נייע פאַר מיר גרויסע שטאָט ווילנע און איר לעבן.

אויסער דער מומע זרחי'ס משפחה, וואָס זיינען איינגעשטאַנען באַ איר טאָכטער, די אַפּטייקערין, זיינען מיר אָפּגעשניטן געוואָרן פון וועלכן ניט איז קאָנטאַקט מיט אַנדערע ווילקאָמירער פאַמיליעס, אַריינגערעכנט מיין שרה'־קעלע'ס פאַמיליע, די ריקלאַנסקיס. דער גירוש־וויכער האָט ווי זאַמד „צע־שפּרייט און צעזייט" די ווילקאָמירער אין פאַרשיידענע טיילן און געגנטן אַין און אַרום ווילנע, אין דווינסקער געביט, און אַ היבשע צאָל פאַרוואָרפן אין די צענטראַלע רוסישע גובערניעס.

די גרויסע רוישיקע שטאָט ווילנע איז דאָן, אין די מלחמה־טעג, פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָכעדיקן קעסל, זייענדיק באַ די שוועלן פון די דער־נעענטערטע פראָנט־פּאָזיציעס. אויסער דער אָנגעשוואָלענער ציווילער באַפעל־קערונג — אַ ים מיט סאָלדאַטן צום פראָנט און פון דעם פראָנט. די שטאָט האָט שווער געאָטעמט מיט גירוש, מלחמה, גרוילן און וואונדן.

אין מיינע וואַנדערונגען איבער דער שטאָט האָב איך זיך אַין אַ געווסן טאָג אָנגעטראָפן אָן אַ שוידערלעכן בילד, וואָס שטייט נאָך איצט פאַר מיינע אויגן, ווי דאָס האָט ערשט נעכטן פּאַסירט.

אַ היבשער שטח פון אַ גאָרטן אַרומגעצאַמט מיט הויכע אייזערנע גראַטעס. אין דעם גאָרטן אַ מענגע מענטשן, פרויען און מענער, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. אַנדערע ווידער, גאַנץ פיין אָנגעטאָן. די מענטשן מאַכן אַלערליי העוויות. טייל יאָמערן און גוואַלדעווען, וויינען, שרייען מיט ניט־באַנומענע קולות, רייסן זיך די האָר פון זייערע קעפּ, די קליידער אויף זיך. זייערע פּנים'ער אין פאַרשיידענע גרימאַסן און שרעקלעכע אויסדרוקן, מיט צעשויבערטע האָר, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס וואָלטן בכלל קיין מענטשן ניט געווען. אַ גרויל האָט מיך אַרומגעכאַפּט. איך בין געבליבן, ווי געליימט. ווען איך בין געקומען אַ ביסל צו זיך, האָב איך אַ פרעג־געטאָן אַ פאַרבייגייענדיק אידן — וואָס קומט דאָ פאָר? זיין ענטפער איז געווען, אַז

דאָס זיינען קרבנות פון מלחמה־גירוש, געריררטע מענטשן, אראָפּ פון זינען, פאַר וועמען קיין פּלאַץ אין די אַרומיקע געביידעס איז ניט געווען.

איין אומגליק נאָכן צווייטן

אזוי ווי פון „העלער הויט" איז דער טאַטע קראַנק געוואָרן. אַ מרה־שחורה איז באַפאַלן אונזער משפּחה. ערשט קוים מיט צרות זיך איינגע־אָרדנט, האָט דער טאַטע אָנגעהויבן מאַכן פּלענער צו קריגן אַרבעט אין זיין פאַך, בכדי צו באַזאָרגן מיט חיונה זיין משפּחה, און מיטאַמאָל ווערט ער גאָר קראַנק. דער אַפּטייקער־קוזין האָט גלייך אַריינגערופן די דאָקטוירים וויגאָד־סקי און שאבאד. נאָך אַ קאָנסוליום, אין וועלכן ס'האָט אויך אָנטיילגענומען דר. ראָם, די דריי גרעסטע דאָן דאָקטוירים אין ווילנע, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז דעם טאַטנ'ס קראַנקהייט איז אַן אומהיילבאַרע. עס איז געווען אַ ראַק (קאַנסער). אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אונזער ליבער טייערער פּאָטער אויס־געגאַנגען. ס'איז אונז דאַן מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז די דאָקטוירים פון דער מיליטערישער קאָמיסיע, בעת'ן פּריזיוו האָבן שוין ווייזט אויס נאָך אין ווילקאָמיר דערשפּירט, אַז דער טאַטע איז קראַנק און צוליב דעם אים אויס־געבראַקירט פון דינסט. מיר האָבן דאָס ניט געוואוסט און דער טאַטע האָט אפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן וועגן זיין געזונט־צושטאַנד.

גרויס איז געווען אונזער ווייטיק. מיר האָבן פאַרלוירן דעם טייערסטן, וויכטיקסטן זייל אין אונזער לעבן: די מאַמע — איר מאַן, וואָס האָט זי גע־טראָגן אויף די הענט, געטאָן אַלץ צו דערלאַנגען זיין פרוי אפילו „דאָס טע־לערל פון הימל"; די באָבע — איר עלטסטן, איבערגעגעבנסטן זון, איר טרייסט און קדיש, נאָכן פאַרלוסט פון זיידן און דעם פאַרלירן צען פון אירע דרייצן קינדער; פאַר אונז, די צוויי יונגע קינדער, איז דעם טאַטנ'ס טויט געווען אַן אום'ברחמנות'דיקער קלאַפּ. עס איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון אונז די נויטיקע פּאָטערלעכע וואַרעמקייט, דער וועגווייזער אין אונזער וואוקס און אַנטוויקלונג. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ צושטאַנד, ווי אַ שוואַך שיפל אָן אַ רודער אין אַ שטורמישן ים.

איך האָב דאַן געטראַכט: ווי גרויזאַם די נאַטור קאָן זיין, ווי גרויזאַם דאָס מענטשלעכע לעבן קאָן זיין! דער טאַטע, ערשט אין זיינע נאָך גאָר יונגע יאָרן, די רייפסטע צייט פון זיין בליען, פון אויסשפּרייטן זיך און געבן פרוכט, איז ווי אַ יונגער בוים אָפּגעהאַקט געוואָרן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען. אין עטלעכע קורצע יאָרן, האָט אונז אַ מבול פון אומגליקן גע־טראָפן: פאַרלוירן דעם זיידן, חורבן־מלחמה; מאָבילִיזאַציע, ערשט ווי דער טאַטע איז ענדלעך געקומען אַהיים פון קאַנאַדע; דער גירוש פון ווילקאָמיר; און אזוי שנעל אַ פרישער דונערדיקער קלאַפּ — דער פריצייטיקער טויט פון טאַטן. צייט לינדערט וואונדן, היילט זיי. עס לאָזט אָבער איבער סמנים

און אייביקע צייכנס אין דעם לעבן און אויף דער אנטוויקלונג פון יעדן בשר ודם.

אין צייט פון דער בלוטיקער מלחמה

פארשיידענע נייעס, קלאנגען, אז עפעס איז „ניט גלאטיק" אויף די פראנטן האט געהאלטן די שטאט ווילנע אין קלעם. די צווייפלען אין די מאַגערע רוסישע ארמיי־באריכטן האבן זיך שנעל פארוואנדלט אין בכלל נישט גלויבן די אפיציעלע באריכטן פון פראנט. זיי האבן ניט די ווערט קיין „שמעק טאבאק", איז געווען די הערשנדיקע מיינונג.

אין קלויז פון קליין־סטעפען גאס האבן רעדלעך עלטערע אידן ארום אויוון אין זייערע טעגלעכע שמועסן באהאנדלט די נייעס פון פראנט, געחקיר'עט זיך וועגן דעם אויסגאנג פון דער מלחמה. אויסמיידנדיק צו דערמאנען די נעמען פון צאר ניקאלאי און קייזער ווילהעלם, האב די אידן גענוצט דעם נאמען „וועלוול" פאר די דייטשן, און פאניע פאר די רוסן. דארטן, אין שול הינטערן אויוון, האבן די אידן, ווי גרויסע מיליטערישע עקספערטן אויסגעטייטשט יעדן שריט און קער פון „וועלוול'ס" סטראטעגיע. די מערסטע זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז ס'וועט לאנג ניט נעמען און „וועלוול" וועט צעטראסקען „פאניע'ס" ארמיי, וועט פארנעמען קאָוונע און נאכדעם ווילנע און ענדלעך וועט מען פטור ווערן פון „פאניען".

עס געדענקט זיך מיר א משל מיט א נמשל פון אן עלטערן אידן אויף איינעם פון די שמועסן הינטערן אויוון. עס איז אנגעגאנגען זייער א היציקע דיסקוסיע. דער אלטער איד פלעגט מערסטנס זיך צוהערן, אזוי ווי איך. זעלטן ארויסגערעדט א ווארט. דאס מאל האט דער איד געעפנט זיין מויל. אלע זיינען געבליבן שטיל און איבערראשט און זיך גוט צוגעהערט צו זיינע אויסגעטאקטע ווערטער:

„אידן, וואס קאכט איר זיך אזוי? וואס טומלט איר זיך אזוי, וועגן די פיינע שיינע אינטעליגענטע, ,וועלוולס'? מ'האט אמאל געפרעגט אין א שמועס א מיינונג וועגן א געוויסע פאר מענטשן אין שטעטל. האט איינער א איד, אזוי ווי ער וואלט געווען א שטומער, א מאך־געטאן מיט זיינע הענט, אנגעטייטשט זיינע פינגער צו ערד, מיינענדיק דערמיט צו זאגן, אז זיי בײדע טויגן גוט אין דער ערד. אזוי אויך וועגן די 'וועלוול'ס' — די דייטשן. די רוסן ווייסן מיר און מיר קענען זיי. זיי דערלאנגען מיט א פאלענע איבערן קאפ, מיט נאגאיקעס. אבער די געבילדעטע דייטשן האנדלען אנדערש... אויף א געבילדעטן אופן נעמען זיי ארויס בא אידן די קישקעס איינציקווייז".

דעם אידנ'ס משל ונמשל האט געמאכט א שטארקן איינדרוק. דער דאזיקער עמך־חוש, איז אין קורצן באשטעטיקט געווארן וועגן דער אמת'ער לאגע אויפן פראנט. די דייטשישע ארמיי האט אין פלאנקען־אטאקע אויסגע־

שאיקעלע זארקין אין 1920, פאר זיין אפפארן אין קאנאדע

בילדער פון דער היים

די משפּחה זרחי (פאַר שאיקעס געבורט)

דער טאַטע נחום, די מאַמע ראָדע מערל, די באָבע האָדע, דער פעטער יעקעלע, דער זיידע אבע; אויף זיין שויס דער עלטערער ברודער יוסף און דעם טאַטנ׳ס שוועסטער

משה ריקלים (ריקלאַנסקי) שרה׳קעס
ברודער, איצט אין מאָנטרעאָל

שרה׳קעלע ריקלאַנסקי אין די
יונגע יאָרן

דער מומע ראָדע׳ס פאַמיליע. רעכטס — איר עלטערער זון שמעון, שאיקע׳ס
באַליבטער קוזין



רב הערשל צבי זעלדאָוו (זע זייט 110)

משה בענצע זעלדאָוו, ר׳ הערשל׳ס זון, דריטער פון רעכטס אין דער דריטער ריי.
שפּעטער מיטאַרבעטער אין דער „נייע פּרעסע״ פּאַריז אונטערן נאָמען מ. גאָלדין.
אויף דעם בילד צוזאַמען מיט לייבל באַסמאַן און אַ גרופּע ווילקאָמירער יוגנטלעכע

די קאַסעל פאַמיליע מיט די זאַרקינס אין 1931, אין ווילקאָמיר, אויפן וועג פון קאַנאַדע
אויף אַ באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

צמח ריקלאַנסקי, שרה׳קעס עלטערער
ברודער, זיין פרוי און קינד, די
שוועסטער האַנקע מיט די זאַרקינס אין
1931 אין ווילקאָמיר

די דייטשישע קאָמענדאַטור, וואו שאַיקע'ס ברודער יוסף האָט געאַרבעט, זייער קרובה קאַסעל צוזאַמען מיט דעם דייטשישן סאָלדאַט, וואָס האָט געהאָלפן באַפרייען שאַיקע'ן פון אַרעסט דורך דער ליטווישער מאַכט

מ. וואָלק — אָרגאַניזאַטאָר פון דער „באַיעוואָיער דרוזשינע"
(זעלבסטשוץ־בריגאַדע)



„שימעלע" — געזעסן אין טורמע, אין 1920

דער דייטשישער סאָלדאַט האַנס, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס האָט שאַיקע'ן געראַטעוועט פון דער ליטווישער מאַכט. ער האָט אויך געהאָלפן באַזאָרגן געווער פאַר די רעוואָלוציאָנערן אין ווילקאָמיר

אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע טוער אין ווילקאָמיר אין 1920. זיצן פון רעכטס: אידע זעלדאָוו, אַבע באַק, צמח ריקלאַנסקי, נעכאַמקע (יעקב זלמן דעם שוחט'ס טאָכטער), שטייען: אישיע לעווין, איטקע דעם שוחט'ס, כ. מעליץ, מ. וואָלק און שאַיקעלע

די פאָלקס־שול מיט די פאַרוואַלטער און לערער שאַווליִנסקי. שאַיקעלע זאַרקין — פערטע ריי, ערשטער לינקס

די פאָלקס־שול פון „קולטור־ליגע". שאיקעלע זאַרקין, סעקרעטאַר — אונטערשטע שורה, ערשטער לינקס

דער קינדער־גאָרטן באַ דער אַרבעט אין פעלד. שאיקע זאַרקין מיט אַ לאָפּעטע — אינמיטן פון ערשטער ריי. זיין „רעבע" אישיע לעווין

קאָוונער גאַס אין צענטער פון שטאָט. דער פּלומפּ

באָד־גאַס און מצרים־גאַס

פּערקולס גאַסטיניצע אונטער דייטשישער אָקופּאַציע אין 1914



דווינסקער־גאַס



די בריק אויף ווילנער־גאַס איבערן טייך שווענטע — „אונטערן וואַסער"

אַניקשטער־גאַס

אַנטיילנעמער אין דער שפּיל פון י. ד.
בערקאָוויטש „מאָשקע חזיר". אין
צענטער אונטן — לייבל באַסמאַן;
רעכטס — זיין אינגערער ברודער דוד.
לינקס זיצט דער פאָטער פון דוד
קוניגים (וואוינט אין מאָנטרעאָל)
אין דער ראָלע פון „מאָשקע חזיר"

א בלימל־טאָג אין ווילקאָמיר שוין נאָך שאיקע'ס אוועקפאָרן.

ערשטער אַרויסלאָז פון דער ווילקאָמירער אידישער רעאַל־גימנאַזיע אין 1923. דער פערטער פון רעכטס שטייט כאַצקל פּראַקער — דער יונגער פּאָעט דערטרונקען אין 1923. פערטער פון רעכטס זיצט כאַצקל באַסמאַן (זע זייט 63).


ליטווישע רעפובליק.
בילדונגס-מיניסטעריום.
ווילקאמירער יידישע רעאל-גימנאזיע.
מאטורע-שיין.

מאטורע־שיין נומער 1, פון דער
ווילקאמירער אידישער רעאל־גימנאזיע
א היסטארישער דאקומענט

דער פּירטשופּיס מאָנומענט נאָך די קרבנות פון פאַשיזם אין ליטע.
„די מוטער" — סקולפּטאָר ג. יאקובאָניס; אַרכיטעקט וו. גאַבריונאַס

מיטן די פעסטונג פון קאָוונע, אַרומגערינגלט אין שטאָט, ווי אין אַ פּאַסטקע, הונדערטער טויזנטער רוסישע סאָלדאַטן. אין ווילנע האָט זיך געטאָן חושך. די גאַסן — פול מיט אָפּטרעטנדיקע, פאַרוואונדעטע, מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן, באַגלייט מיט לאַזאַרעטן און פאַרבלאָנדזשעטע אַרמיי־אָפּטיילונגען, וואָס האָבן אַפילו ניט געוואוסט וואוהין זיי מאַרשירן.

איך געדענק אַ בילדל אויף דער דייטשישער גאַס: אַ גרויסע צאָל קאָזאַקן מיט זייערע באַרימטע נאַגאַיקעס האָבן אויף זייערע פערד געקלאַמפּעט אַרויף און אַראָפּ גאַס, ווי פאַרלאָרענע, מיט אויסגעשרייען „גדיע זדיעס נעמעצקאַיאַ אוליצאַ?" (וואו איז דאָ ערגעץ די דייטשישע גאַס?). אַזוי אויך אַנדערע רייטער־אָפּטיילונגען. געפרעגט האָבן עס אויך די אָפיצירן.

אויף מאָרגן האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט אַ צוויי־דריי עראָפּלאַנען. אויפן צווייטן טאָג האָט אַן עראָפּלאַן אַראָפּגעוואָרפן עטלעכע באָמבעס. איך האָב גדאַר דאַן באַגלייט מיין ברודער אין אַפּטייק, וואו ער האָט געאַרבעט. אַזוי ווי מיר האָבן זיך פאַרקערעוועט פון סטעפּען גאַס צו זאַוואַלניע, האָבן מיר דערהערט דאָס זשומען פון אַן עראָפּלאַן און אַ טראַסק, ווי פון הונדערטער האַרמאַטן הינטער אונז. אַ ווײַלע זיינען מיר געבליבן, ווי געלייִמטע. ווען מיר האָבן זיך אומגעקוקט, האָבן מיר דערזען דעם גאַנצן ראָג פונוואַנען מיר האָבן זיך ערשט פאַרדרייט, אַזוי ווי אַ טייך בלוט. די גרויסע בעלגישע פערד צעריסן אויף שטיקער, די פּלאַטפאָרמעס פון די וועגענער און ברעטער צעשמעטערטע און אַרום זיי די בלוטיקע קערפּערס פון די אַנטרייבער. ס'איז געווען אַ שוידערלעך בילד.

הענדום־פּענדום האָבן מיר זיך אַ לאָז־געטאָן מיט אַלע כוחות צוריק אַהיים. מיר האָבן געפונען די מאַמען אַ האַלב־טויטע און די באָבע אַרומפּאַדיען אַרום דער מאַמען און זי האַלטן אין איין באַרואיקן. זיי האָט דערשראָקן אַ צווייטער דונער־טראַסק פון אַ באָמבע געפאַלן ניט ווייט אַוועק אויף אַ ליידיקן פּלאַץ פון אַ זעג־מיל, וואָס האָט ווי דורך אַ נס זיך אַריינגעגראָבן טיף אין דער ערד. מיר האָבן אַלע געדאַרפט בענטשן גומל: מיין ברודער און איך, וואָס מיר זיינען אין צייט אַדורך דעם ראָג; און די מאַמע מיט דער באָבען, וואָס די באָמבע איז אין דער ערד אַריין.

האַרבסט 1915 אין ווילנע

קלאַנגען און נייעסן זיינען געפלויגן אין ווילנע איינע נאָך די אַנדערע; נייעסן פון פראָנט, פון בעזשענצעס, וואָס זיינען געלאָפן ווי אין אַ בהלה. אָט קומט אַ נייעס, אַז די דייטשישע אַרמיי האָט פאַרנומען קאָוונע, יאַנעווע, ווילקאָמיר, אַז זיי רינגלען אַרום די שטאָט ווילנע; אַ נייעס, אַז די רוסישע אַרמיי איז צעטראַסקעט, ליידט ריזיקע פאַרלוסטן אין טויטע, פאַרוואונדעטע און געפאַנגענע. די רוסישע אַרמיי טרעט־אָפּ אין אומאָרדענונג. עס איז אַ

באַטישער געלויף. די סאָלדאַטן האָבן פאַרלאָזט זייערע פראָנט־פּאָזיציעס. עס קומט אַ נייעס, אַז די צוריק־לויפנדיקע מאַסע סאָלדאַטן באַגייען שווידער־לעכע ווילדקייטן, רויבערייען און גוואַלדטאַטן אין אַלע אידישע שטעטלעך און ישובים. די קאָמאַנדירן און אָפיצירן האָבן פאַרלוירן זייער אויבערהאַנט. די סאָלדאַטן הערן זיי ווי אין טראַק, זיי אַסן די אָפיצירן, האַלטנדיק זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער בלוט־באַד אויף די פראָנטן. קיינע באַבסקע רפואות וועלן ניט אָפּשטעלן די דעמאָראַליזאַציע אין די רייען פון דער אַרמיי. עס קומט אַ נייעס, אַז די סאָלדאַטן האָבן געקעמפט מיט באַרע הענט קעגן די דייטשישע מאָדערנע פּולעמיאָטן, שווערע אַרטילעריע האַרמאַטן און עפּעס אַזוינע טאַנקען. עס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז די דייטשן ווילן אַרומ־רינגלעך און איזאָלירן גאַנץ ווילנע און פאַרנעמען די שטאָט אָן אַ שאָס.

„וועלוועל׳ס" פאַר עראָפּלאַנען איבער דער שטאָט ווילנע, די אַראָפּגע־וואָרפענע באָמבעס האָבן באַשטעטיקט די אַלע קלאַנגען און נייעסן. די עראָ־פּלאַנען און באָמבעס זיינען געווען אַ מין „באַגריסונג" פון „וועלוועל׳ס" אַרמיי צו דער שטאָט ווילנע, אַן אָנזאָג, אַז — „מיר קומען אָן, פאַרגעסט ניט אונז צו באַגעגענען און אויפנעמען, ווי ס׳געהערט צו זיין"... די אָנגעשוואָ־לענע אידישע ווילנע איז שטאַרק באַזאָרגט געוואָרן פון די אַלע קלאַנגען און נייעסן. מ׳האָט געוואָלט פּטור־ווערן פון די פּאַניעס, פּטור ווערן פון דער מלחמה. מ׳האָט געוואַרט אויף דעם אָנקומען פון די דייטשן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט מען זיך געזאָרגט, ווי אַזוי וועט די דייטשישע אַרמיי זיך באַציען און באַהאַנדלען די אידישע באַפעלקערונג, די אידישע שטאָט ווילנע?!

איבער די גאַסן זיינען טאָג־טעגלעך געוואַקסן די צאָל אָפּטרעטנדיקע רוסישע אַרמיי־טיילן; אויסגעמאַטערטע, אָפּגעריסענע, דערשלאָגענע, מער־סטע אפילו אָן ביקסן אויף די אַקסלען. קינד־און־קייט האָבן געקאָנט זען, וואָס עס קומט פאַר פאַר זייערע אויגן. דייטשישע עראָפּלאַנען האָבן זיך גע־דרייט אין דער לופטן איבער דער שטאָט, ווי זיי וואָלטן באַגלייט די רוסישע אַרמיי אויף זייער וועג פון ניט צוריקקערן זיך.

די גירושים, די פּליכטלינגען, וויסנדיק אַז די דייטשישע אַרמיי איז אין קאָוונע, יאַנאָווע און ווילקאָמיר, אין די געגנטן פון קאָוונער גובערניע, האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן צוריקקערן זיך אין די דורך צוואַנג פאַרלאָ־זענע שטעט, שטעטלעך און ישובים. זיי האָבן געטראַכט וועגן די איבערגע־לאָזענע הייזער און זייער האַב־און־גוטס. עס האָבן דערוואַכט נייע האָפע־נונגען וועגן אַ מעגלעכן צוריקקער צום אַלטן היימישן נאָרמאַלן לעבן... אונטער דייטשישער הערשאַפט. עס האָט זיך געשטאַרקט די האָפענונג, אַז די מלחמה וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן. ס׳וועלן צוריקקומען זין און איידעמס פון די פראָנטן. דער אויבערשטער וועט זיך דערבאַרעמען אויף אונז אידן, וואָס האָבן באַצאָלט אַ הויכן פּרייז אין דער מלחמה פאַר יאָ־און־ניט באַגאַנגענע זינד.

אין דעם הייליקן טאָג יום־כיפּור האָט אין אַלע שולן, קלויזן און קלייז־לעך, אַ קלונג־געטאָן די נייעס, און ווי דורך אַ שופר־בלאָזן זיך פאַרשפּרייט, אַז דייטשן מאַרשירן אין שטאָט אַריין.

ווי פּייל פון בויגן האָב איך זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער דייטשישער גאַס. פון אונזער הייזל אויף סטעפּען גאַס איז ניט געווען ווייט צו דערגרייכן די צענטראַלע טייל פון דער גאַס. די רעשטלעך פון דער רוסישער אַרמיי, קאַ־וואַלעריע און אַרטילעריע, זיינען געלאָפן ווי אונטערגעשאָסענע.

איך האָב דערגרייכט די דייטשישע גאַס פּונקט אין צייט. אויף די טראָ־טואַרן פון ביידע זייטן גאַס, אַ גרויסער עולם, וואָס איז געוואַקסן פון מינוט־צו־מינוט, אַלעמענס בליקן געווענדט אין דער מזרח־ריכטונג פון דער גאַס. ס'האָט געדויערט אַ רעכטע ביסל, ביז עס האָט זיך דערהערט אַן אָפּהילך פון מאַרשירנדיקע באַשטיוולטע טריט. אַלץ העכער האָבן גענומען אָפּהילכן אויף דער ברוקירטער גאַס די מאַרשירנדיקע שטיוול־טריט, אין טאַקט פון דער אַריינקומענדיקער דייטשישער אַרמיי. אַ שטילקייט, ווי אויף אַ בית־עולם האָט באַדעקט דעם וואַרטנדיקן עולם. מ'האָט אַ פּיפּס ניט געהערט פון קיינעם נישט. די דייטשישע אַרמיי האָט מאַרשירט ווי אין אַ פּאַראַד. עטלעכע הויפּט־קאָמאַנדירן — פּאַראַויס אויף פערד. הינטער זיי ברייטע קאָלאָנעס, רייען נאָך רייען, גלייך ווי סטרונעס האָבן פאַרנומען די ברייט פון גאַס, פון טראָטואַר ביז טראָטואַר, אַזוי ווי צוגעמאָסטן. בײַ די זייטן פון עטלעכע זעלנער־רייען, אָפיצירן מיט מאַפּעס און שיידלעך אַראָפּגעהאָנגען פון זייערע רעכטע זייטן. עס מאַרשירן קאָלאָנען פּעכאָטע מיט ביקסן אויף די אַקסלען, האַנט־גראַנאַטן אויף זייערע גאַרטלען, פול געפּאַקטע רוק־זעק. אַלץ צוזאַמען האָט דעמאָנס־טרירט אַן אַרמיי באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס.

נאָך דער פּעכאָטע אָן אַ צאָל, האָבן מאַרשירט קאָלאָנען אַרטילעריע, גרויסע האַרמאַטן מיט זייער לאַנגע רערן; נאָך זיי, רייען פערד מיט פּולע־מיאָטן, לאַסט־אויטאָמאָבילן, מלחמה־מאַשינען, טאַנקען, און וואָס ניט!

ניט־ווילנדיק איז אין געדאַנק געקומען אַ פאַרגלייך מיט דער רוסישער אַרמיי אין אָנהויב פון דער מלחמה. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אויסער מיט קאַנאָנען־פלייש איז די רוסישע אַרמיי ניט געווען ווי געהעריק באַוואָפנט, אַז דעם צאַר'ס אַרמיי, איז קיין פאַרמעסט ניט מיט אַזאַ מאָדערנער מלחמה־מאַשין.

מאַרשירנדיק, האָט קיינער פון די אָפיצירן ניט געפרעגט קיין פראַגע וועגן די גאַסן, די נעמען, אָדער ריכטונגען פון דער שטאָט ווילנע. די דייַ־טשישע קאָמאַנדירן און אָפיצירן זיינען געווען גוט באַקאַנט מיט דער גאַנ־צער שטאָט, מיט יעדן ווינקעלע און יעדער געביידע. דער עולם האָט גע־שטוינט, ממש געווען געפּלעפט פון דעם, וואָס זיי האָבן געזען.

ארום מיר האָבן אידן אין שושקענדיקן טאָן זיך געטיילט מיט זייערע איינדרוקן. הינטער מיר האָט אַ אידישע שטימע אויסגעדריקט אַלעמענס שטימונג: „פּאַניע האָט זיך פאַרמאָסטן מיט אַזאַ מאַכט, מיט אַזעלכע מכשי־רים, מיט אַזאַ אַרמיי...! גע'הרג'עט זאָל ווערן ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש מיט זיין גאַנצער סוויטע. אַ רחמנות נאָר אויף די אָרעמע רוסישע פּויערים און מאַסן־סאָלדאַטן, וואָס באַצאָלן מיט זייער בלוט, מיט זייער לעבן פאַר דעם פאַרפוילטן צאַריזם".

די „מיליטערישע עקספּערטן" פון קלויז הינטערן אויוון האָבן געקראָגן גענוג מאַטעריאַל פון דער אַריינמאַרשירנדיקער דייטשישער אַרמיי. טעג און וואָכן איז דאָרטן דער שמועס געגאַנגען וועגן דער דאַליע פון דער רוסישער אַרמיי, וועגן די פאַרלוסטן אויף די פראָנטן, וועגן דעם כוח פון די דייטשן, וועגן דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה און דעם גורל פון צאַריזם.

ווילנע אונטער דייטשישער אָקופּאַציע

די דייטשישע מיליטערישע מאַכט האָט קיין צייט ניט פאַרלאָרן אין איבערנעמען די גרויסע שטאָט ווילנע, די קאָכעדיקע רווישיקע שטאָט מיט אַלע אירע איינוואוינער. עס האָט אויסגעזען, אַז די דייטשן האָבן מיט זיך געבראַכט אַ צוגעגרייטן פּלאַן פון פריער פאַר מיט אַלע איינצלהייטן, ווי אַזוי צו פאַרוואַלטן די אָקופּירטע שטאָט ווילנע. אַלע טיילן פון שטאָט זיינען פאַר־קלעפּט געוואָרן מיט פאַראָרדענונגען וועגן דעם, וואָס ס'איז דערלויבט און וואָס ס'איז פאַרבאָטן. מ'האָט פאַראָרדנט — באַלדיקע מעלדונג, רעגיסטראַ־ציע פון פאַרבליבענע רוסישע סאָלדאַטן, דעזערטירן אין באַשטימטע פּונקטן פון דער קאָמענדאַטור. פאַראָרדענונגען האָבן נאָכגעפאָלגט פאַראָרדענונגען, ממש ווי אַ מבול, און צווישן זיי אַ פּראָקלאַמאַציע, אַז אַלע פליכטלינגען האָבן די רעכט זיך אומקערן אין זייערע שטעט און שטעטלעך און צו זייערע פריערדיקע היימען.

די דייטשישע מיליטערישע מאַכט, די הויך־קאָמאַנדע און דאָס אָפּיצירנ־טום האָבן פאַרנומען און זיך באַזעצט אין די בעסטע געביידעס און קוואַר־טירן פון ווילנע, ווי עס פּאַסט פאַר די „געבילדעטע" דייטשישע „איבער־מענטשן", „גאָט מיט אונז"־אויסדערוויילטע. די באַציאונג פון די „איבער־מענטשן" צו דער באַפעלקערונג איז געווען, ווי מ'פלעגט זאָגן, אַ פאָרמעלע, אַ געזעצטע, אָן אָנגעבלאָזענע; אַ מין קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף די מאָדנע ציווילע ברואים.

די „מיליטערישע עקספּערטן" פון הינטערן אויוון אין קלויז האָבן זיך געפילט ווי נביאים, נאָכן אַריינמאַרשירן פון דער דייטשישער אַרמיי אין פאַראַד מיט זייער האַק־און־פּאַק. די רעדלעך באַם אויוון אין סטעפּען קלויז זיינען אויסגעוואַקסן, די שמועסן זיינען געוואָרן היציקער. די „עקספּערטן"

האָבן פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן, און זיינען ניט מיד געוואָרן צו לויבן און רימען די דייטשישע אַרמיי — די „גרויסע קעפּ" פֿון די גענעראַלן הינדענ־בורג, רענינקאַמף; די גאונ׳ישע סטראַטעגיע, וואָס די גענעראַלן האָבן באַ־וויזן אַרום קאָוונע, און אין אַ שאָס, כמעט, פֿאַרנומען ווילנע. ווען אַן איינ־ציקע שטימע האָט אַמאָל פּרובירט אָנווייזן, אַז די רוסן האָבן אויפֿן עסטריי־כישן פֿראָנט אויך באַוויזן צו דערלאַנגען גרויסע קלעפּ, און געלויבט די גרויסקייט פֿון גענעראַל ברוסילאָוו, איז דאָס געווען ווי אַ קול קורא במדבר, געפֿאַלן אויף טויבע אויערן. דער אַלטער שווינגער, וואָס האָט זיי געבראַכט זיין משל מיט דעם „שטומען", האָט נאָר אַ זאָג־געטאָן: „אידן קאָכט זיך ניט, וואָרט אָפּ אַ ווײַלע; דאַן וועלן מיר זען מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן".

מיר פֿאַרנעמען זיך צוריק אין ווילקאָמיר

די מומע זרחי, שטאַרק באַזאָרגט די גאַנצע צייט זינט דעם גירוש וועגן איר גאַסטיניצע און דעם תל, וואָס איז פֿון איר געוואָרן, האָט גלייך אָנגע־הויבן מאַכן צוגרייטונגען פֿאַר דער גאַנצער משפּחה צו פֿאָרן צוריק אַהיים. די שטאַרק־איינגעבאַקענע אין אונזערעביינער היים־שטאָט ווילקאָמיר, די פֿרייד פֿון אומקערן זיך צוריק נאָכן גירוש, האָט געמאַכט גרינג דאָס געזע־גענען זיך מיט דער גרויסער שטאָט ווילנע, מיט ירושלים ד׳ליטא.

פֿאַר מיר איז ווילנע געווען נאָך אַ שול פֿון לעבן. אַ ים מיט איינדרוקן, דערפֿאַרונג פֿון גרויס־שטאָטישן, האַרבן רעאַלן לעבן. די באַדייטונג פֿון דער מלחמה און אירע פֿאָלגן, די מאָביליזאַציע און דער גירוש, באַגלייט פֿון דעם ווייטיק און פּיין פֿון טאָטנס טויט, האָט אָנגעפֿילט מיינע אינגלשע באַ־גריפֿן פֿון בייזדאָן, שניפּישאָק און ווילנע מיט פּראַקטישע רעאַלע בלוט און פֿלייש. איך האָב דערפֿילט די גרויזאַמקייט פֿון מלחמה וואָס ברענגט צרות, ליידן און מאַטערנישן פֿאַר די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן. איך האָב באַגריפֿן שטאַרקער און טיפֿער די סיבות און באַדייטונג פֿון די אידישע צרות, די ליידן און מאַטערנישן פֿון אידן. איך האָב באַגריפֿן מער און קלאָרער די גרוי־סע, בלוטיקע פּרייז, וואָס די מערהייט האָרעפּאַשנע מאַסן, פּויערים און אַר־בעטער, צאָלן אין אַן אומגערעכטער אָרדענונג. איך האָב באַנומען מער די ראָל און באַדייטונג פֿון צאַרישן דעספּאָטיזם, און די אינטערעסן פֿון דער צאַרישער ביוראָקראַטיע אין מלחמה, בכדי אָנצוהאַלטן זעלבסט־הערשערײַ.

אָט־דעם באַגאַזש פֿון מיינע פֿרישע דערפֿאַרונגען האָב איך ווי אַ גרויסן פּאַק מיטגענומען מיט זיך און אין זיך אַהיים קיין ווילקאָמיר וואו פֿריער אָדער שפּעטער, וועל איך זיך קאָנען טיילן מיט מיין רבי׳ן אישיע לעווין, מיט די אַרבעטער־קעמפֿער יאָשקע ברוק און סאַראַ גאָרדאָן, צעקייען צוזאַמען מיט זיי און פֿאַרדייען אַלץ דאָס געזעענע און דורכגעלעבטע מיט אָפֿענע אויגן. אַז אָט־דער אָנגעזאַמלטער באַגאַזש האָט פֿאַרזיגלט מיין צוקונפֿטיקע

ריכטונג און מיין וועג אין לעבן, איז שוין פאַר מיר דאַן קיין שום צווייפל ניט געווען.

ווען די באַקאַנטע ברעגן פון מיין היים־שטאָט ווילקאָמיר זיינען אונז אַנטקעגן געקומען, האָט מיין האַרץ גענומען שטאַרקער קלאַפּן. אַ גלעטנדיקע, היימישע וואַרעמקייט האָט אַרומגענומען מיין קערפּער. שטיל, רואיק איז געווען אַרום, ווי אויפן בית עולם, וועלכן מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן, וואוהין דער באָבע׳ס אויגן זיינען געווען געווענדט, אַזוי ווי, די באָבע, וואָלט גע־לאָזט וויסן דעם זיידן און אירע קינדער, אַז מיר זיינען דאָ צוריק.

אויפן בריק האָבן מיר געטראָפן דייטשישע זעלנער־וועכטער; אַריבערן בריק איז שוין געווען, ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען די באָד־גאַס און אונזער היים.

אַריינקומענדיק נעענטער אין שטאָט, האָט באַנאַנד מיט דער פריִד פון קומען צוריק אין דער ליבער געבורטס־שטאָט פּלוצלונג אַ זעץ־געטאַן אין האַרצן פון דעם וואָס מיר האָבן תיכף דערזען.

די ברוקירטע ווילנער גאַס איז געווען באַוואָקסן מיט גראָז. אין די הויי־זער פון ביידע זייטן גאַס — קיין סימן פון לעבן. אָפּגעלאָזן, פאַרוויסט ווי נאָך אַ מגיפה. אַן אָפּטיילונג פון דייטשישע זעלנער, אין זייערע גרויע מונ־דירן, פאַראויס אַן אָפיציר מיט אַ פאַררייסענער נאָז און אַ בינאָקל אין אויג, האָבן מאַרשירט לויט דעם קלינג־קלאַנג טאַקט פון זייערע באַנאַגלטע שטיוול איבער די ברוקירטע שטיינער, דורכגעריסן די טויטע שטילקייט אי־בער דער גאַס.

ערשט אביסל ווייטער האָבן זיך באַוויזן עטלעכע אַנקומענדיקע אידן, מעענער, ווייבער און קינדער, צווישן זיי באַקאַנטע. עס איז געוואָרן ליכטיקער אין די אויגן און גרינגער אויפן האַרץ. מיט טרערן אין די אויגן האָט מען זיך אַרומגעכאַפּט, ווי מיט גאָר אייגענע, געפונענע, נאָך אַ חורבן. מען האָט אונז געלאָזט וויסן, אַז אַלע ווײַלע קומען אָן די לעצטע טעג נייע משפּחות צוריק אין שטאָט; אַז פרישע ברויט קאָנען מיר קריגן באַ די קלינגס אויף קאָוונער גאַס.

מיט אַ געמישטן געפיל האָבן מיר דערגרייכט אונזער געסל און הויז. דאָס געסל און בערגל־אַראָפּ צו דער באָד איז געווען פאַרוואַקסן מיט גראָז, די הויז פאַרשלאָסן, די לאָדנס פאַרמאַכט, אַזוי ווי מיר האָבן זיי איבערגע־לאָזט אין טאָג פון גירוש. מיר האָבן געפונען אַלץ אויף אַן אָרט. אַלע זאַכן — די מעבל, סיי אין אונטערשטן שטאָק, סיי אין אויבערשטן טייל. די באָבע און די מאַמע זיינען געווען אַזוי צופרידן, אַז זיי האָבן פאַרגעסן זייער מיד־קייט פון דער לאַנגע רייזע. ביידע האָבן זיך אַ נעם געטאָן אויפראַמען דאָס הויז, וואָס זיי האָבן פאַר דעם גירוש אָפּגעהיט ווי אַ הייליקייט, צעעפנט די

פענצטער, און ס'איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ראַמענדיק האָט זיך אָבער פון דער מאַמען געהערט אַ שטילער זיפץ. אַז איך בין צוגעגאַנגען נאָענט צו דער מאַמען, האָב איך באַמערקט אירע נאַסע אויגן. יעדער קער, יעדעס ווינקעלע האָט דערמאָנט דעם טאַטן, איר איבערגעגעבנם מאַן; האָט אויפגעוועקט דעם גרויליקן אומגליק, וואָס האָט איר און אונז אַלעמען געטראָפן.

פון די אַרומיקע שכנים איז נאָך דאָן קיינער ניט צוריקגעקומען. אויפן צווייטן און דריטן טאָג האָט זיך באַוויזן דער טאָקער לעווין מיט זיין משפּחה. מיין לערער אישיע לעווין איז ווידער דאָ. ס'איז געוואָרן היימלעכער.

ווי אַזוי מאַכט מען אַ לעבן?

די שטאָט אַזוי ווי נאָך אַ שווערער לאַנגער קראַנקהייט האָט גענומען ביסלעכוויז קומען צו זיך. יעדע שעה, יעדער טאָג האָט צוריקגעבראַכט נייע גלידער פון אידישן ווילקאָמירער קערפּער; קרובים, שכנים און גוטע באַקאַנטע. די מערסטע צוריקגעקומענע האָבן געפונען זייערע היימען אינעם צושטאַנד, ווי בעת זיי האָבן אין גירוש־איילעניש אַלץ איבערגעלאָזט. אָבער אַ טייל קראָמען און געשעפטן זיינען געווען אינגאַנצן פּוסט, אַנדערע האַלבליידיק און אַ קליינע צאָל אַפילו ניט אָנגערירטע. אַזוי ווי מ'האָט דערוואַרט נאָך ערגער, האָבן אידן געפילט — גם זו לטובה.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט ווילנע, איז די הויפּט־זאָרג געווען, וואָס וועלן מיר געפינען קומענדיק אהיים? צופרידן פון דעם, ווי מיר האָבן געפונען אונזער הויז, איז תיכף געקומען אַ צווייטע, ערנסטע זאָרג: ווי אַזוי וועלן מיר ציען חיונה, האָבן פּרנסה — אָן דעם ברויטגעבער? פאַר דעם גירוש האָט אונזער פאַמיליע געלעבט גאַנץ באַקוועם, אָן וועלכער ניט איז זאָרג פון חיונה. ווען דער טאַטע איז געקומען פון קאַנאַדע, האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ היבשן פּעקל מיט דאָלאַרן, פאַר יענער צייט אַ גאַנץ גרויסע סומע. אַ טייל פון דעם געלט האָט זיך געפונען אין דער „קאַזנאַטשעיסטוואָ" (אַ מין רעגירונגס באַנק). דער גירוש, דאָס לעבן אין ווילנע, דעם טאַטנ'ס קראַנקהייט האָט אונז אויסגעבייטלט, ווי די מאַמע האָט זיך אויסגעדריקט. דער מאַמע'ס חשבון איז געווען קלאָר ווי דער טאָג. די פאַרבליבענע פאָר רובל וועלן לאַנג ניט דויערן. איין אויסוועג פאַרבליבן — טאַקע אָן אַ פאַך, מוזן מיר ביידע, מיין עלטערער ברודער און איך געפינען אַ וועג, אויף וואָס פאַר אַן אופן צו לייזן די עקאָנאָמישע לאַגע אונזערע.

די ערשטע שריט

אַרויסגעהאָלפן האָט אונז די אַלגעמיינע לאַגע אין שטאָט. עס איז געווען אַ דוחק אין די נויטיקסטע פּראָדוקטן. די פּוסטע און האַלב־פּוסטע קראָמען און געשעפטן האָבן זיך גענויטיקט אין סחורות. אָפּגעהאַקט פון די פאַר־

מלחמה צענטערס — די נאָענטע שטעט קאָוונע, שאַוול, פּאָנעוועזש, האָבן מיר געדאַרפט קומען צו זיך פונדאַסניי און אַריינקריגן אַ געוויסע צאָל אַרטיקלען וואָס אַט־די שטעט פלעגן צושטעלן פאַר ווילקאָמיר און אומגעגנט. קיין פאַרבינדונג מיט דייטשלאַנד איז ניט געווען צו קריגן סחורה פון דאָרט. עס האָט געהערשט אַ פּשוט׳ער הונגער אין די נויטיקסטע פּראָדוקטן. צוקער, זאַלץ, פּאַפּיראָסן, טאַבאַק איז געוואָרן מיט גאָלד צוגלייך.

דער איינציקער מקור צו קריגן פּאַפּיראָסן און טאַבאַק, איז געווען בּאַ די דייטשישע סאָלדאַטן און זייער „קאַנטין" (אַרמייר־קלייט). לויט דער עצה פון עטלעכע קרעמער האָבן מיר, מיין ברודער און איך, מיט אַ פּאָר מאַרק אין קעשענע אָנגעהויבן זיך מישן מיט די דייטשישע זעלנער און זיי איינ־רעדן צו פאַרקויפן אונז אַ פעקל פּאַפּיראָסן אָדער טאַבאַק. ס׳איז אונז ביידן אַזאַ אַרבעט געווען שטאַרק דערווידער. מיר האָבן געפילט פריקרע, ניט אָנ־גענעם; אין אָנהויב האָבן מיר זיך געפילט ווי שנאָרערס. אָבער „נויט ברעכט אייזן", זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל. אַזוי ווי צו דערבאַרעמען זיך אויף אונז, האָבן עטלעכע זעלנער אונז פאַרקויפט אַ פּאָר פּעקלעך סיגאַרעטן. מיר האָבן איבעררעכן דאָס אייז און אין עטלעכע טעג איז דער מסחר מיט די זעלנער־וועק ווי אויף אַ גוטן שליטוועג. די זעלנער האָבן געקראָגן אַ קוואַל צו פאַר־דינען געלט פון זייערע פרייע סיגאַרעטן און טאַבאַק, און מיר, ביידע ברידער, — אַ מיטל צו פאַרדינען, פריער פון יחידים און שפּעטער פון קרעמער. אין אַ קורצער צייט זיינען מיר געוואָרן אַזוי ווי אַן אָגולנע בּאַ די קרעמער. דער אַפּעטיט צו פאַרדינען געלט איז בּאַ די דייטשישע סאָלדאַטן געוואַקסן ווי אויף הייוון. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַ פּאָר סאָלדאַטן פון דער מילי־טערישער קאַנטין, אָנגעהויבן אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב און דערגאַנגען צו אַ שטופּע, אַז דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון קאַנטין האָט באַזאָרגט — פאַר גוט געלט — צוקער, זאַלץ און אַנדערע אַרטיקלען. ער האָט אַפילו פאַר־גרעסערט זיינע באַשטעלונגען צו האָבן גענוג אַי פאַר דעם קאַנטין, און פאַר אונזער געמיינזאַמען האַנדל. אַרויסגעהאָלפן אין דעם אומלעגאַלן מסחר איז געווען דער צופאַל, וואָס די הינטער־טיר פון קאַנטין איז געווען נאָענט צו דער הינטער־טיר פון דעם געשעפט פון אונזערע קרובים, די קאַסעלס. אַזוי אַרום איז די זאָרג פון פּרנסה געלייזט געוואָרן.

אַ צווייטן מיטל צו קריגן פּראָדוקטן האָט די דייטשישע מאַכט אָנגע־הויבן אָפיציעל דורך אַ שפּיצל, וואָס קאָן איינפאַלן נאָר געבילדעטע קול־טורעלע „אויבער־מענטשן"... פאַר יעדן זאַק צוקער אָדער זאַלץ האָבן זיי פאַרלאַנגט 5 רובל אין גאָלד און דאָס איבעריקע אין מאַרקן. אַזוי אַרום האָבן זיי געטראָפן צוויי האָזן מיט איין שאָס: אַרויסגעצויגן די פאַרבאַהאַלטענע גאָלד, און געמאַכט גרויסע פּראָפיטן. קרעמער זיינען אַרומגעפאָרן אַלע דער־פער. פאַר טאָפּלטע פרייזן, און מער, האָבן די פויערים פאַרקויפט זייערע גאָלדענע פינף־רובלדיקע און נאָך קריגן זאַלץ אַלס צוגאָב. די קלוגע „הויך־

קולטורעלע" דייטשישע מאַכט האָט אויך אָן פאַרגיטיקונג אויסגערייניקט די שטאָט פון קופּער, בראָנז און אַנדערע מעטאַלן. זיי זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי אַראָפּנעמען פון די הייזער טירן, שלעסער און בראָנזענע קליאַמקעס.

פריינט און באַקאַנטע האָבן אונז געראַטן צו עפענען אַ קראָם. ס'וועט זיין גוט פאַר אַלעמען. די מאַמע און די באָבע וועלן האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען, און פאַר אונז ביידן, מיט דער צייט, אַ וועג פּטור צו ווערן פון דער געפאַר אַריינצופאַלן אין די הענט פון די מאַכט־האָבער. איך האָב דאָס באַטראַכט אַלס אַ וואונדערבאַרן פּלאַן. עס וועט נעמען אַ סוף צו דעם פריקרען האַנדל, וואָס איז מיר שטאַרק דערווידער געווען, און איך וועל ווידער זיך קאָנען אָפּגעבן מיט מיינע וואַקסנדיקע פאַרלאַנגען — לייענען און אַרבעטן אין דעם צוריק אויפגעלעבטן אונטערערדישן קרוזשאָק (קרייזל) אין שטאָט. לידיקע קראָמען זיינען געווען געגוג זיך אויסצוקלייבן. ס'איז געווען אַ לידיקע קראָם אויף ווילנער גאַס, טאַקע אין צענטער פון די געשעפטן. אַ גרויסע מעלה פון דער קראָם איז געווען דאָס, וואָס עס איז נאָענט צו אונזער הויז און צו דער מומעס גאַסטיניצע.

דעם קאָנטאַקט מיט דער דייטשישער קאַנטין האָבן מיר ניט אויפגעגעבן. דורך אונזער קרובה'ס הינטער־טיר פלעגט דער הויפּט־פאַרוואַלטער, דער גוטער באַקאַנטער אונזערער, איבערלאָזן פאַר אונז די געוויינלעכע פּראָדוקטן. די איינציקע שווערע און ריזיקאַלישע אַרבעט איז געווען, צו קריגן בענזין און קעראָסין פאַר די לאָמפּן. מיר פלעגן מוזן קריכן באַנאַכט, כמעט אויף אַלע פיר, צו די דייטשישע סקלאַדן מיט קענדלעך אין די הענט דאָס צו נעמען. אַ חוץ ליכט זיינען די קעראָסין־לאָמפּן געווען דער איינציקער קוואַל פון באַלייכטונג אין שטאָט פאַר אונז און אַ ריי פריינט און קרובים. צו אָט־דער אַרבעט איז אויך געקומען אַ סוף. מיט דער פּראַצע פון די געפאַנגענע רוסישע סאָלדאַטן האָבן די דייטשישע מאַכט־האָבער אַריינגעבראַכט עלעקטרישע באַלויכטונג אין שטאָט. אַזוי אויך, צוליב מיליטערישע נויטן, איינגעפירט אַ באַן־פאַרבינדונג צו יאַנאָווע און קאָוונע. ווילקאָמיר איז אַזוי אַרום פאַרבונדן געוואָרן מיט באַן־פאַרקער אין איר מזרח'דיקער ריכטונג. מען האָט עס גערופן „דאָס קליין בענכל".

ווילקאָמיר איז געקומען צו זיך, אַ טיילווייז נאָרמאַל לעבן האָט זיך אַנטוויקלט. די מערסטע דורכן גירוש־פאַרטריבענע זיינען צוריקגעקומען, אויסער אַ קלענערער צאָל וועמען דער גירוש האָט פאַרטראָגן אין שטעט און ישובים פון צענטראַל־רוסלאַנד. די פאַראורזאַכטע וואונדן האָבן זיך געהיילט. מ'האָט זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען צו לעבן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע מיט נייע פאַראָנדקעס און נייע צווישן־באַציאונגען.

דאָס נייע לעבן און אויסלעבן זיך

די מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט אין אָנהויב פון דער דייטשישער אָקופּאַציע סיי אין ווילנע, סיי אין ווילקאָמיר (מיט קליינע אויס־

נאמען) באגעגנט די דייטשישע ארמיי און זייער מאכט ווי באפרייער. מ'האָט זיך באַפרייט פון די פאַרהאַסטע „פּאַניעס", די צאַרישע טשינאָווניקעס, דעם־פּאָטן און צוררים פון די אידן. פול מיט בטחון אויף אַ גרינגערן אידישן לעבן אונטער דער הויך־קולטורעלער דייטשישער מאַכט, האָבן די צוריק־געקומענע אידן אין ווילקאָמיר געטראָפן דעם אמת'ן ברוך הבא, — די גרויסע כאָר־שול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פערדן־שטאַל. דער וויטיק איז ניט געוואָרן קלענער ווען מען האָט אויסגעפונען, אַז דאָס איז צוערשט געטאָן געוואָרן פון דער רוסישער קאַוואַלעריע, אָבער נאָכגעפאָלגט פון די דייטשן. ערשט נאָכן צוריקקומען פון די פליטים האָבן זיך די דייטשן ארויסגעקליבן פון כאָר־שול. די שפּיצלדיקע פאַראָנדקעס צו קריגן פּראָדוקטן פאַר גאָלד, דאָס פשוט'ע כאַפּן מענער און בחורים אין גאַס פאַר אַרבעט אין דייטשישע פאַבריקן פון מלחמה־מכשירים האָט אָפּגעקילט די צוערשט גינסטיקע באַציאונג צו די דייטשישע מאַכט־האָבער. מיטאַמאָל האָבן אידן, אַזוי ווי אַלע אַנדערע, אָנגעהויבן לערנען און פאַרשטיין דאָס „הייליקע" וואָרט — „פּערבאָטען". ס'איז געווען שווער קלאָר צו באַגרייפן, וואָס עס איז „פערבאָטען" און וואָס עס איז ניט „פערבאָטען". ס'איז געווען שווער צוגעוואוינען זיך צו די דייטשישע באַגריפן וועגן עטיק און מאָראַל.

אַ געוויסע צאָל געפאַנגענע רוסישע סאָלדאַטן האָט די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט באַשעפטיקט אין שטאָט באַ אַלערליי שווערע שוואַרץ־אַרבעט. די געפאַנגענע האָבן פאַרביטן די אַרבעט פון פערד, ווי שלעפּן אין געשפּאַן גרויסע וואַסער־באָדקעס, וועגענער, אָנגעזאָלמטע פערד־מיסט און בכלל שמוץ, — ווי פשוט'ע שקלאַפן אין אַמאָליקע צייטן. די קליידער, וואָס זיינען אַמאָל געווען מונדירן האָבן אויף די געפאַנגענע אויסגעקוקט ווי שמאַטעס, די שטיוול — מער לעבער ווי פאַרבליבענע לעדער. פיל פון זיי בלויז שמוציקע שמאַטעס אויף די פיס. אויסער שלעפּן פאַרשיידענע משאות האָבן די רוסישע געפאַנגענע גערייניקט די גאַסן. באַם רייניקן די גאַסן האָבן זיי, ווי „סאָראָקעס" אויפגעפּיקעט יעדעס ברעקל ברויט, שאָלעכץ פון עפּל, פלוימען, בייגלעך, אַלץ וואָס נאָר ס'האָט זיך פאַרוואַלגערט אין שמוץ צו שטילן זייער שטענדיקן הונגער. געפונענע שטיקלעך פּאַפּיר און בלעטער פוןביימער האָבן די געפאַנגענע אויסגענוצט צו מאַכן פּאַפּיראָסן, ווי דאָס וואָלט געווען מאַכאָרקע. צו זאַמלען דעם אָפּפאַל איז זיי אויך ניט אָנגעקומען גרינג. די דייטשן איז ניט אָנגעשטאַנען, אַז די באַפעלקערונג אין שטאָט זאָל באַמערקן דעם הונגער פון די רוסישע געפאַנגענע, פלעגן די וועכטער ניט צולאָזן אַ בירגער צו געבן די געפאַנגענע אַ שטיקל ברויט, אַן עפּל, אַ באַרנע.

די ציווילע באַפעלקערונג איז מצד דער דייטשישער אָקופּאַציע מאַכט באַהאַנדלט געוואָרן טיילווייז מענטשלעך אָבער, ווי צוריקגעשטאַנענע אומ־קולטורעלע שיכטן. די האַנדלונג און באַנעמונג שטרענג פאָרמעל. מיט דירעקטע און אומדירעקטע מיטלען האָט מען אייך געלאָזט וויסן: אַכטונג!

אַפשוי פאַר די דייטשישע „אַבערמענטשן״. באַגעגענענדיק אַן אָפיציר אויף די גאַסן האָט מען געמוזט אַפּטרעטן, אַראָפּ פון טראָטואַר, בכדי צו געבן דעם אָפיציר אַ פרייען וועג. די חוצפּה פון די אָפיצירן האָט קיין ברעג ניט געהאַט. אַ ביישפּיל פון זייער באַנעמונג און אויפפירונג איז אַמבעסטן איר לוסטרירט דורכן פאָלגנדיקן פאַל:

עס האָט פּאַסירט אַרום אונזער קרעמל. ס'איז געווען אַ שיינער טאָג. די מאַמע און איך זיינען געזעסן אינדרויסן באַם קראָם, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם טייל פון גאַס, אַוועק פון צענטער וואו ווייניק מענטשן גייען פאַרביי. האָבן מיר ניט באַמערקט אַן אָנקומענדיקן אָפיציר. מיטאַמאָל האָט דער אָפיציר זיך אָפּגעשטעלט און אַ קאָמאַנדע־געטאָן דער מאַמען און מיך זיך אויפצושטעלן און בלייבן שטיין. דאַן האָט ער געגעבן דער מאַמען אַ שטרענגע לעקציע פאַר מאַכן זיך ניט־זעעוודיק בעת'ן דורכגיין פון אַ דייטשישן אָפיציר, אַבי אים ניט צו באַגריסן. מיר זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען, בעת דער אָפיציר האָט זיך צוריקגעקערט עטלעכע אַרשין, איז תיכף ווידער פאַרבייגעגאַנגען אונז, בכדי מיר זאָלן אים באַגריסן... און אַזוי האָבן מיר געטאָן. ערשט דאַן איז געקומען אַ פרישע לעקציע דער מאַמען וועגן דעם, ווי שלעכט זי ברענגט אויף איר זון — אַן אַפשוי פאַר דער מאַכט און דעם אָפיצירנטום.

נאָך די צוויי לעקציעס איז מיין מאַמע געבליבן אַ האַלב־טויטע, און מיך האָט די גאַנצע עקלהאַפטע סצענע דערמאָנט אין די קלוגע, ווייט־זעעוודיקע רייד פון דעם עלטערן איד, דעם שווייגער, אין דער ווילנער קליין־סטעפּען קלויז בעת די היציקע אַמפּערנישן וועגן די „פּאָניעס״ און די „וועלוולס״, — ווער פון זיי איז בעסער פאַר אידן? איך האָב נאָך שטאַרקער מסכים געווען מיטן אויספיר פון דעם אַלטנ'ס משל מיטן „שטומען״, וואָס ווען מ'האָט אים געפרעגט אַ מיינונג וועגן צוויי „ריכטיקע חברה'לייט״ האָט ער מיט די פינגער געטייטלט צו דער ערד, מיינענדיק צו זאָגן: „ביידע טויגן אויף כפרות״. פּאָניע דערלאַנגט מיט אַ דובינע, און די „איידעלע״ דייטשן וועלן העפלעך צוביסלעכווייז אַרויסציען די קישקעס.

מיין חלום און פאַרלאַנג ווערט פאַרווירקלעכט

ווי נאָר איך האָב דערלעבט צו זען מיין לערער אישיע לעווין, נאָך אונזער צוריקקומען אין ווילקאָמיר, איז דער איבערגעריסענער גאָר נאָענטער קאָנטאַקט באַנייט געוואָרן. איך האָב אים שיעור ניט פאַרמאַטערט מיט מיינע אָנגעזאַמלטע איינדרוקן און דערפאַרונגען אין די גירוש־טעג — פון בייזדאַן און שניפּעשיק ביז דער גרויסער שטאָט ווילנע — באַזונדערס אין די מלחמה־באַדינגונגען. איך האָב אים דערציילט וועגן די היציקע וויכוחים אין דער סטעפּאַן־גאַס קלויז און וועגן מיינע אייגענע באַגריפן וועגן דער וועלט־מלחמה,

מיינע מיינונגען פון דער רוסישער אַרמיי און דער דייטשישער מלחמה־מאַשין. איך האָב באַרירט די שטימונג און צוגאַנג באַ אידן לגבי די דייטשן, באַטראַכטנדיק זיי אַלס „באַפרייער", שאַפנדיק אַזוי אַרום פאַלשע און שעד־לעכע אילוזיעס. איך האָב, נאַטירלעך, נישט פאַרפעלט צו דערמאָנען אונזער אייגענעם אומגליק דורכן פאַרלוסט פון טאַטן.

ער האָט טאַקע, ווי נאָר אישיע האָט עס געקאָנט, מיך געדולדיק אויס־געהערט, און דאַן צעקייט פאַר מיר מיינע אייגענע דערפאַרונגען, אויספילנ־דיק אַ סך נישט־פאַרשטענדלעכע ווינקעלעך, אָנגעוויזן אויף זייער פולער באַדייטונג, און אַלץ אַזוי קלאָר, ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן.

ער האָט אַנאַליזירט די שטעלונג און דער צוגאַנג צו מלחמה מצד דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, — די שטעלונג פון לענין און פּלע־כאַנאָוו, די שטעלונג פון „בונד", פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פון קאַרל ליבקנעכט. אָבער דער עיקר איז געווען אישיע'ס אָפּשאַצונג, וואָס שייך די פּערספּעקטיוון צו פאַרוואַנדלען די גרוילן פון מלחמה אין אַן אינ־סטרומענט פאַר מאַכן אַ סוף צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג דורך סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע.

אין די ווייטערדיקע שמועסן האָט אישיע לעווין באַמערקט, אַז איך האָב דורכגעמאַכט אַן אמת'ע שול, געלערנט פון רעאַלן לעבן, אויסגעוואָקסן און רייף געוואָרן צו ווערן אַ פולער גליד פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבע־טער־באַוועגונג. ער האָט אָבער מיט טיפער ערנסטקייט אונטערשטראָכן די וויכטיקייט פון טאָן אַלץ צו העלפן באַזאָרגן די מאַמען, די באָבען און די גאַנצע משפחה. אָן דעם זיידן און אָן דעם טאַטן, ניט פאַרשאַפן קיין אומ־נויטיקע ווייטיקן און ליידן. צו באַזאָרגן זיי מיט חיונה, איז די באַלדיקע אויפגאַבע מיינע, איז ער באַשטאַנען. מיט יראת הכבוד דערמאָן איך איצט, ווי זאָרגזאַם לגבי מיין משפחה מיין גוטער לערער אישיע לעווין איז געווען.

דער שטראָם פון די אהיים־געקומענע ווילקאָמירער משפחות האָט גע־בראַכט צוריק יאַשקע ברוק, סאַראַ גאָרדאָן, מיכל גאַרבער און אַנדערע מיט־גלידער פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלוב. פאַר דעם מלחמה־גירוש פלעגן די פאַרזאַמלונגען פון קלוב פאָרקומען אין דער אידישער שטאָטישער ביב־ליאָטעק. די נייע באַדינגונגען, די לאַגע אונטער דער מיליטערישער דייטשי־שער אָקופּאַציע האָט געפאָדערט, מ'זאָל ערנסט באַהאַנדלען די ראַטזאַמקייט צו נוצן די ביבליאָטעק פאַר אַזעלכע צוזאַמענקונפטן. נאָך אַן אויסטויש פון מיינונגען און באַראַטונג פון די אָנפירנדיקע חברים, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די ביבליאָטעק פאַרבלייבט דער פאַסיקסטער פּלאַץ פאַר די פאַרזאַמלונגען פון קלוב.

די באַנייאונג פון די פאַרזאַמלונגען, האָט מיר אָפיציעל אַריינגעפירט אין דער רעוואָלוציאָנערער משפחה פון ווילקאָמיר. צו דער ערשטער פאַר־

זאַמלונג האָט מיך באַגלייט אישיע לעווין. אויפֿן קורצן וועג צו דער ביבליאָטעק האָב איך דורכגעמאַכט אַ געמיש פֿון פֿרייד און זאָרג, וועגן מיין גרויסער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט צו די חברים, צו דער זאַך פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. די נאָענטקייט פֿון אישיע לעווין, זיין גלויבן אין מיר האָט מיר אַ רעכט ביסל באַרואיקט. אַזוי אויך האָט מיר באַרואיקט און צוגעגעבן מוט די חבר'ישע אויפֿנאַמע, וואָס האָט מיר באַגעגנט, ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין דער געביידע פֿון דער ביבליאָטעק. די וואַרעמקייט און גוט־ברודערישע באַציאונג האָט מיר געמאַכט פֿילן היימיש, — אַ געפֿיל אַזאַ, אַז מיר זיינען שוין לאַנג צוזאַמען. ס'איז מיר אויך קלאָר געוואָרן ווי גערעכט אישיע, סאַראַ און יאָשקע זיינען געווען מיט צוריקהאַלטן מיין אָפֿיציעלע פֿאַרבינדונג מיט דעם רעוואָלוציאָנערן קלוב אַ רעכטע ווײַלע. איך בין געווען דער איינגסטער צווישן דער גרופּע פֿאַרזאַמלטע.

סאַראַ גאָרדאָן האָט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן די פֿאָלגן, די קאָנסעקווענצן פֿון דער מלחמה און די אויפֿגאַבן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איר רעפֿעראַט איז געווען אין איין איינקלאַנג פֿון אישיע'ס שמועסן מיט מיר; איז זיך צוזאַמענגעפֿאַלן מיט זיינע דערקלערונגען, מיט זיין אופֿן פֿון צעגלידערן מיינע איינדרוקן פֿון ווילנע. נישט מער, זי האָט ברייטער און טיפֿער באַהאַנדלט די פֿראַגן, אַרויסברענגענדיק נאָך שאַרפֿער, וואָס די מלחמה האָט באַדייט פֿאַרן צאַרישן רוסלאַנד. זי האָט געשאַפֿן אַ פֿאַרבינדונג, ציענדיק אַ־ין קייט — פֿון דער יאַפּאַניש־רוסישער מלחמה, פֿון 1905-1904, די רעוואָלוציע פֿון 1906-1905 און די וועלט־מלחמה פֿון 1914. אַזוי ווי אישיע לעווין האָט זי באַהאַנדלט די ראָל און די אויפֿגאַבן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אויסטיילנדיק די ריכטיקע און פֿאַלשע ריכטונגען אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס, לענינ'ס ראָל; די פֿאַררעטערישע ראָל פֿון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ווי שטיצער פֿון אימפּעריאַליזם און מלחמה און די שטעלונג פֿון קאַרל ליבקנעכט.

סאַראַ גאָרדנ'ס אָפּהאַנדלונג האָט באַוויזן איר גרויסן סכום פֿון פּאָליטישן וויסן, איר טיפֿע קענטשאַפֿט אין וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם, איר באַגרייפֿן דעם מאַרקסיזם, איר לענינסטישע אָריענטירונג. אירע געדאַנקען זיינען געפֿלאָסן קלאָר, ווי קרישטאָל.

אַ לאַנגע צייט האָט אין מיר אָפּגעקלונגען סאַראַ גאָרדאָנ'ס רעפֿעראַט. האָט מיר נאָכגעפֿאָלגט איר רואיקע, פֿליסיקע שטימע. איר ערנסטער, מוטערלעכער, געטלעכער פּנים האָט אין מיר ניט געלאָזט קיין צווייפֿל אינעם ריינעם אמת פֿון איר צוגאַנג; און אַוודאי ניט אין איר טיפֿן גלויבן. מיט איר ברייטן וויסן, מיט איר אופֿן פֿון רעדן האָט זי געהאָלפֿן דעם צוהערער ווי געהעריק צו פֿאַרשטיין די לויפֿנדיקע אַנטוויקלונגען און פּערספּעקטיוון.

מיט פיל יאָרן שפּעטער, וואוינענדיק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט סאַראַ גאָרדאָן געמאַכט אַ באַדייטנדיקן צושטייער צום טעאָרעטישן מאַרקסיזם, און דורך פּראַקטישער אַרבעט געהאָלפן אינעם קאַמף פון בויען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ליטע, — אין דעם שווערן קאַמף פאַר אַ סאָוועטישער סאָציאַ־ליסטישער ליטע.

פּאַראייניקטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי אין ווילקאָמיר

רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע קרייזלעך האָבן אַרויסגעשפּראָצט אין ווילקאָמיר צווישן די יאָרן 1910 און 1912, אין דער צייט, ווען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע שווארצע וואָלקנס, וואָס האָבן באַדעקט די צאַרישע רוס־לאַנד נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, האָבן אָנגעהויבן ווייזן סמנים פון פאַנאַנדערגיין זיך. נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן און געבראַכט אַן אויפלעבונג פון דער רוסישער און אידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. עס איז געקומען דער אָנהויב פון זאַבאַסטאָווקעס (סטרייקס), קליין אין צאָל און פאַרנעם, אָבער מיליטאַנטיש. די מיליטאַנטישקייט האָט געוויזן קלאָרע סמנים, אַז די מידע, אויסגעמאַטערטע רוסישע אַרבעטער און האָרעפּאַשני־קעס זיינען געקומען צו זיך, האָבן זיך אָפּגעפרישט מיט נייע כוחות. די סטרייקס זיינען געוואַקסן אין צאָל, אַזוי אויך די צאָל באַטייליקטע אַרבעטער.

די קליינע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין ווילקאָמיר, אָנגעוואָרעמט פון די נייע ווינטן איבערן גאַנצן לאַנד, האָבן דורך טאָג־טעגלעכע טעטיקייטן פאַרלייגט די באַזע פאַר דער ווילקאָמירער פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער אייגנאַרטיקער נאָמען איז אַרויסגעוואַקסן צוליב די עקזיס־טירנדיקע לאָקאַלע באַדינגונגען בײַ אונז אין שטאָט — דער צוזאַמענשטעל פון אַלערליי יחידים, זייערע ריכטונגען און נייגונגען. זיי זיינען געווען די איניציאַטאָרן, די זיילן פון דער נייער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. ווילקאָמיר איז ניט געווען, אפילו אין מינדסטן זין קיין אינדוסט־ריעלע שטאָט. די גרונט באַזע פון שטאָט און אומגעגנט איז געווען אַן אַגרי־קולטורעלע. עס איז געווען אַ שטאָט פון קרעמער, קליינע קרעמלעך און עט־לעכע גרעסערע געשעפטן; זעלבסטבאַשעפטיקטע בעל מלאכות, האַנטווערקער — אַ קליינע גאַרבאַרניע, אַ ציגעלניע, אַ קליינער האָלץ־זאַוואָד, אַ זעג־מיל, אַ קליינער געשעפט פון אַקערס און גראַבליעס. דאָס אַלץ איז געווען אַרומ־גערינגלט מיט ליידנדיקע פּויערים פונעם אַרום. אָן אַ באַן־פאַרבינדונג, איז דער פאַרקער צו די נאָענטע שטעט — שאַוול, פּאָניעוועזש און קאָוונע געווען דורך פערד־און־וואָגן, און עטלעכע גרעסערע קאַרעטקעס. עס זיינען אויך געווען אַ ביסל וואַלד־סוחרים, אַרענדאַטאָרן פון סעדער און גערטנער. אויסער דעם, אַ גרויסע צאָל אָרעמע לייט — אידישע וואַסער־טרעגער, משא־טרעגער, קוימען־קערער, לאַטוטניקעס א.א.וו. אין טאָג־טעגלעכן געיעג נאָך פּרנסה האָבן

זיי, ווי מ׳האָט געזאָגט בא אונז אין ווילקאָמיר, געמאַכט „וואָסער אויף קאַשע״. א חוץ דעם זיינען נאָך געווען אביונים שבאביונים, וואָס עד היום האָב איך ניט קיין באַגריף, ווי אַזוי זיי האָבן „אויפגעהאַלטן זייערע נשמות״. אַפילו דאָס ווערטל „געלעבט פון האַנט־צו־מויל״, פּאַסט זיך צו זיי נישט צו.

די מערסטע אידן אין די שטעט און שטעטלעך, אין די ישובים און דערפער, האָבן ווי די ליטווישע פּויערים אַרום, געלעבט אין פינצטערניש און אָרעמקייט, געדעכעט אונטערן שאָטן פון צאַרישער נאַטשאַלסטוואָ און נאַגאַיקע. די גרויסע מאַסע ליטווישע פּויערים איז געווען שרעקלעך צוריקגעשטאַנען. א קינדער־שול, אַפילו אויף א רפואה ניט צו געפינען. אַלץ, וואָס איז געווען, איז די קירכע. אין שטאָט איז די „יעוורעיסקאַיאַ אוטשילישטשע״ געווען, טאַקע ווי איר נאָמען, א ריין אידישער לערן־אַנשטאַלט. און די מערהייט קינדער אין דער „גאָראָדאָסקאַיע אוטשילישטשע״ — אויך אידישע.

דער ליטווישער פּויער, קאָן מען זאָגן, איז באַטראַכט געוואָרן, ווי „נידעריקער פון גראָז״, אָן די מינימאַלסטע מעגלעכקייטן, און מענטשלעכע רעכט, צו דערגרייכן וועלכן ניט איז שטאַפּל אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן. די אידן זיינען געשטאַנען שטאַפּלען העכער אין פאַרגלייך מיט דער ליטווישער באַפעלקערונג. אָבער די צאַרישע נאַטשאַלסטווע — זשאַנדאַרמען, איספּראַווניקעס, גאָרדאָוואָיען — האָבן געמאַטערט אַלעמען, די גאַנצע באַפעלקערונג. מען האָט זייער שטאַרק געפילט די פּלאָג פון ברייט־פאַרשפּרייטע כאַבאַר־מעטאָדן דורך וועלכע נאַטשאַלסטוואָ האָט אָנגעשטאָפּט זייערע קעשענעס.

די הויפּט באַזע פאַר א רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — א פּראָלעטאַרישער שיכט פון פאַבריק־אַרבעטער איז בא אונז ניט געווען. אָבער סאָציאַליסטישע, רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און אידייען, ווייזט אויס, שפּרייזן אַריבער אַלע שוועריקייטן, ברעכן אַלע פאַרקנס, אַלע באַגרענעצונגען. קיין כוח איז ניט שטאַרק גענוג זיי אָפּצושטעלן. זיי שטראָמען ווי ימ׳ען־כוואַליעס אין די מוחות פון מענטשן, און קיין דאַמבע קאָן זיי ניט האַמעווען.

באַם שוועל פאַר דער רעוואָלוציע אין 1905 זיינען אין די רייען פון דער רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי געווען איינצלנע ליטווישע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן. אַנדערע פון זיי זיינען געווען אין די רייען פון די פּוילישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען. נאָך דעם אויסברוך פון דער 1905 רעוואָלוציע, איז אין קאָוונע געגרינדעט געוואָרן א ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וואָס האָט צוזאַמען מיט דעם אידישן „בונד״ אָרגאַניזירט זאַבאַסטאָווקעס (סטרייקס), דעמאָנסטראַציעס, איינשליסנדיק דעם פּריער דערמאָנטן גענעראַל־סטרייק אין קאָוונע, ווילנע און אין אַנדערע שטעט. נאָך דער רעוואָלוציע אין 1905, איז די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אַראָפּ פון דער אַרענע. דער „בונד״, הגם אָפּגעשוואַכט, איז

אזוי ארום פֿאַרבליבן די וויכטיקסטע גרעסערע פּאַרטיי צווישן די רעוואָ־לוציאָנערן אין ליטע.

אַזעלכע רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטיש דענקענדיקע יחידים, ווי די אישיע לעווינס, יאַשקע ברוקס, מיכל גארבערס, סאַראַ גאָרדאָנס אין ווילקאָ־מיר האָבן געשאַפֿן אַ מאָנאָליטישע אייניקייט פֿון פּאַרטיי־ריכטונגען און נייגונגען. אישיע לעווין איז געווען אַ לינקער בונדיסט. מיכל גארבער, לויט זיינע באַמערקונגען, אַז „מ'שפּילט זיך אין באַלענדעלעך", מיט זיין הינטער־גרונט אין דער רעוואָלוציע פֿון 1905 און זיין אַסאָציאַציע מיט די באָלשע־וויקעס נאָך איידער ער איז געקומען אין ווילקאָמיר, איז זיכער געווען — אַ באָלשעוויק. (מיין חוש וועגן מיכל גארבער אַלס באָלשעוויק, איז באַשטעט־טיקט געוואָרן, ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפֿן אין מאָסקווע אין די דרייסיקער יאָרן, און אויסגעפֿונען אַז ער איז שוין דאַן געווען אַ מיטגליד אין דעם פֿאַרבאַנד פֿון אַלטע באָלשעוויקעס—„אָבשטשעסטוואָ סטאַריך באָל־שעוויקאָוו", און פּענסיאָנירט פֿון דער פּאַרטיי). סאַראַ גאָרדאָן איז געווען געניגט צו די באָלשעוויסטישע אידייען. יאַשקע ברוק איז געווען אַן אָנהענ־גער פֿון סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעטן.

די באַדינגונגען אין ווילקאָמיר האָבן ניט אַרויסגערופֿן אָדער דערפֿירט צו שאַרפֿע חלוקי דעות און באַזונדערע גרופּירונגען. איין הויפּט־ענין האָט אַלעמען פֿאַראייניקט — צו בויען אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע באַ־וועגונג, אַ קערפּערשאַפֿט, אַן אָרגאַניזאַציע, אַ פּאַרטיי. אזוי ארום האָט דער אויסגעקליבענער נאָמען — „פֿאַראייניקטע אידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבע־טער פּאַרטיי" — פּערזאָניפֿיצירט דעם צוזאַמענשטעל פֿון די יחידים. עס איז איינגעהיט געוואָרן די רעכט פֿון די ריכטונגען אין דער פּאַרטיי, און אין דער זעלבער צייט איז עס געווען אַ קוואַל פֿאַר סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָ־נערער אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע און אַרבעט. פֿאַראייניקט אַט־די אַלע יחי־דים, האָט דער באַזישער פּרינציפּ: די מלחמה איז אַן אימפּעריאַליסטישע; די אויפֿגאַבע פֿון די אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן איז צו פֿאַרקערעווען דאָס אַריינגעקראָגענע געווער אין זייערע הענט קעגן דער מלחמה, קעגן דעם דעספּאָטישן צאַריזם; פֿאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, פֿאַר אַ רעגירונג פֿון אַרבעטער, פּויערים און האָרעפּאַשניקעס, פֿאַר סאָציאַליזם. די טעטיקייטן, פֿאַרשוועכט און באַגרענעצט אונטער די באַדינגונגען פֿון דער דייטשישער מיליטערישער אָקופּאַציע, איז אַ דאַנק אַט־דער באַזישער אייניקייט, אָנגע־פֿירט געוואָרן אַן וועלכע ניט איז מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן.

די צווישן־באַציאונגען פֿון די חברים זיינען געווען פֿריינטלעכע, חבר'ישע, ווי אַן איינגענע משפּחה. אַלע די יחידים־חברים זיינען מיר, אין מיין פֿאַרווירקלעכטן פֿאַרלאַנג און חלום צו זיין אַ טייל פֿון דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג, געווען נאָענט און טייער. פֿון אַלע זיי האָב איך פֿיל גע־לערנט און אַ סך געגאַסן. מיט אישיע'ן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַריינגריב־

לען זיך אין באַגדאַנאָוו'ס פּאָליטישער עקאָנאָמיע. סאַראַ האָט דורך מיינע טרעפונגען מיט איר מיר געלערנט, אַזוי־צו־זאָגן, דעם אלף בית פון מאַרקסיזם. יאַשקע, האָט מיר געלערנט וועגן סטרייקס און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (טרעיד־יוניאָנס). און מיכל גאַרבער, וועגן לערעס פון עפּיזאָדן פון דער 1905 רעוואָלוציע. יעדער איינער פון די לערער מיינע זיינען בא מיר געשטאַנען אויף באַזונדערע רעוואָלוציאָנערע פּעדעסטאַלן.

מיטגלידערשאַפט און איינפלוס

די אומלעגאַלע, אונטערערדישע פאָרם פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג סיי אונטערן צאַריזם, סיי בעת'ן פּעריאָד פון דער דייטשישער מיליטערישער אָקופּאַציע האָט באַגרענעצט די אָפיציעלע מיטגלידערשאַפט פון דער פּאַרטיי צו אַ מינימום. אונטערערדישע באַדינגונגען פון דער רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געפאָדערט שטרענגע רעוואָלוציאָנערע וואַכזאַמקייט: וואַכזאַמקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, טעטיקייט און אַקציע; וואַכזאַמקייט אין באַשיצן, ווי ווייט מעגלעך, די אָנפירנדיקע חברים פון קאָמפּראָמענטאַציע, אומשולדיקע אָדער דירעקטע; צו זיין אויף דער וואַך קעגן לויערנדיקע שפּיאָנען, אַגענטן פון דער צאַרישער דעספּאָטישער נאַטשאַלסטוואָ; רעוואָלוציאָנערע וואַכזאַמקייט קעגן דער געפאַר פון אומגערן זיך „אויסגליטשן" מיט וועלכער ניט איז פאָרם פון אינפאָרמאַציע בעת'ן אָנפירן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע און רעוואָלוציאָנערע אַקציע; און באַזונדערס שטרענגע וואַכזאַמקייט, וואָס שייך באַזוכן פון חברים פון צענטער, וועמעס קאָנטאַקט איז געווען באַגרענעצט צו באַשטימטע מענטשן.

אָט־די געבאָטן זיינען הייליק אָפּגעהיט געוואָרן, באַזונדערס בעת דער דייטשישער מיליטערישער אָקופּאַציע. די געבאָטן האָבן באַשיצט די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און די חברים פון פּאָליציי־איבערפאַלן, פאַרפאָלגונגען און ניט־דערוואַרטע אַרעסטן.

איינציייטיק האָט די רעוואָלוציאָנערע אונטערערדישע באַוועגונג אויסגעמיטן, מיט אַלע מיטלען און מעטאָדן, די געפאַר פון סעקטאַנטישקייט. די פּאַרטייער האָבן זיך געזעלשאַפטלעך אויסגעלעבט אויף אַ ברייטן אופן מיט אַרומיקע פריינט און באַקאַנטע. אָט־דער צוגאַנג האָט מעגלעך געמאַכט און געהאָלפן אַנטוויקלען אַ גאַנץ היבשע באַזע פון נאָענטע סימפּאַטיקער און נאָכפאָלגער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די פּאַרטיי האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אין שטאָט. די צאָל אָנהענגער פון סאָציאַליזם, פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג איז אין ווילקאָמיר געווען אַן אויסערגעוויינלעכע, אין פּראָפּאָרציע צו דער אָפיציעלער מיטגלידערשאַפט אין דער פּאַרטיי.

דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט פון די חברים האָט מעגלעך געמאַכט און גע־שאַפן אַ ברייטן קרייז פון פּראָגרעסיווע סאָציאַליסטיש־געשטימטע פריינט. עס זיינען געווען אַ צאָל הייזער, היימען פון פאַמיליעס, וואו מען איז זיך צוזאַמענגעקומען אויסצולעבן זיך געזעלשאַפטלעך און אין דערזעלבער צייט האָט מען אָנגעפירט דיסקוסיעס, געהאַט אַן אויסטויש פון מיינונגען וועגן דער מלחמה, וועגן דער דייטשישער אָקופּאַציע, וועגן די פּערספּעקטיוון פון סאָציאַלער רעוואָלוציע און דער ראָל און אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציאָ־נערער אַרבעטער־באַוועגונג. איינע פון אַזעלכע היימען איז געווען דאָס הויז פון די יאַשונסקיס אין ווילקאָמיר.

די יאַשונסקיס — זייער היים אַן אָפענע טיר

די יאַשונסקיס זיינען געווען אַ מערקווירדיק פּאָרל. ביידע, איציק און פאַניע, זיינען געווען שירווינטער, אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון ווילקאָמיר, אָבער שוין געהערט צו ווילנער גובערניע. איציק איז נאָך אין זיינע אינגלשע יאָרן אָפּגעפאָרן פון שירווינט קיין ווילנע זיך לערנען דעם פאַך פון שניי־דעריי. אַלס לערן־אינגל האָט ער דורכגעמאַכט אַלע שווערע באַדינגונגען (די שבעה מדורי גיהנום), וואָס לערן־אינגלעך האָבן געדאַרפט איבערלעבן — פון טראָגן די פּאַמוניצע ביז צוגעלאָזט ווערן צו זיין אַ געניטע האַנט אַרום־שניידער־טיש. פאַניע האָט זיך אויך גענומען אויף דעם זעלבן וועג, און איז אין ווילנע דורכגעגאַנגען דעם זעלבן פּראָצעס אַלס אַ יונגע מיידל לערנענדיק זיך שניידעריי. דאָס שירווינטער פּאָרל האָבן זיך געטראָפן אין ווילנע. שניי־דעריי האָט זיי פאַרבונדן. זיי האָבן דאָרט חתונה־געהאַט. פון ווילנע האָבן די יאַשונסקיס זיך באַזעצט אין ווילקאָמיר, וואָס איז געוואָרן זייער היים. זעלבסטבאַשעפטיקט האָבן זיי ביידע צוזאַמען געאַרבעט בא פרויען־און מענער־שניידעריי.

דאָס שניידער־פּאָרל, איציק און פאַניע, ניט געקוקט אויף דער שווערער האָרעפּאַשנער אַרבעטער־שול, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט, זיינען געווען פול מיט לעבן. אויסלעבן זיך מיט מענטשן איז געווען פאַר ביידן אַ פאַרגע־ניגן, אַ נויטווענדיקייט, ווי לופט צו אָטעמען. די היים פון די יאַשונסקיס, שטענדיק אַן אָפענע טיר, איז געוואָרן אַ צענטער פון אויסלעבן זיך געזעל־שאַפטלעך.

די היימישע אַטמאָספערע, די וואַרעמקייט און פריינטלעכקייט האָט געצויגן צו די יאַשונסקיס, ווי אַ מאַגנעט. די יאַשונסקי־היים איז געוואָרן, ווי אַ מין „קלוב" וואו אונזער חברה האָט זיך געפילט ווי פרייע פייגל און כסדר גוט פאַרבראַכט. די נאַטור האָט איציק'ן געבענטשט מיט אַ כאַראַקטער פון אַ „לייכטן לונג־און־לעבער". ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין פּאַראַדאָקס. אַ באמת זייער שווערער אַרבעטער, באַלאָדן מיט געזעלשאַפטלעכער רעוואָ־לוציאָנערער זאָרג, וואָס מ'האָט געקאָנט אַרויסלייענען פון זיינע שאַרפע

אויגן, האָט אָבער פון זיין פּנים שטענדיק געשיינט אַ יונגיטשקער שמייכל באַגלייט מיט אַ לצנות׳דיקן געלעכטער. עס האָט פון אים געפּלאָסן אַ שטראָם פון פאָלקס־ווערטלעך, טרעפלעכע פאַרגלייכן און פּאַסיקע ווערטלעך לויט יעדער געלעגנהייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ קוואַל פון אַרבעטאָרישן, שנייַדערישן הומאָר, שפּיצלדיק און שטעכיק, וועלכן מען האָט געקאָנט פאַרנעמען און הנאה האָבן. איציק איז געווען אַ מייסטער אין אַלץ.

אין אונזער לאַנגיאָריקער פריינטשאַפט האָב איך בייגעוואוינט ניט איין פאַל, וואָס האָט אויפגעדעקט די פאַרבאָרגענע טיף־ערנסטע נשמה־ווינקלען פון איציק׳ס לעבן. שוועריקייטן, זאָרג און לײדן האָט ער באַגעגנט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן גלייכגעוויכטיקן אָביעקטיוון צוגאַנג, בכדי בייצוקומען אַלע צרות און לייזן ערנסטע פּראָבלעמען.

פאַניע, איציק׳ס לעבנס־באַגלייטערין איז דאַן געווען אַ יונג ווייבל, שלאַנק אין געבוי, אַ בלאָנדער קאָפּ האָר און אַן אָנגענעמער פּנים. איר שלאַנקע טאַליע, איר לייכטער טראָט האָט שטענדיק געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי שוועבט, אַז אָט גיט זי זיך אַ הויב און פליט ווי אַ פויגל. פאַניע האָט דורך איר באַנעמונג אָנגעפילט די היימישע לופט פון דעם „יאַשונסקי קלוב״ מיט פרייד און פאַרוויילונג. אין דער זעלבער צייט, ניט געקוקט אויף איר לייכטער און שלאַנקער באַוועגונג, איז זי אויך געווען אַ שווערע אַרבעטאָרין, אַ גוטע הויז־באַלעבאָסטע, אַ גוטע שוועסטער און אַ געטרייע מאַמע צו אירע קינדער.

איציק איז געווען אַקטיוו אין דעם פּעריאָד פון קולטור־ליגע קלוב, פון דער אידישער פאָלקס־שול. ער האָט אָנגעהאַלטן זיין אַקטיוויטעט נאָך מיין פאַרלאָזן ווילקאָמיר אָנהויב 1920.

איציק און פאַניע זיינען שפּעטער מיט עטלעכע יאָר געקומען קיין קאַנאַדע און געמאַכט זייער היים אין מאָנטרעאַל. ביידע געהערן זיי יאָרן־לאַנג צו דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג און פאַר פיינע עטלעכע יאָרן געווען אַקטיוו אין דעם פאַראייניקטן אידישן פאָלקס־אָרדן. (פריער קאַנאַדער אַרבעטער רינג און אידישער הילפס־פאַראיין). בעת איך שרייב אָט־די שורות איז שוין איציק, קיין עין הרע, אין די אָנהויב אַכציקער. זיינע שניידערישע הענט זיינען נאָך מיט נאָדל־באַוול באַשעפטיקט. זיין לייכטער „לונג־און־לעבער״ כאַראַקטער, זיינע ווערטלעך, הומאָריסטיש און בייסיק־סאַטיריש, זיינען אויך איצט אַזוי פריש, שפּרודלדיק און קיצלדיק, ווי אין די יונגע יאָרן. פאַניע האָט אויפגעגעבן נאָדל־באַוול, איז אָבער די זעלבע גוטע באַלעבאָסטע. זאָלן זיי ביידע לאַנג לעבן.

מיר שרייבן זיך דורך פון צייט צו צייט. די לעצטע עטלעכע יאָר פאָרן די יאַשונסקים פאַר אַ פּאָר וואָכן אויף ווינטער אין מיאַמי זיך אָנוואַרעמען די אַלטע ביינער מיט דער גוטער פלאָרידאַ זון. אין מיאַמי האָט איציק זיך

געטראָפן מיט עטלעכע ווילקאָמירער, געוועזענע חברים, איצט אַלראַיטניקעס. באַקלאָגט זיך איציק: — ווי טיף זיי זיינען דאָרט אין די שטאַטן פאַרגראָבט געוואָרן... שונאים פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג געוואָרן. אין 1971, שרייבט ער מיר, אַז ער האָט זיך אין מיאַמי געטראָפן מיט אייניקע שירוויג־טער לאַנדסלייט, שוין זייער לאַנג אין די שטאַטן, פאַרמעגלעכע אַלראַיטני־קעס. איינער פון זיי האָט אָרגאַנזשירט אַ פּראַקטיקן באַל און איינגעלאַדן די יאַשונסקים. „די אַלראַיטניקעס האָבן זיך צעלאָזן", שרייבט ער, „מ'האָט זיך געלאָזט וואַוילגיין, די מערסטע אין די טיפע עלטערע יאָרן. שאַיקע, איך האָב זיך אַרומגעקוקט, אויפגעכאַפּט דעם שיינעם זאַל... פול מיט אַלטוואַרג. זיי האָבן זיך ניט געזען, אָבער איך האָב זיי גוט באַטראַכט. האָבן זיי און זייער טאַנצן, אין מיינע אויגן אויסגעקוקט ווי אַ שדים־טאַנץ פון מתים..." דאָס איז איציק יאַשונסקי אין זיינע אַכציקער יאָרן, ביז 120 יאָר.

די עטלעכע יאָר פון דייטשישער אָקופּאַציע

מיר קערן זיך צוריק אין ווילקאָמיר.

די פּראָבלעם פון פּרנסה, דאָס וואָס מ'רופט בא אונז אין די אַמעריקעס „מאַכן אַ לעבן" איז פאַר דור־דורות געווען די גרעסטע זאָרג פאַר דער מער־הייט אידישע משפּחות, מיט קליינע אויסנאַמען. דער גירוש און די דייטשישע אָקופּאַציע האָט צערודערט דעם גאַנצן אין משך פון יאָרן־לאַנג איינגע־שטעלטן סדר פון לעבן. עס איז מיט דעם וואָרצל אַרויסגעריסן געוואָרן און צעשטערט געוואָרן דער עקאָנאָמישער מצב פון פּרנסה און חיונה. ס'איז אויסגעקומען אָנצוהויבן פון אלף־בית.

די וואונדן פון מלחמה און גירוש האָבן געטריפט און געווייטיקט אין אַ ריי משפּחות, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע נאָענטע, זייערע ברויט־געבער. נויט האָט געבראָכן די אַלטע איינגעפונדעוועטע קאָנווענציאָנעלע מאָ־ראַלישע דרכים און ווערטן. דער טיילווייזער וועלטלעכער שול־וועזן פון די קינדער, און די דערציאונג פון דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט האָט מער ניט פונקציאָנירט. זייער אָרט האָבן פאַרנומען חדרים און פּריוואַטע לערער. אינגלעך און יונגנטלעכע זיינען פאַר דער צייט אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם עול דורך אַלערליי אופנים צו העלפן „מאַכן אַ לעבן". אַלץ איז געבליבן איזאָלירט, ווי העננגען אין דער לופטן. אונזער אַפּגעשניטענע פאַמיליע, אָן אַ פאָטער, אָן דעם זיידן, הגם מיר האָבן יאָ באַוויזן צו פאַרדינען אויף חיונה, איז געווען, אַ היים אָן אַ ברעקל זונען־שיין, אַזוי־צו־זאָגן. די שכנים און באַקאַנטע אין שטאָט, האָבן אונז כאַראַקטעריזירט, ווי אידן פּלעגן זיך אויסדריקן אין יענע צייטן: „אַ הויז, אַ היים, מישטיינס געזאָגט; צוויי אַלמנות און צוויי יתומים". אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך אָנגעהויבן מיין רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעט, מיין נייע פאָרם פון אויסלעבן זיך, מיינע נייע דרכים, וואָס זיינען לאַנג קיין סוד ניט פאַרבליבן.

„צאַציליסטן" איז פֿאַר דער מאַמען (די מאַמע איז ניט געווען די איינ־ציקע) געווען אַ ווערטל, מיט וועלכן מ'האָט באַצייכנט חברה, וואָס זוכן זיך צרות, פּונקט ווי ס'פֿעלן אידן אוים צרות. אויסער דעם, ווי קומט עס צו מיר? ווי קום איך צו די חברה?

נאָך פֿאַר דער מלחמה פֿלעגט די מאַמע וואַרפֿן אַן אויג אויף די ניט־כשר'ע ביכלעך, וואָס איך פֿלעג לייענען. די מאַמע איז געווען באַזאָרגט. זי האָט געהאַלטן, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט מיר. די באָבע, הערנדיק דער מאַמע'ס טענות און מוסר'ן פֿלעגט שווייגן. דער מאַמעס טענות פֿון פֿאַר דער מלחמה זיינען אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע אַריבער אין ערנסטע זאָרגן. דער פֿאַל מיטן דייטשישן אָפֿיציר לעבן דער קראָם האָט דער מאַמען שטאַרק דערשראָקן. מיין פֿאַרפֿאַלן ווערן אויף שעה'ן לאַנג, קומען שפּעט אַהיים אין די אָוונטן האָט די מאַמען געהאַלטן אין אַ שטענדיקן קלעם. זי איז געווען זיכער, אַז ס'איז נאָר אַ פֿראַגע פֿון צייט און מ'וועט מיך אַרעס־טירן.

די טייערע באָבע, געדענקט זיך מיר אַ פֿאַל, ווען זי האָט אויסגעדריקט איר צוגאַנג צו דעם גאַנצן ענין, אַזוי־צו־זאָגן. דאָס איז געווען אין 1912, ווען די מאַנעווורעס פֿון דער צאַרישער אַרמיי זיינען פֿאָרגעקומען אין אונזער געגנט. די שטאָט איז געווען פֿאַרפֿלייצט מיט סאָלדאַטן, ווי אַ היישעריק. האָט די באָבע אָנגעוויזן אויף דעם באַפֿאַלענעם היישעריק און געזאָגט: — „שאַי־קעלע, קוק זיך גוט אַרום. ווער קאָן זיך פֿאַרמעסטן מיט אַזאַ ים פֿון סאָל־דאַטן, מיט אַזאַ כוח? די ,צאַציליסטן' דענקען, אַז זיי קאָנען זיך פֿאַרמעסטן מיט דעם צאַר'ס אַרמיי. נאָכמער, די ,צאַציליסטן' האַלטן, אַז אַלע זיינען גלייך. שאַיקעלע, ווער וועט זיין אַ קוימען־קערער, אַ וואַסער־טרעגער? ווער וועט ראַמען די אָטכאָזשעס (אָפּטריטן), אויב אַלע זיינען גלייך?"

די באָבע האָט אָבער דערלעבט צו זען דאָס פֿאַלן פֿון צאַריזם, די רעוואָ־לוציע און די סאָוועטישע מאַכט אין ליטע.

דער מאַמע'ס זאָרג איז שווער געווען צו לינדערן, נאָך טיילוויַיז באַ־רואיקן. אַרויסגעהאָלפֿן אַביסל צו באַרואיקן מיין מאַמען, האָט אונזער שכן עליע הזקן. די מאַמע האָט געוואוסט וועגן מיין גרויסן רעספּעקט פֿאַר עליע הזקן, האָט זי אים איינגעלאַדן צו אונז אין הויז, אויסגעגאָסן פֿאַר אים איר ביטער האַרץ, אויסגערעדט אַלע אירע ווייטיקן און זאָרגן, וואָס זי מאַכט דורך, — אַן אַלמנה אָן אַ מאַן, איר הילפֿלאָזיקייט, מיין ניט־וועלן זיך רע־כענען מיט איר לאַגע, די אומגליקן וואָס זיינען אונז באַפֿאַלן, איר שרעק פֿאַר אַ נייעם אומגליק. די מאַמע האָט געקאָנט מאָלן אַ בילד. זי האָט אין די קורצע עטלעכע יאָר דורכגעלעבט אַ היבש ביסל צרות.

עליע הזקן, מיט זיין פּאַטריאַרכאַלן ערנסטן פּנים און קלוגן אויסזען, איז געזעסן און אויסגעהערט די מאַמען. ווען זי איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט

עליע נאָך אַ ווײַלע געשוויגן, אַזוי ווי געזוכט די פּאַסיקע געדאַנקען, געפינען די פּאַסיקע ווערטער און דעם אופן ווי צו באַהאַנדלען דעם ענין. זײַנע אויגן האָבן געוואַנדערט פון מיר צו דער מאַמען. אין גרויס שפּאַנונג האָבן מיר בײדע געוואַרט צו הערן, וואָס עליע דענקט און וואָס ער האָט צו זאָגן. זײַנע רייד זײַנען פון זײַן מויל געקומען רויִק, געלאָסן אַזוי ווי מיט אַ געטלעכער שטימע:

„ראַדע־מערל, די אומגליקן וואָס זײַנען באַפאַלן אַבע דעם קאַטלער'ס הויזגעזינד זײַנען שאַרפע, גרויסע, ווייטיקדיקע און פּײַנלעכע. אפשר אַ גרעסערער חלק פון דעם אַלגעמיינעם חורבן, וועלכן אונזערע אידן מאַכן דורך. מיר אַלע לעבן אין זייער אומרויִקע צײַטן. מלחמה, גירוש האָט צוגענומען פון פרויען זייערע מענער, פון קינדער זייערע טאַטעס, פון זיידעס זייערע זין און אייניקלעך. איר זייט גערעכט, ראַדע־מערל, די מלחמה האָט פאַר דער צײַט געמאַכט פון פרויען אלמנות און פון קינדער יתומים. די מלחמה, ראַדע־מערל, האָט צוגענומען מײַן איינציקן אייניקל, ווער ווייסט, צי ער לעבט, צי מײַנע אויגן וועלן דערלעבן אים צו זען? די באַפאַלענע אומגליקן פילן־אָן די פּעק פון צרות און לײַדן, וואָס אונזערע אידן טראָגן אויף זייערע פּלייצעס שוין לאַנגע, לאַנגע דורות. צי עס וועט ווען ניט איז קומען אַ סוף צו די שווערע פּעק צרות ווייסן ניט די גרעסטע חכמים, אָבער בטחון טאָר מען ניט פאַרלירן. ראַדע־מערל, דער אויבערשטער האָט אײַך געבענטשט מיט צוויי גוטע קינדער. זיי האָבן דאָס באַוויזן, קומענדיק אַהיים נאָכן גירוש, מיט באַזאָרגן די משפּחה מיט פּרנסה. שאַיקעלע איז אַ גוטער אינגל. איך בין זיכער, אַז ער איז ניט אויסן, ראַדע־מערל, אײַך צו פאַרשאַפן צרות. זײַנע דרכים זײַנען אפשר שווער צו באַגרײַפן, די וועגן פון רבונו־של־עולם זײַנען פאַרשיידענע. ווער איז בכוח צו משפּט'ן וועלכער וועג איז דער איינציק־ריכטיקער, וועלכער איז דער פאַלשער?! ראַדע־מערל, האָט בטחון, שאַיקעלע וועט זען אַלץ צו טאָן אויסצומײַדן צו פאַרשאַפן דער מאַמען און דער באָבען אומנויטיקע זאָרג און ווייטיק!"

איך האָב באַגלייט עליע הזקן אין זײַן הויז. זײַן האַנט אויף מײַן פּלייצע, האָט דער גרויסער למדן אליהו הזקן, מיט דער ליבלעכקייט פון אַ זיידן מיך געוואָרנט ניט צו פאַרגעסן, האַלטן אינזינען צו טאָן אַלץ אויסצומײַדן און ניט שווערער מאַכן דעם אַזוי־אויך שווערן לעבן פון דער מאַמען און דער באָבען. „געדענק, שאַיקעלע, האָב אַלעמאָל אינזינען, אַז זיי זײַנען צוויי אלמנות, געשטראָפטע", האָט ער מיר געזאָגט.

מיט אַ וואונטש, אַז זײַן אייניקל מאיר'קע וועט קומען צוריק אַ געזונטער און אַ לעבעדיקער, האָב איך אים געזאָגט אַ גוטע נאַכט און באַדאַנקט פאַר באַרויִקן מײַן מאַמען. אַ צופרידענער בין איך צוריק אַרײַן אין הויז. די מאַמע האָט מיר אויסגעקוקט צו זײַן, אויב ניט פּולקאָם איבערצייגט,

אָבער דאָך באַרואיקט. אליהו הזקן אִין אין מיינע אויגן דערהויבן געוואָרן צום סטאַטוס פון אַ מין למדן־וואָוניק.

עליע הזקן — אַ למדן און חכם

עליע הזקן איז שוין דאָן געווען אין זיינע זיבעציקער יאָרן. אויפן ברעג פון ראָג באָד־גאַס און ווילנער גאַס האָט עליע הזקנ׳ס משפחה געהאַט אַ מעל־קראָם. די קראָם האָט אָנגעפירט זיין איינציקער זון, אַ איד אין די פערציקער יאָרן, מיט דער הילף פון זיין פרוי און זייער זון מאיר׳קע — אַ בחור אַ גיבור. עליע האָט זיך ניט געמישט אין די קרעמערשע ענינים. ימים ולילה האָט ער מיט אַ קורצן איבעררייס, מיטאָג־צייט, פאַרבראַכט אין דער בעל־העגלה׳שער קלויז. אין קלויז בײַ אַ גרויסן טיש האָבן זיך אַלעמאָל גע־פונען עלטערע און אינגערע אידן, וואָס האָבן געהערט, ווי עליע הזקן לערנט תורה, און נאָכגעזאָגט זיינע אויסטייטשונגען, זיין למדנות און חכמה.

עטלעכע ישיבה־בחורים האָבן געלערנט לויט עליעס אָנווייזונגען. צו אים איז מען אָפט געקומען מיט אַלערליי קשיות וועגן כשרות, וועגן משפחה־ענינים, געשעפטן־פּראָבלעמען און אַלערליי צרות. צו אים איז מען געקומען נאָך אַן עצה, נאָך אַ פּסק־דין פאַר שותפים און אַנדערע ענינים. די צוויי רבנים פון שטאָט האָבן ניט פאַרמאָגט אַזאַ צוטרוי אין אַלע דרכים פון יושר, אמת און גערעכטיקייט ווי עליע הזקן. עליע האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות, וואָס ער האָט אָפיציעל ניט אויסגענוצט. אין שטאָט האָבן אידן גע־זאָגט, אַז אויף עליע הזקן רוט גאָט׳ס שכינה.

ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, ברייטפּלייציק געבויט. זיין לאַנגע באָרד, די געדיכטע ווייסע זיידענע האָר און זיין גאַנצער הדרת־פּנים האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ נביא. אַזוי האָבן נביאים אַמאָל אויסגעקוקט. זיין גייסטיק לעבן, זיין רוחניות האָט אים דערהויבן איבער דער מענטשלע־כער גשמיות׳דיקייט. אויף אים איז געווען אויסגעגאָסן אַ מין געטלעכע רואיקייט און גלאַסנקייט. זיין פּנים האָט קיינמאָל ניט אויסגעדריקט קיין כעס, אָדער אפילו איינגעהאַלטענע אויפרודערונג, ווי ער וואָלט באַהערשט אַלע פאָרמען פון יצר־הרע׳דיקייט. אַלע אָן אויסנאַם האָבן אים רעספּעקטירט, געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ.

איך געדענק, אַ קליינינקייט. ווען איך בין געוואָרן אַ „שייגעץ", אָנגע־הויבן רויכערן שבת, פלעג איך מיט דער גרעסטער זאָרג זיך באַמיען אויס־מיידן די קלענסטע מעגלעכקייט פון געפאַר, אַז אליהו הזקן זאָל עס זען. איך האָב מיין באַציאונג אָפּגעהיט, ווי אַ פרומער איד היט אַ הייליקייט. איך בין אָבער געווען זיכער, אין דער זעלבער צייט, אַז אליהו וואָלט פון זיין זייט זיך געמאַכט ניט־זעענדיק.

רב הערשל צבי זעלדאָוו

צווישן די אָנגענומענע בכבוד'יקע באַוואָרנטע אידן אין ווילקאָמיר איז אויך געווען ר' הערשל צבי זעלדאָוו. הערשל זעלדאָוו האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות, אָבער ער האָט אויסגעקליבן געשעפט, אָדער פּראָפעסיע צו ציען פּרנסה פאַר זיין משפּחה אנשטאָט לעבן פון קהל'שע געלט. פאַר דער מלחמה — אָן אָגולגע אין הייוון; נאָך דער מלחמה, אונטער דער ליטווישער מאַכט — אַ קאַסירער אין דער אידישער באַנק. אַ געבראָטענער ליטוואַק, אַ מתנגד, האָט רב זעלדאָוו זיך פאַרנומען מיט מידות פון אַ חסיד. יעדן פרימאָרגן האָט רב הערשל באַגעגנט מיט אַ בלאַט גמרא, באַגלייט מיט אַ חסיד'ישן טענצל לוסטיק און לעבעדיק.

קליין אין געוואוקס, מאָגערלעך, האָט זיך רב הערשל זעלדאָוו לייכט באַוועגט, אַזוי ווי אויף ספּרוזשינקעס. זיין ברייטער הויכער שטערן האָט פאַרנומען דאָס רוב פון זיין אײדעלן פּנים; דורכדרינגנדיקע גרויסלעכע אויגן, אַ רבנ'ישע נאָז, באַקן-קנייטשן אַראָפּ צו דער שפּיציקער גאָמבע, און די גוט צעוואַקסענע באָרד-און-פּאות האָבן אויסגעגליכן זיין גאַנצן פּנים. מיט זיינע געקרייזלטע האָר, באָרד-און-פּאות און לענגלעכע קאַפּאָטע האָט זעלדאָוו אויסגעקוקט ווי אַ רב אָדער אַ חסיד'ישער רבי.

אויף די מערסטע פאַמיליע יום-טובים און שמחות, אויף ברית מילה, בר-מצווה און חתונות איז רב הערשל זעלדאָוו פאַרבעטן געוואָרן, און ער האָט זיי שטענדיק באַשיינט מיט זיין אָנוועזנהייט. אַ טייל אידן האָבן אָנגע-טרויט זייערע אָפּגעשפּאַרטע עטלעכע רובלס רב הערשל'ען. געווען אפילו אַ ווערטל: „האַלטן געלט באַ זעלדאָוו'ן איז זיכערער ווי אין קאַזנאַטשעיסטוועֿ". הגם אַ טיף-רעליגיעזער איז רב הערשל געווען אַ איד מיט אַ וועלטלעכן באַ-גריף. ער איז געווען טאָלעראַנט און אַרויסגעוויזן פאַרשטענדיקונג לגבי אַנ-דערשדיקע געדאַנקען, געזען די פּראָבלעמען און ענדערונגען, וואָס קומען פאַר אין אַלגמיינעם אַרומיקן לעבן.

הערשל זעלדאָוו'ס סמיכה אויף רבנות און זיין למדנ'ישקייט האָט ניט געשטערט, אַז זיינע קינדער זאָלן באַקומען אַ וועלטלעכע בילדונג. זיין על-טערער זון, משה, האָט נאָכן פאַרענדיקן חדר און סלאָבאָדקער ישיבה אַרויס-געוויזן אַ גרויסן אינטערעס אין ליטעראַטור און קינדער-דערציאונג. האָט הערשל זעלדאָוו אָנגעשטרענגט זיינע מאָגערע פאַרדינסטן צו דערמעגלעכן משה'ן צו לערנען אין גימנאַזיע, און שפּעטער אין סאָרבאָנער אוניווערסיטעט אין פּאַריז. אויך איינע פון זיינע פיר טעכטער האָט אויסגעשטודירט אַלס אַ פאַרמאַצעפּטין.

אין מיינע קינדערשע יאָרן איז מיר אויסגעקומען ניט איינמאָל צו זען רב הערשל זעלדאָוו אין זיין חסיד'ישער לוסטיקייט אַ זינג-טאָן און אַ טאַנץ-טאָן. פאַרבליבן איינגעקריצט אין זכרון איז אַ חתונה, וואו ער איז געווען

איינער פון די בעלי־שמחה. ער האָט געגלאַנצט פאַר פרייד און אַלעמען באַ־שיינט. די חתונה־שמחה איז פאָרגעקומען אין אַ באַלעבאַטישער הויז אויפן ווינקל פון ווילנער גאַס. קלעזמער האָבן געשפּילט, דער היבשער עולם האָט זיך משמח געווען, געמאַכט אַ לחיים, ס'איז געווען לעבעדיק און פריילעך. מיט מיר האָט פּאַסירט עפּעס טשיקאַווע אויף דער שמחה, און אַלץ צוליב דעם צעהוליעטן ר' הערשל זעלדאָוו. דער גרויסער בראָנפן־גראַפין איז גע־וואָרן ליידיק. האָט עמיצער מיר אַ זאָג געטאָן איך זאָל אָנפילן דעם גראַפין אין צווייטן צימער. אַריינקומענדיק צוריק מיט אַ פולן גראַפין, איז עס מיר אַרויסגעפאַלן פון די יונגע הענטלעך, ווען איך האָב דערזען, אַז דער טיש וואו איך האָב געדאַרפט אַוועקשטעלן דעם בראָנפן איז גאָר געווען פאַרנומען מיט דעם טאַנצנדיקן רב הערשלען באַגלייט פון די קלעזמער.

איי, האָט רב הערשל געטאַנצט! פאַנאַנדער־געשפּיליעט די קאַפּאָטע, האָט ער זיך צעלאָזט אין אַ מין חסיד'ישער קאָזאַצקע. דער גאַנצער עולם האָט זיך געדרייט אַרום טיש אין אַ „קאַראַהאָד" צופּאַטשנדיק מיט די הענט. אויסער בעת אַזוינע געלעגנהייטן איז אָבער רב הערשל צבי זעלדאָוו געווען אַ טיף ערנסטער איד, פונקט ווי ער וואָלט אויף זיינע קליינע שמאָלע פּליי־צעס געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע אידישע זאָרגן, צרות און ליידן.

אין 1919 האָבן ליטווישע פאַשיסטן דערשאָסן זיין אינגסטן זון אין סאַמע בלי פון זיין יונגן לעבן. געשען איז עס צופעליק בשעת אַ מיטינג וועגן דער אידישער וועלטלעכער שול. די פאַשיסטן אַרום האָבן דערהערט דאָס וואָרט „רוסיש", אַ בולט'ער סימן פון „קאָמוניזם"... עס האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי און דער יונגער יאַשקע זעלדאָוו איז געפאַלן אַ קרבן. דער מאָרד־טאַט פון די ליטווישע פאַשיסטן האָט איבערגעלאָזט אַ טיפע וואונד אינעם צעוויייטיקטן האַרץ פון ר' הערשל'ען. עס האָט שווער געטראָפן זיין עלטערן ברודער משה און דער גאַנצער זעלדאָוו־משפּחה. דאָס אידישע ווילקאָמיר איז אויפגעשוידערט געוואָרן.

אויפן שוועל פון דער פעברואַר רעוואָלוציע

די גרויסע נצחונות פון דער דייטשישער אַרמיי אויפן רוסישן פראָנט האָבן צו קיין שנעלן סוף פון דער מלחמה ניט געבראַכט. די אָקופּאַציע פון אַ גרויסן שטח רוסישע געביטן האָט געהאַלטן געפּענטעט אַ היבשע צאָל דייטשישע אַרמיי־טיילן, וואָס זיינען נויטיק געווען אויף דעם מערב־פראָנט קעגן די אַליאירטע אַרמיי־כוחות. די פאַרלענגערטע מלחמה האָט מיט אַ שנעלן טעמפּאָ אויסגעברענט די דייטשישע היימישע רעסורסן. די מיליאָנען זעלנער, מאָביליזירטע אַרבעטס־הענט האָבן שטאַרק אויסגעפעלט אין דער היימישער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע און אַגריקולטור. די אַרבעטס־הענט פון די מיליאָנען רוסישע געפאַנגענע האָבן ניט באַוויזן אַרויסצוהעלפן גענוג

אין דער פאַרשאַרפטער עקאָנאָמישער לאַגע אין דייטשלאַנד. צו מילדערן די לאַגע האָט די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט אויסגענוצט אויף וויפל נאָר מעגלעך, אַלע רעסורסן פון די אָקופּירטע געביטן, ספּעציעל אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן. די נויטן סיי פון די דייטשישע אָקופּירטע אַרמיי־טיילן, סיי פון דער היימישער באַפעלקערונג האָבן איינגעשטעלט אַ האַנדל, אַ טיילווייזן אויסטויש פון פּראָדוקטן צווישן דייטשלאַנד און די אָקופּירטע געביטן אין ליטע.

אין אונזער שטאָט ווילקאָמיר, האָט אָט־דער מלחמה־מצב, מיט דער צייט געשאַפן אַ טיילווייזן „נאָרמאַלן" צושטאַנד פון עקאָנאָמישן לעבן אין מלחמה־באַדינגונגען. די היימישע קליין־אינדוסטריע איז אַביסל געקומען צו זיך אין די גרעסערע שטעט, ווי ווילנע, קאָוונע שאַוול און אַנדערע. די באַן־פאַרבינדונג מיט קאָוונע האָט טיילווייז אַרויסגעהאָלפן אין דער פּרנסה פון דער אידישער ווילקאָמיר, און דערמעגלעכט צו „מאַכן אַ לעבן". די שווערע לאַסט פון מלחמה, די ניט־פאַרהיילטע וואונדן פון מלחמה און גירוש זיינען אָבער ניט פאַרשוואונדן. דאָס פאָלק האָט געלעכצט נאָך אַ שנעלן סוף צו דער בלוטיקער מלחמה. די ריזיקע מלחמה־פאַרלוסטן פון דער צאַרישער אַרמיי האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די ווייטיקן — די שווערע זאָרג וועגן אַ זון, אַ מאַן, אַן איינציקל אין דער רוסישער אַרמיי... צי לעבט ער נאָך? צי איז ער טויט? די איינציקע טרייסט איז געווען, די מיליאָנען רוסישע געפאַנגענע דורך דייטשלאַנד; די האָפענונג, אַז דאָס אייגן בלוט־און־פלייש זיינען צווישן די געפאַנגענע.

אָבער אויך אָט־די האָפענונג איז פאַרפינצטערט געוואָרן צוזעענדיק, ווי אַזוי די דייטשן באַציען זיך צו די רוסישע געפאַנגענע בא אונז אין שטאָט, ווי אַזוי מ'באַהאַנדלט זיי: אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, נוצט מען זיי ווי פערד צו שלעפּן די וואַסער־באָדקעס און וועגע־נער. גרויליק־פאַראומערטע, מיט געשוואָלענע בייכער פון הונגער, ווי הונ־געריקע קעץ און הינט כאַפּן זיי אויף ברעקלעך, פענענצלעך ברויט, שטיקלעך צעפוילטע עפּל, שטיקלעך פון אָוועקגעוואָרפענע פאַפּיראָסן. ווען מ'האָט דאָס צוגעזען האָט מען זיך מיט האַרץ־ווייטיק געוואונדערט, צי געפאַנגענשאַפט באַם דייטש, איז לייכטער אָדער בעסער פון טויט!?

מיט אָנגעשפּיצטע אויערן האָט מען נאָכגעפאָלגט יעדע ברעקל נייעס וועגן גאַנג פון דער מלחמה, יעדן קלאַנג פון פראָנט, און ידיעות וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד. פון רוסלאַנד זיינען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז גענעראַל ברוסילאָוו האָט אין אַן אַטאַקע צעטראַסקעט דעם עסטרייך־אונגאַרישן פראָנט, פאַרנומען איבער אַ מיליאָן געפאַנגענע אין דער צווייטער העלפט פון 1916. שפּעטער זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן אַ גרויסער כוואַליע פון אומרוען, וואַקסנדיקע רעוואָלט־שטימונגען קעגן דער פאַרפוילטער צאַרישער קאָמאַנדע, וועגן דעם וואַקסנדיקן דוחק אין וואָפן, אַז די רוסישע סאָלדאַטן קומט אויס

זיך צו שלאָגן מיט פּשוט'ע דובינעס קעגן די מאָדערנסטע דייטשישע מלחמה־מכשירים. עס האָבן דערגרייכט ידיעות, אַז גרויסע רוסישע אַרמיי־טיילן דע־זערטירן אויף אַ מאַסן־פאַרנעם צו די דייטשן, און אַז דער ענטפער אויף דעם איז — שיסן און שמייסן די סאָלדאַטן. עס פליען ידיעות, אַז גאַנצע אָפּטיי־לונגען זאָגן זיך אָפּ צו קעמפן, פאַרלאָזן די פּאָזיציעס, שיסן זייערע אָפיצירן. צו די אַלע ידיעות קומט־צו די נייעס, אַז אַ פאַקטישער הונגער פאַרשפּרייט זיך איבער גאַנץ רוסלאַנד. אין די דערפער הערשט פאַרצווייפלונג... די מערהייט פיזיש־געזונטע שטאַרקע פּויערים־הענט זיינען צוגענומען געוואָרן אין דער אַרמיי; די פאַרבליבענע שוואַכע אַרבעטס־הענט אין די דערפער זיינען ניט בכוח צוצושטעלן דעם נויטיקן שפּייז־מינימום צו באַזאָרגן די באַ־פעלקערונג אין די שטעט. סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס וואַקסן און פאַר־שפּרייטן זיך איבערן לאַנד. עס שטייגן די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. אין דער לופטן פילט מען דעם אָנקומענדיקן שטורעם פון רעוואָלוציע.

רעוואָלוציאָנערער קלוב שאַצט־אָפּ אַנטוויקלונגען

פּעריאָדיש האָט אונזער רעוואָלוציאָנערער קלוב אין ווילקאָמיר באַ־האַנדלט און אָפּגעשאַצט די אַלערליי נייעסן, די גענויער אָנגעגע אינפאָרמאַציע, אַנטוויקלונגען אויף די פראָנטן און די געשעפענע לאַגע אין רוסלאַנד. דער תמצית פון די אָפּשאַצונגען פון די אָנפירנדיקע חברים איז געווען:

— עס וואַקסט די מידקייט און אומצופרידנקייט פון פאָלק. דאָס קומט צום אויסדרוק דורך אומרוען און מאַסן־אויפברויז קעגן דער בלוטיקער אימ־פּעריאַליסטישער מלחמה. דאָס איז אַ טייל פון דעם באַנייטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די האָרעפּאַשנע מאַסן אין רוסלאַנד, נאָך אַ קורצן איבעררייס אינעם נאָך־רעוואָלוציע־פּעריאָד פון 1905, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַכט טויזנט באַטייליקטע אַרבעטער אין די סטרייקס פון 1911, און דער־גרייכט ביז פינף הונדערט טויזנט אין יאָר 1912-1913, און איבער אַ מיליאָן סטרייקנדיקע אויפן שוועל פון דער מלחמה אין 1914.

די חשבונות פון דער צאַרישער ביוראָקראַטיע, צו פאַרקערעווען דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון די אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מאַסן און זייערע קאַמפן אויף שאָוויניסטישע, נאַציאָנאַליסטישע פּאַטריאָטיש־פאַלשע רעלסן זיינען דורכגעפאַלן. די ברייטע מאַסן ניכטערן זיך אויס און זעען אַקוראַט די צילן און אַבזיכטן פון דעם צעפוילטן רעזשים.

— די גרויסע נידערלאַגעס און ריזיקע פאַרלוסטן אויף די פראָנטן, די מאַטערנישן און ליידן פון די אַרבעטער און פּויערים ביז פולשטענדיקן הונ־גער, פאַראורזאַכט דורך דער מלחמה, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ אויפברויז און אומרו צווישן פאָלק, ווי אויך אין די אַרמיי־רייען — שאַפט באַלדיקע פּערספּעקטיוון פון עכטן מאַסן־רעוואָלט. עס שאַפן זיך די מעגלעכקייטן צו

רעאַליזירן דעם היסטאָרישן אָנהויב געמאַכט בעת דער רעוואָלוציע אין 1905 אין אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע פאַר אַ בעסער לעבן, פאַר אַ גערעכטער געזעל־שאַפט אָן מלחמות — פאַר סאָציאַליזם!

די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז געקרעפטיקט געוואָרן דורך די פרישע, כסדר־דיקע נייעסן וועגן דער קאָרופּציע און אומפעאיקייט פון דער צאַרישער מילי־טערישער קאָמאַנדע: עס פעלט דער סאַמע נויטיקסטער מינימום פון ביקסן; גאַנצע באַטאַליאָנען זיינען געצוואונגען צו קעמפן קעגן די אוואַנ־סירנדיקע דייטשישע אַרמייען מיט פּשוט׳ע דובינעס; די דעזאָרגאַניזאַציע פון דער רוסישער אַרמיי, די ברוטאַליטעט פון די קאָמאַנדע־אָפיצירן, כדי אָנצוהאַלטן דיסציפּלין מיט מעטאָדן פון שמייסן און אויסשיסן גאַנצע באַ־טאַליאָנען; דער ענטפער פון די סאָלדאַטן — שיסן זייערע אייגענע אָפיצירן; די ידיעות, אַז טויזנטער דעזערטירן יעדן טאָג פון די פראָנטן, אַז אין 1916 האָבן איבערן לאַנד אַרומגעבלאָנקעט אַן ערך צוויי מיליאָן סאָלדאַטן, דעזער־טירן, — דאָס אַלץ האָט באַשטעטיקט אונזערע אָפּשאַצונגען. עס האָט גע־געבן פליייש און בלוט די טעאָרעטישע איינשטעלונגען וועגן די מעגלעכע פּערספּעקטיוון פון אַ ניט־וייטן סוף צו דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און אַ סוף צו דעם בלוטיקן צאַריזם. נייע האָריזאָנטן היסטאָרישע האָבן געוועקט און גערופן.

די אונטערערדישע קאַנאַלן האָבן געבראַכט פולע אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן, וועגן די שנעל־לויפנדיקע אַנטוויקלונגען און שטימונגען אין רוסלאַנד. די אינפאָרמאַציע, ריכטיק צעקייט און אָפּגעשאַצט, איז נעפלאָסן אַזוי ווי דורך רערן פון די פירנדיקע חברים צו דער ענגער קלוב גרופּע, פון דער גרופּע צו די נאָענטע סימפּאַטיקער און פון די סימפּאַטי־קער צו די ברייטע שיכטן פון שטאָט. די טאָג־טעגלעכע אינפאָרמאַציע און אונזער אָפּשאַצונג פון די ידיעות האָבן אַ סך געהאָלפן אויסצובוייטערן דעם איינפלוס פון קלוב, דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, דעם באַגריף וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן אָנקום פון דעם שטורעם — די רעוואָלוציע.

עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קריזיס פאַרטיפט

עס האָט זיך שטאַרק דעמאָנסטרירט דער פאַקט, אַז די צוריקגעשטאַ־נענע צאַרישע רוסלאַנד, מיט אַ שוואַך־אַנטוויקלטער שווערער און אפילו לייכטער אינדוסטריע איז וויט ניט קיין פאַרמעסט מיט דער דאַן הויך־אַנט־וויקלטער מאָדערנער דייטשישער אינדוסטריע. צאַריזם האָט גאָרניט געלערנט פון די דערפאַרונגען אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה פון 1904-5. דער צעפוילטער און קאָרופּטירטער צאַריזם האָט זיך פאַרלאָזט אויף דער ריזיקער מענטשן־מאַסע, וואָס ער קאָן צושטעלן... פאַר קאַנאָנען־פליייש, לייגנדיק גע־וויכט אויף די 15 מיליאָן מאָביליזירטע... „שאַפּקאַמי זאַקידאַיעם", — מיט די היטלען וועלן מיר דעם שונא פאַרוואַרפן, איז געווען זייער לאָזונג קעגן

די מאָדערנע מלחמה־מכשירים פון דייטשלאַנד. די צאַרישע קליקע האָט גע'חשבונ'ט און געמאַכט פּלענער פאַר אַ קורצער מלחמה און שנעלן זיג. זיי האָבן אָבער געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס. אַלע זייערע פּלענער זיינען צערונען געוואָרן. זיי האָבן געפּלאַצט ווי אַ זייפן־בלאָז אויפן מזרח־פראָנט. די דייטשע מאָדערנע מלחמה־מאַשין, די דייטשע מיליטערישע סטראַטעגיע האָט דערטרונקען אין אַ בלוט־באָד דעם איבערגעוויכט פון רוסישע סאָלדאַטן. אין אַ קורצער צייט האָבן די דייטשן צעשמעטערט אַלע פּאָזיציעס אויף דעם מזרח־פראָנט, דורכגעשניטן ווי אַ מעסער אין פּוטער די מיליאָניקע מענטשן־מאַסע. אין די ערשטע צען חדשים אַליין, האָט די צאַרישע אַרמיי פאַרלוירן דריי מיליאָן אַכט הונדערט טויזנט סאָלדאַטן. די מאָביליזאַציע פון 15 מיליאָן האָט באַרויבט די פאַבריקן פון געשולטע אַרבעטער, די דערפער פון די גרעסטע טייל פון די פּויערים. די אַזוי אויך שוואַכע פּראָדוקציע אין שווער־אינדוסטריע האָט שטאַרק געליטן, אַזוי אויך די פּראָדוקציע פון שפּייז אויף די דערפער, וואָס האָט געדאַרפט האָדעווען די אַרמיי און די שטאָטישע באַפעלקערונג.

עס איז צעשאָסן געוואָרן די גאַנצע צאַרישע עקאָנאָמיע. עס איז דערגאַנגען צו אַ צושטאַנד, אַז בעקערייען אין די שטעט האָבן ניט געקאָנט באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט אַ פּשוט שטיקל ברויט. די דייטשע מיליטערישע מאַשין האָט פאַרנומען פּוילן, די באַלטישע לענדער און אוקראַינע — דעם פּרוכטבאַרסטן און גרעסטן טייל פון דעם „ברויט קאָרב" פון לאַנד. גענעראַל ברוסילאָוו'ס צייטווייליקע זיגן אויף דעם עסטרייך־אונגאַרישן פראָנט, זיין פאַרנעמען איבער אַ מיליאָן געפאַנגענע, האָט ניט געשטילט דעם פּשוט'ן הונגער, וואָס האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן איבערן לאַנד. איבער צוויי מיליאָן וואַנדערנדיקע דעזערטירן פון די פראָנטן, האָבן אָפּגעשפּיגלט די אמת'ע לאַגע אויף די פראָנטן, און די שטימונג פון דער אַרמיי. די באַרבאַרישע באַציאונג פון די אָפיצירן האָט דערפירט צו דעם, אַז די סאָלדאַטן האָבן גענומען פיזישע נקמה פון אָפיצירן און פאַרלאָזט דעם פראָנט. הונגער־צושטאַנד האָט אַרויסגעבראַכט די אַרבעטער אין גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. טאָג־טעגלעכע דעמאָנסטראַציעס פון ליידנדיקע אַרבעטער זיינען געוואַקסן. צאַרישע נאַגאַיקעס האָבן די דעמאָנסטראַציעס ניט באַוויזן אָפּצושטעלן. אַלץ מער־און־מער שטאָטישע אַרבעטער האָבן אין סאָלידאַריטעט אָנגעשוואָלן די רייען פון די דעמאָנסטראַנטן. צאַרישע מיליטער־אָפּטיילן האָבן זיך אָנגעהויבן סאָלידאַריזירן מיט די דעמאָנסטראַנטן. די פאַרביטערטקייט פון די פאָלקס־מאַסן האָט אָנגעהויבן צו ברויזן, ווי דאָס אינגעווייד פון אַ רוישיקן וואולקאַן.

דער פאַרבליבענער זכרון אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין פון די אַרבעטער און ברייטע האַרעפּאַשנע מאַסן וועגן דעם צאַרישן בלוטיקן דעספּאָטיזם בעת דער רעוואָלוציע פון 1905, האָט אויפגעוואַכט, האָט זיך צוזאַמענגע־

גאַסן מיט דעם צאַרן פון היינט און פול געמאַכט דעם בעכער פון רעוואַלט. דער וואולקאַן האָט דערגרייכט דעם מאָמענט פון אויסברוך, פון אויפרייס און אָנגעהויבן שפּייען מיט אַ רעוואָלוציאָנערער לאַווע. די קאָכעדיקע לאַווע האָט באַגראָבן דעם צאַריזם. ס'איז אויסגעבראָכן די מערץ־פעברואַר רעוואָ־לוציע, — די רעוואָלוציע, וואָס האָט אַ טרייסל־געטאָן די וועלט; די רעוואָ־לוציע, וואָס האָט אַריינגעפירט אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. עס איז אַ מעכטיקער שטוים־פאָראויס אינעם מאַרשרוט און לאַנג־יאָריקן קאַמף פון די אַרבעטער און פּויערים, פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן קעגן צאַריזם. עס איז געקומען אַ נייע שטופּע אין דעם קאַמף, נייע פּערספּעקטיוון פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט.

אָפּקלאַנג פון דער רעוואָלוציע אין דער אָקופּירטער ליטע

איבערפלעכלעך האָט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד ניט געענדערט דעם טאָג־טעגלעכן גאַנג פון לעבן און די אַלגעמיינע באַדינגונגען אין די אָקו־פּירטע דורך די דייטשן געביטן. עס האָט זיך יאָ געמערקט אַ פאַרשטאַרקטע וואַכזאַמקייט מצד דער דייטשישער מיליטערישער מאַכט. מ'האָט פאַרגרע־סערט די זעלנער־וואַך אין געוויסע טיילן פון שטאָט. אָבער די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט איז ניט געווען בכוח צו פאַרטושן דעם אָפּקלאַנג פון דער רעוואָלוציע אין צאַרישן רוסלאַנד אין די אויערן און מוחות פון די האָרע־פּאַשנע מאַסן. זי האָט ניט באַוויזן צו דערשטיקן די שטימונגען און האָפע־נונגען, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן בײַ דער אָקופּירטער באַפעל־קערונג. פאַר די ברייטע מאַסן אין ליטע האָט די פעברואַר־רעוואָלוציע גע־בראַכט גרויס פרייד. זייער לאַנג־יאָריקער חלום פּטור צו ווערן פון דעספּאָ־טישן צאַריזם, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. עס האָבן זיך דערוועקט נייע האָפענונגען פאַר שלום־פאַרהאַנדלונגען, וואָס וועלן מאַכן אַ סוף צו דער גרויזאַמער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. ש ל ו ם ! — איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן. שטילערהייט, אין איינגעהאַלטענע טענער האָבן, צום ערשטן מאָל, אַפילו איינצלנע פון מיינע באַקאַנטע דייטשישע סאָלדאַטן אויסגעדריקט די האָפענונגען פאַר אַ שנעלן סוף צו דער מלחמה, בענקנדיק צו פאַראייניקן זיך מיט זייערע פאַמיליעס אין דייטשלאַנד.

פאַר אונזער קליינער אָבער איינפלוסרייכער רעוואָלוציאָנערער באַווע־גונג איז די רעוואָלוציע אויסער דער גרויסער פרייד, אויסער באַגרייפן איר היסטאָרישע אָפּקלאַנג אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב — אויפגענומען געוואָרן ווי אַ רוף צו זיין גרייט, און פאַרנעמען זיך אויפן וועג צוצוגרייטן דורך פאַרשטאַרקטער טעטיקייט די באַזע פאַר אַ סאָוועטישער סאָציאַליסטישער ליטע. מיר האָבן תיכּף גענומען שמידן רעוואָלוציאָנערע סאָלידאַריטעט

מיט די רוסישע אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס אין דעם קאַמף פאַר שלום און צו בויען די נייע געזעלשאַפט — אַ געזעלשאַפט וואו די אַרבעטער און פויערים וועלן רעגירן, — די געזעלשאַפט פון סאָציאַליזם!

די פעברואַר־רעוואָלוציע האָט פאַרצייכנט דעם ברייטסטן און גרעסטן מאַסן־רעוואָלט אין דער געשיכטע פון קאַמף קעגן דעם אַליין־הערשנדיקן, בלוטיקן צאַריזם אין רוסלאַנד. די לאַנג־יאָריקע אָנגעזאַמלטע לײדן, שקלאַפעריי און עקספּלואַטאַציע, דער ביטערער האַס און צאָרן פון די מאַסן האָט עקספּלאָדירט, און ווי פון אַ וואולקאַן אָנגעהויבן שפּייען מיט אַ קאָכעדיקער לאַווע. דער וואולקאַן האָט געשטורעמט דעם ציטאַדעל פון צאַריזם. די פייערשפּייענדיקע לאַווע האָט מיט מאַסיוון געוויכט געשטראָמט, פאַרפלייצט און באַגראָבן דעם צאַריזם אויף אייביק.

די פּראָוויזאָרישע קערענסקי־רעגירונג האָט אונטערשאַצט דעם פאַרנעם, די צעצווייגטקייט און קאָנסעקווענצן פון דעם היסטאָרישן מאַסן־רעוואָלט, פון דער רעוואָלוציע. די דעקלאַראַציע פון דער קערענסקי־רעגירונג מ׳זאָל בלייבן געטריי צו די אַפּמאַכן מיט די אַליאירטע אימפּעריאַליסטישע מלוכות און אָנפירן די מלחמה ביז אַ „זיגרייכן" סוף, און אַז וואָלן פאַר אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זאָלן ערשט פאָרקומען אין סעפּטעמבער, איז געווען אין קעגנזאַץ צו די שטימונגען, באַגערן און דערוואַרטונגען פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און פויערים, פון די אויפגעברויזטע סאָלדאַטן, און פון דער ריזיקער מאַסע האַרעפּאַשניקעס איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד. די דאָזיקע ברייטע מאַסן האָבן בחוש דערפילט, אַז די שטעלונג פון דער קערענסקי־רעגירונג צו פאַרזעצן מיט דער בלוט־באָד, איר גאַנצער צוגאַנג צו דער ברענענדיקער פראַגע פון מלחמה און שלום, ווי בכלל איר גאַנצע פּאָליטישע אָריענטאַציע, איז קעגן די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע. עס איז אַ שטעלונג אין די אינטערעסן פון דער רוסישער אַריסטאָקראַטיע, פון די פּעאָדאַלע פריצים, פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קאַדעטן, פון דער גרויסער קאַסטע פון קאָרופּטירטן, אומפעאיקן און פאַרהאַסטן אָפיצירנטום, און פון דער „ליבעראַלער" רוסישער בורזשואַזיע.

די אַנטוישונג מיט דער קערענסקי־רעגירונג און איר שטעלונג לגבי דער מלחמה, האָט געשטויסן צו מעשים מצד די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, פויערים און סאָלדאַטן, מיט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי־שיכטן בראש. עס האָבן זיך בליץ־שנעל פאַרמירט „סאָוועטן פון אַרבעטער, פויערים און סאָלדאַטן". אָט־די סאָוועטן זיינען געוואָרן די נייע טריבונעס און אָרגאַנען דורך וועלכע עס איז געקומען דער אמת׳ער אויסדרוק און שטימונג פון פאָלק. זיי זיינען געוואָרן דער קעגן־כוח צו דער פּראָוויזאָרישער קערענסקי־רעגירונג.

דאָס צוריקקערן זיך אהיים פון אָנפירנדיקע רעוואָלוציאָנערן פון אויסלאַנד, פון די באַפרייטע לאַנג־יאָריקע רעוואָלוציאָנערע קעמפער פאַרשיקטע

אין סיביר און פאַרשפּאַרטע אין די צאַרישע טורמעס, דאָס אָנקומען אין לאַנד פון לענינ׳ען — האָט אומגעהויער געשטאַרקט די סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע אַספּיראַציעס פון די מאַסן. עס האָט פאַרשטאַרקט די ראָלע פון דער נייער טריבונע — די „סאָוועטן פון אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן".

איינציייטיק האָט די קערענסקי־רעגירונג זיך עקשנות׳דיק קאָנצענטרירט אויף פאַרשטאַרקן די פראָנטן און פאָרזעצן די מלחמה. זי האָט באַשלאָסן אָפּצולייגן די באַשטימטע וואַלן פאַר אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון סעפּטעמבער דעם 13־טן אויף דעם 12־טן דעצעמבער. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון אומצופרידנקייט און פּראָטעסט. די באָלשעוויקעס, אונטער דער גענעאַלער פירעשאַפט פון לענינ׳ען, האָבן קעגנגעשטעלט קערענסקי׳ס מלחמה־רופן און פּלענער — אַ פּראָגראַם פון באַלדיקן שלום, ברויט, לאַנד פאַר די פּויערים, און די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן!

די רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם פון די באָלשעוויקעס האָט אויסגעדריקט די שטימונג פון די מאַסן, האָט אַרויסגערופן אַנטשלאָסנקייט צו פאַרווירקלעכן די צילן און אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע.

קערענסקי׳ס מלחמה־פּלענער האָבן געפּלאַצט. זיין פּלאַן פון באַנוצן זיך מיט די צאַרישע מעטאָדן פון אַרעסט און אונטערדריקונג, ווילנדיק אַרעסטירן לענינ׳ען און אַנדערע אויסגעשפּראָכענע רעוואָלוציאָנערן; זיין פּאַרזוך צו נוצן די קאַדעטן און אָפיצירן, בכדי צווינגען גאַנצע אַרמיי־טיילן צוריק אויף די פראָנטן; זיינע אונטערדריקערישע מעשים צו באַגרענעצן די אַקטיוויטעטן פון די סאָוועטן אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן — האָט איבערגעפּולט דעם בעכער פון אומצופרידנקייט מיט זיין פּראָוויזאָרישער רעגירונג. דאָס האָט געבראַכט צו דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד, אונטער דער פירערשאַפט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, בראש מיט לענינ׳ען, און צו דער היסטאָרישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

די היסטאָרישע דעקלאַראַציע פון דער סאָוועטן רעגירונג פאַר שלום

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די מאַכט פון אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן, די איינשטעלונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג, האָט ווי אַ סאָציאַלע ערדציטערניש אַ טרייסל געטאָן די קאַפּיטאַליסטישע, אימפּעריאַליסטישע וועלט. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אַרויסגעריסן און צעבראָכן אַ שטאַרקן רינג פון דער הערשנדיקער קייט פון קאַפּיטאַליזם. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט צעשמעטערט דעם דעספּאָטישן באַרבאַרישן צאַריזם, דעם זשאַנדאַרם פון איירָאָפּע. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און די סאָוועטן־רעגירונג האָבן צעטרייסלט די אימפּעריאַליסטישע חשבונות און מלחמה־פּלענער. די היסטאָ־

רישע דעקלאַראַציע פון דער סאָוועטן־רעגירונג פאַר אַ באַלדיקן וואָפן־שטיל־שטאַנד אויף די פראָנטן מזרח און מערב, פאַר באַלדיקע שלום־פאַרהאַנד־לונגען, פאַר שליסן אַ שלום אָן טעריטאָריעלע אַנעקסיעס און רעפּאַראַציעס, האָט אָפּגעקלונגען אין די הערצער פון מיליאָנען סאָלדאַטן, אויסגעמאַטערטע פון די בלוט־פאַרגאָסענע פראָנטן. דער שלום־רוף פון דער סאָוועטן־רעגירונג האָט ווי אַ שטראַלנדיק ליכט באַלויכטן און דערוואַרעמט די האַרעפּאַשנע מאַסן אין רוסלאַנד, און דערמוטיקט די אַרבעטער, פּויערים און ברייטע פאָלקס־מאַסן אין אַלע לענדער פון דער וועלט, די וואָס זיינען געווען פאַר־וויקלט אין דער מלחמה, און די, וואָס האָבן זיך אין דער מלחמה ניט באַ־טייליקט.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן פרישע פרייע, נייע ווינטן, האָט אַרויסגערופן נייע האָפענונגען, געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר די רעוואָלוציאָנערע אַספּיראַציעס פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס. די פלאַמיקע דערקלערונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג פאַר פולשטענדיקע רעכט צו אַלע פעלקער, באַהערשטע און אונטערדריקטע פון צאַרישן באַרבאַריש־דעספּאָטישן רעזשים, פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט און סואווערעני־טעט, ביז אַפילו מאַכן שבת פאַר זיך אַליין — האָט אַריינגעשריבן אַ נייעם הערלעכן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די מיליאָנען ליידנדיקע אונטער־דריקטע און פאַרשקלאַפטע פעלקער אין רוסלאַנד. די דעקרעטן פון דער סאָ־וועטישער רעגירונג וועגן לאַנד פאַר די פּויערים; קאָנפיסקאַציע פון די פּרי־ציש אימעניעס; נאַציאָנאַליזאַציע פון די באַנקען, זאַוואָדן און פאַבריקן; איבערנעמען אַלע פּראָדוקציע־מיטלען, אַלע נאַטירלעכע רייכטימער ווי דאָס אייגנטום פון די אַרבעטער און פּויערים, — דעקרעטן צו בויען אַ ניי לעבן פריי פון עקספּלואַטאַציע, בויען אַ נייע געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות, — דאָס אַלץ האָט אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

די דעקרעטן פון דער סאָוועטן־רעגירונג האָבן אָפּגעקלונגען אין אַלע אָקופּירטע ראַיאָנען און געגנטן, אין אונזער שטאָט ווילקאָמיר, ווי אין אַלע שטעט אין ליטע. אויב די שטעלונג פון דער קערענסקי־רעגירונג ווייטער אָנ־צוגיין מיט דער מלחמה האָט פאַרפינצטערט די לעצטנדיקע האָפענונגען צו זען אַ סוף פון דער בלוטיקער מלחמה, האָט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די סאָוועטן רעגירונג מיט איר פלאַמיקער דעקלאַראַציע פאַר שלום צוריק באַ־נייט די האָפענונגען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין ליטע. די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן האָבן אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין דער סאָוועטן־רעגירונג מיט אירע דעקרעטן געזען פאַר זיך אַ ניי לעבן. די אידישע מאַסע איז אָנגעפילט געוואָרן מיט האָפענונגען צו ווערן „מיט מענטשן גלייך", זיך אויסלעבן אין שלום, געניסן פון מענטשלעכע רעכט און פרייהייט; צו לעבן

פריי פון שרעק און לײדן, פון דיסקרימינאַציע און אַנטיסעמיטיזם, פון צרות און פּאָגראָמען.

פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין ליטע, פאַר אונזער ווילקאַ־מירער רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קרייז, האָט די אָקטאָבער רעוואָלוציע און די עטאַבלירונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג און די נאָכפאָלגנדיקע נאָבעלע דעקרעטן געדינט, ווי אַ סיגנאַל צו פאַרשטאַרקן אונזער רעוואָלוציאָנערע אַרבעט און טעטיקייט אין אַלע געביטן פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע. די פאַרבינדונג מיט דעם צענטער אין ווילנע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן. פאַר־טרעטער פון צענטער זײַנען געקומען אין שטאָט מיט אינפאָרמאַציע, געבראַכט מיט זיך מאַטעריאַל פאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע, פּראָקלאַמאַציעס פאַר אונזער קרײַזל (קרוזשאָק) צו פאַרשפּרייטן אין שטאָט און דערפער. מיט גרויס פאָרזיכט און שטרענגער דיסציפּלין זײַנען אויסגעאַרבעט און דורכגע־פירט געוואָרן די אונטערערדישע מעטאָדן פון פאַרשפּרייטן די פּראָקלאַמאַ־ציעס, בראָשורן זײַנען פאַרטײלט געוואָרן צו די אָנהענגער און סימפּאַטיקער פון אונזער קרייז. מער אויפמערקזאַמקייט איז געגעבן געוואָרן דער פליכט אויסצוברייטערן דעם פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די געציילטע פרײַנטלעך־געשטימטע דײַטשישע סאָלדאַטן, און האַלטן וואַכזאַם אויג־און־אויער צו די שטימונגען פון די דײַטשישע זעלנער אין שטאָט. פאָרזיכטיק און וואַכזאַם האָט זיך אַנגעהויבן אַנטוויקלען אַ פּראַקטישע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און אַרבעט פון קלוב בײַ אונדז אין שטאָט.

ברעסט־ליטאָווסק; שלום־פאַרהאַנדלונגען

די עקאָנאָמישע לאַגע אין צענטראַל־רוסלאַנד איז געווען אַ שווערע, אַ קריטישע. הונגער האָט געהאַלטן אין קלעם דאָס גאַנצע לאַנד. די קערענסקי־רעגירונג, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער אויסגעמאַטערטקייט און די בלוט־טריפנדיקע, אָפענע וואונדן פון די מאַסן סאָלדאַטן האָט אין אירע לעצטע געציילטע טעג זיך פאַרנומען מיט אַן אָפענסיווע אויפן עסטרייכישן פראָנט אין טאַרנאָפּאָל. דעם דאָזיקן שעדלעכן שריט האָט קערענסקי געמאַכט, באַ־זירנדיק זיך אויפן פּוסטן ענטוזיאַזם פון די אָפיצירן... די מאַסן סאָלדאַטן האָבן דעם רוף צו אַן אָפענסיווע געענטפערט מיט — אַ מאַרש אַהיים! די קערענסקי־„אָפענסיווע" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם לעצטן און גרעסטן מיליטערישן דורכפאַל פון דער רוסישער אַרמיי. דאָס האָט צונישט געמאַכט די מעגלעך לעצטע פאַרבליבענע מיליטערישע קאָרט אין פאַרהאַנד־לונגען מיט דײַטשלאַנד פאַר אַ שלום.

אויפן מזרח־פראָנט האָבן די דײַטשישע אַרמיי־טײלן מאַרשירט טיפער אין רוסלאַנד. די וויכטיקסטע פּראָבלעם סײ אין די אינטערעסן פון די ברייטע רוסישע פאָלקס־מאַסן און וואָס שייך דעם וואוילזײַן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז געווען — צו דערווערבן אַ וואָפנשטילשטאַנד אויף די

צעטראַסקעטע פראָנטן, און אָנהויבן באַלדיקע שלום־פאַרהאַנדלונגען מיט דער דייטשישער מיליטערישער קאָמאַנדע. די איינציקע קאָרט אין די הענט פון דער סאָוועטן־רעגירונג איז געווען דייטשלאַנד׳ס דרינגענדיקע נויטווענדיקייט פּטור צו ווערן פון קעמפן קעגן די אַליאירטע אַרמייען אויף צוויי פראָנטן. מיט דערגרייכן אַ שלום אויפן מזרח־פראָנט, וועט די גאַנצע קראַפט פון דער דייטשישער מיליטערישער מאַשין געוואָרפן ווערן אויפן מערב־פראָנט.

אויף דעם סמך פון די אויסרעכענונגען, פאַקטיש די איינציק פאַרבליבענע מעגלעכקייטן, האָט די סאָוועטן־רעגירונג גענומען די איניציאַטיווע פון פאַרשלאָגן דייטשלאַנד אַ סעפּעראַטן וואָפנרו און אָנהויבן שלום־פאַרהאַנדלונגען. ברעסט־ליטאָווסק איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם פּלאַץ פון די פאַרהאַנדלונגען.

שאַרפע מיינונג־פאַרשידנהייטן זיינען אויסגעבראָכן אין די פירנדיקע רייען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אַ היבשע גרופּע, אָנגעפירט פון לעאָן טראָצקי, זיינען געווען קעגן די דייטשישע אולטימאַטיווע באַדינגונגען פאַר שלום־פאַרהאַנדלונגען. לענין איז אַרויסגעקומען פאַר אָננעמען די באַדינגונגען, הגם זיי זיינען שאַרפע. דערווייל, ניט־קריגנדיק קיין באַלדיקן ענטפער, אַז מען נעמט אָן זייערע באַדינגונגען, האָט די דייטשישע מיליטערישע מאַשין געענטפערט מיט אַן אַטאַקע, און פאַרנומען נאָך מער טעריטאָריע. נאָך אַ שווערן אינערלעכן קאַמף איז לענינ׳ען געלונגען צו איבערציגן זיינע קעגנער און געווינען די מערהייט פאַר זיין שטעלונג. די פאַרהאַנדלונגען אין ברעסט־ליטאָווסק האָבן זיך אָנגעהויבן, און אַ סעפּעראַטער שלום איז דערגרייכט געוואָרן צווישן דייטשלאַנד און דער סאָוועטן־רעגירונג. לענינ׳ס גאונ׳ישקייט, זיין שטאַטסמאַנשאַפט און סטראַטעגיע, זיין רעוואָלוציאָנערע ווייטזעעוודיקייט האָט געראַטעוועט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אינטערעסאַנט איז דער אופן, ווי ס׳האָט דאַן כאַראַקטעריזירט לענינ׳ען דער בריטישער שטאַטסמאַן טשעמבערלעין, נאָכפאָלגנדיק זיין ראָל אין דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון אָקטאָבער, און אין די פאַרהאַנדלונגען פאַר אַ סעפּעראַטן שלום מיט דייטשלאַנד:

„אַן אויסערגעוויינלעכער געני אין רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט. מ׳דאַרף צוריקגיין פולע צוויי הונדערט יאָר אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד, איידער מען קאָן אויסטיילן און געפינען אין דעם לאַנד אַ פערזענלעכקייט מיט אַזאַ פאַרנעם, ווי עס איז לענין״.

ניט אומזיסט האָט דער געשפּענסט, דער גייסט פון דעם ריז לענין אַ טרייסלגעטאָן די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט, און האַלט זי אין קאָנוואולסיעס עד היום, ביז היינט־צו־טאָג.

די שאַרפע שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי אַרום דער פראַגע פון שלום, האָט אָפּגעשפּיגלט צוויי קעגנזעצלעכע אָפּשאַצונגען פון דער רעאַלער לאַגע; פון די שטימונגען פון די מאַסן אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן. די לעניןשיטה האָט געהאַלטן, אַז די אינטערעסן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן געפאָדערט צייט, בכדי אָפּצוכאַפּן דעם רעוואָלוציאָנערן אָטעם און ניט זאָרגן זיך וועגן דעם שטח פון טעריטאָריע, אָדער וועגן דער צייטווייליקער מאַכט פון אָקופּאַנט, אָדער וועגן באַזיגן די דייטשישע מיליטערישע פויסט. די אַרבעטער און פּויערים ווילן שלום אונטער אַלע אומשטענדן, ווילן צייט צו קומען צו זיך. די אַרמיי האָט געשטימט פאַר אונטערשרייבן דעם שווערן אָפּמאַך פאַר שלום מיט זייערע פיס. זיי האָבן פאַרלאָזט אַלע פראָנט־פּאָזיציעס. זיי רייסן זיך אהיים צו זייערע דערפער, צום לאַנד. קיין כוח וועט ניט אָפּשטעלן דאָס צוריקברענגען זיי פון די שלאַכט־פעלדער.

אין דעם איז באַשטאַנען לענינ׳ס טעזיס. טראָצקי׳ס טעזיס פון „ניט מלחמה און ניט שלום”, איז פון די שנעל־לויפנדיקע, רעאַלע אַנטוויקלונגען, אויפן פראָנט און אין לאַנד, צערונען געוואָרן. זיין איינשטעלונג האָט קיין אָפּקלאַנג ניט געקראָגן.

דעם 11־טן נאָוועמבער 1918, איז די מלחמה מיט דייטשלאַנד אָפיציעל געקומען צו אַ סוף. דער ברעסט־ליטאָווסקער שלום־אָפּמאַך האָט איבערגעגעבן אַ דריטל פון די רוסישע ברויט־געביטן, באַלד אַ העלפט פון רוסלאַנד׳ס אינדוסטריע און אַ באַפעלקערונג פון 62 מיליאָן אין די הענט פון דער דייטשישער מיליטערישער מאַשין און פאַרוואַלטונג. לויט דעם ברעסט־ליטאָווסקער אָפּמאַך האָט די דייטשישע רעגירונג געגעבן פולע לעגאַלע אָנערקענונג דער רעגירונג פון די סאָוועטן פון אַרבעטער און פּויערים, ווי די איינציקע לעגיטימע רעגירונג פון רוסלאַנד. ס׳זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פולע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען. די דייטשישע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן פון אַלע אָקופּירטע געביטן אין ליטע, פון די שטעט ווילנע און קאָוונע ביז די פאַר׳מלחמה׳דיקע רוסיש־דייטשישע גרענעצן. ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פולער אויסטויש פון געפאַנגענע.

רעוואָלוציאָנערע אומרוען; שטימונגען אין דייטשלאַנד

די גרויסע נצחונות אויפן מזרח־פראָנט און דער ברעסט־ליטאָווסקער שלום־אָפּמאַך האָבן אויבערפלעכלעך פאַרשטאַרקט די אויסרעכענונגען פון דייטשישן אימפּעריאַליזם צו געווינען די מלחמה. דער ברעסט־ליטאָווסקער אָפּמאַך האָט געשאַפן אַ ריי פּאָליטישע און מיליטערישע פאָרצוגן לטובת דייטשלאַנד. עס האָט זיך פאַרבעסערט די מלחמה־מאָראַל אויפן היים־פראָנט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן מידקייט און צווייפלען וועגן דער מעגלעכקייט די מלחמה צו געווינען. די דעראָבערטע שטחים רוסישע טעריטאָריע האָבן צוגעשטעלט אַ קוואַל פון רוי־שטאָף פאַר דער דייטשער אינדוסטריע

און אגריקולטור־פּראָדוקטן צו קאָרמענען די דייטשע אַרמיי, וואָס האָט גע־ליטן פון אַן ערנסטן דוחק אין שפּייז און אַנדערע נויטבאַדערפטיקע אַר־טיקלען. דאָס־אָ, צוזאַמען מיט באַפרייט ווערן, דורך דעם ברעסט־ליטאָווסקער אָפּמאַך, צו דאַרפן קעמפן אויף צוויי פראָנטן, האָט דערמעגלעכט דייטש־לאַנד צו קאָנצענטרירן אירע הויפּט־מיליטערישע כוחות פאַר אַ בליץ־שנעלער אָפענסיווע אויפן מערב־פראָנט. אַזוי אַרום, האָבן די דייטשישע מיליטאַ־ריסטן גע׳חשבונ׳ט וועלן זיי האָבן אַ שנעלן זיג, און דערפירן צו אַ סוף פון דער פאַרצויגענער מלחמה.

אָבער דער דייטשישער אימפּעריאַליזם האָט אין זיינע פּלענער פאַרפעלט צו נעמען אין אַכט אַ ריי נייע פאַקטאָרן. פון איין זייט, די נייע פרישע אַמע־ריקאַנער אַרמיי־כוחות; צווייטנס, דעם מעכטיקן אָפּקלאַנג פון דער אָקטאָ־בער רעוואָלוציע. די שאַלנדיקע שלום־דעקלאַראַציע פון דער סאָוועטישער אַרבעטער, פויערים און סאָלדאַטן־רעגירונג, האָט דערגרייכט די הערצער און מוחות פון מיליאָנען דייטשישע סאָלדאַטן אין די אָקאָפּעס אויפן מערב־פראָנט. אַ געדריקטע שטימונג האָט אָנגעהויבן באַהערשן די דייטשישע באַפעלקערונג, באַזונדערס די אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מאַסן. די נייע רע־וואָלוציאָנערע ווינטן, צעבלאָזענע דורך די רעוואָלוציאָנערע גרופּירונגען אינעווייניק פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, די ספּאַרטאַקיסטן, האָבן דערגרייכט די רייען פון די אַרבעטער־מאַסן און אַרויסגערופן דעם באַ־גער נאָכצופאָלגן דעם ביישפּיל פון דער רוסישער אַרמיי (זיך אָפּזאָגן פון קעמפן אויפן שלאַכט־פעלד), דעם ביישפּיל פון די רוסישע אַרבעטער און פויערים, דעם ביישפּיל פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אַרום אויגוסט 1918, איז די לאַגע אויפן מערב־פראָנט געווען קריטיש. עס איז געוואָרן קלאָר ווי דער טאָג, אַז דייטשלאַנד פאַרלירט די מלחמה. אַ שטאַרקער אומרו האָט אַרומגעכאַפּט די דייטשישע אַרמיי. די מאַטראָסן אין דעם קיעל קאַנאַל פון דער ברעמענער סובמאַרין־באַזע האָבן אָפן רעוואָל־טירט. זעלנער און אַרבעטער־ראַטן זיינען פאָרמירט געוואָרן אינעם רור־געביט, אין בערלין און איבער לאַנד. אַ טויט־שרעק און אַ ציטער האָט אַרומ־גענומען דער דייטשישער מיליטערישער הויפּט־קאָמאַנדע, דעם דייטשישן אָפיצירן־יונקערטום.

די רעכטע סאָציאַל דעמאָקראַטן, וואָס האָבן גוטגעהייסן און געשטיצט די מלחמה־פּלענער פון דייטשישן אימפּעריאַליזם, און גערופן פון דער רייכס־טאַג־פּלאַטפאָרמע די דייטשישע אַרבעטער צו פאַרטיידיקן דעם דייטשישן רייך און אַרויסווייזן זייער פּאַטריאָטיזם צום פאָטערלאַנד, — זיי זיינען אין די נייע אומרואיקע טעג און רעוואָלוציאָנערע באַדינגונגען ווידער, ווי בײַ דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, געקומען צוהילף דעם דייטשישן אימ־פּעריאַליזם און מיליטאַריזם. די רעכטע סאָציאַל דעמאָקראַטן האָבן זיך גע־שטעלט אין דינסט פון רעאַקציע, וועמעס ציל איז געווען אָפּצושטעלן דעם

געשפּענסט פון קאָמוניזם, און דערשטיקן דעם אָפּקלאַנג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

די סאָציאַל דעמאָקראַטן, מיט שיידעמאַן און עבערט בראש, האָבן גע־פונען נאָכאַמאָל געמיינזאַמקייט פון אינטערעסן מיט דער דייטשישער בור־זשואַזיע, מיט דייטשישן מיליטאַריזם. פּאַר אַ טאָפּ לינדזן — אַרבעטער־קאָמיטעטן אין די פאַבריקן און קליינע פאַרבעסערונגען פון די אַרבעטס־באַדינגונגען — גענוג צו וואַרפן זאַמד אין די אויגן פון די אויפגעברויזטע אַרבעטער־מאַסן — האָבן עבערט, נאָסקע און שיידעמאַן געשלאָסן אַ בונד מיט די רור־מאַגנאַטן, מיט דעם מיליטערישן הויפּט־שטאַב, מיט די גענע־ראַלן הינדענבורג און לודענדאָרף צו דערשטיקן מיט אַלע מיטלען דעם רע־וואָלוציאָנערן אויפברויז פון די דייטשישע אַרבעטער, פּויערים און זעלנער, און אויסמיידן די גרויסע געפאַר פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין דייטש־לאַנד.

אָפּקלאַנג אין אָקופּירטער ליטע און אין ווילקאָמיר

די נייעס וועגן ברעסט־ליטאָווסקער שלום־אָפּמאַך און די רעוואָלוציאָ־נערע געשעענישן אין דייטשלאַנד האָבן ווי שטראַלנדיקע זונען־שיין באַלויכטן און דערוואַרעמט די מלחמה־אויסגעמאַטערטע באַפעלקערונג פון דער אָקופּירטער ליטע. עס האָט געבראַכט גרויס פרייד און באַנייט האָפענונגען צו פאַראייניקן זיך מיט אייגן פלייש־און־בלוט, אָפּגעריסן פיר יאָר צייט דורך דער גרויליקער מלחמה. עס האָט געשטראַלט אַ באַנייטע האָפענונג פון צוריק־קערן זיך צו אַ נאָרמאַלן לעבן.

אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון ליטע, אין די רייען פון די פאָרגע־שריטענע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן האָבן די היסטאָרישע געשעענישן גע־בראַכט באַנאַנד מיט פרייד נייע אויפגאַבן און פליכטן. אויף דער טאָג־אָרדע־נונג פון ווילקאָמירער רעוואָלוציאָנערע קרייזן האָט זיך געשטעלט די אויפ־גאַבע פון צוגרייטן זיך פאַר דעם צווישן־פּעריאָד, ווען דער דייטשישער אָקופּאַנט וועט פאַרלאָזן די שטאָט און מ׳וועט דאַרפן באַגעגענען די רויטע גוואַרדיע און איבערנעמען די פאַרוואַלטונגס־מאַכט פון דער שטאָט. עס איז געשטאַנען די אויפגאַבע פון תיכּף רעאַגירן און האָבן אַ קלאָרע שטעלונג לגבי די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין דייטשלאַנד, און זייער אָפּקלאַנג און אויסווירקונג אין די רייען פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי.

אין פאַרבינדונג מיט די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין דייטשלאַנד איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצולאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע צו די דייטשישע זעל־נער אין ווילקאָמיר. אין דער פּראָקלאַמאַציע זאָל מען באַגריסן די רעוואָלו־ציאָנערע אַקציעס פון די דייטשישע מאַטראָסן און פון די איינגעשטעלטע אַרבעטער־ראַטן אין דייטשלאַנד, און רופן די דייטשישע זעלנער אין וויל־

קאָמיר נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון זייערע ברידער אויף די פראָנטן און אין דייטשלאַנד.

מיט גרויסן רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם האָבן די חברים זיך אַ נעם־געטאָן צו דער אַרבעט: די אָנפירנדיקע חברים — אין צוגרייטן דעם טעקסט פאַר דעם רוף און באַגריסונג; די איבעריקע חברים — פאַר דער טעכנישער אַרבעט, שאַפּיראָגראַפירן, דרוקן די פּראָקלאַמאַציעס און זיי פאַרשפּרייטן.

די רעאַקציע און די שטימונג אין די רייען פון די פּשוט׳ע דייטשישע זעלנער איז געווען שווער ריכטיק אָפּצושאַצן. אין די ערשטע טעג פון די אָנקומענדיקע נייעסן און די מאָגערע באַריכטן פון רעוואָלוציאָנערן אויפ־ברויז אין דייטשלאַנד, האָט זיך קוים געמערקט אַ וואָסער ניט איז ענדערונג אין זייער באַנעמונג און באַציאונג. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז עפּעס קומט יאָ פאָר. די עפּאָלעטן אויף די מונדירן פון אַ טייל אָפיצירן זיינען פאַרשוואונדן. אויף קאָוונער גאַס האָב איך אַליין בייגעוואוינט אַ פאַל, ווען עטלעכע זעלנער האָבן אָפּגעשטעלט אַ הויכן אָפיציר און אַראָפּ־געריסן זיינע עפּאָלעטן. אַ באַקאַנטער זעלנער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז פאַרזאַמלונגען קומען פאָר אין די באַראַקן וועגן פאָרמירן אַ זעלנער־ראַט, און אָפיצירן ווייזן אָן, אַז אונטער באַדינגונגען פון אַ פיינטלעכער, ניט־פאַרטרויענסוועלטער באַפעלקערונג, איז ניט ראַטזאַם אַזעלכעס צו טאָן. עס זיינען פאַראַן מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן די זעלנער, האָבן מיר זיך דערוואוסט.

אונטער אַזעלכע באַדינגונגען און שטימונגען צווישן די דייטשישע זעל־נער האָבן מיר אויסגעקלעפּט די דערמאָנטע פּראָקלאַמאַציע אין גרעסערע צאָלן אין שטאָט. דער פאַרשפּרייט פון די פּראָקלאַמאַציעס איז דורכגעגאַנ־גען בשלום, אויסער איין אינצידענט. עס האָט פּאַסירט, אָט־וואָס:

פאַרטיילן די פּראָקלאַמאַציעס אינעם טייל שטאָט פון איבערן בריק — „אונטערן וואַסער", ווי מען האָט עס גערופן — איז פאַרשטאַנען געוואָרן ווען שימעלע כהן און איך. די שטאָטישע בריק פלעגט זיין באַוואַכט פון ביידע זייטן וועג דורך איין זעלנער. דער פאַרקער אויף דער בריק איז געווען אַ פרייער, אָן קיינע שטערונגען. צוקומענדיק צו דער בריק האָב איך באַ־מערקט צוויי זעלנער־וועכטער אנשטאט איינעם. דאָס האָט תיכף אַרויסגע־רופן אַ פאַרדאַכט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק. אַ פּאָר שריט נענטער צו דער בריק, האָבן מיר דערזען, ווי די וועכטער פאַרהאַלטן די דורכגייער און שטעלן פראַגן. אָן צוזאַמענריידן זיך האָבן מיר, איך און מיין טייערער חבר שימעלע, זיך אַ דריי־געטאָן לינקס צום ברעג פון טייך און אַריינגעשפּרונגען אין טייך אַריין צווישן די געדיכט־באַוואַקסענע וויטשקעס (וואַסער־גראָזן). עס האָט אונז באַגלייט דער דייטשישער אויסרוף „האַלט!, האַלט!"

שטיל, אָן אַ שאָרך אַפילו, פאַרדעקט פון די ברעג־וויטשקעס, אין דער טונקלקייט פון בין־השמשות, האָבן מיר אַ ווײַלע זיך קיין ריר ניט געטאָן. ניט הערנדיק מער דעם געשריי „האַלט!" און קיין פוס־טריט פון די זעלנער־וועכטער, האָבן מיר זיך פאַרנומען צו דער יאַטקע גאַס און דורך זייטיקע קליינע געסלעך אָנגעקומען בשלום צו שימעלע'ס הויז.

שימעלע כהן איז איינגעשטאַנען אין אַ בעקעריי, וואָס איז געווען גוט באַקאַנט אין שטאָט פאַר די געבייטלטע ברויט, ציבעלע־קוכנס און לונגענע באַנדעס (בולקעס אָנגעפילט מיט לונג). ווען די בעקערקע האָט אונז ביידן דערזען אין די פיטש־נאַסע קליידער, האָט זי מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אַ פאַרוואונדעטע אונז באַקוקט, אָבער אויפן וועג צום הויז פון דער בעקעריי, האָב איך זיך שוין געהאַט צוגעגרייט מיט אַן ענטפער: מיר זיינען געפאָרן אויף אַ שיפל. באַם ברעג האָט זיך דאָס שיפל מיטאַמאָל איבערגעקערט צו־זאַמען מיט אונז... און אין וואַסער ווערט מען נאַס...

די גוט־האַרציקע בעקערקע האָט די מעשה אָנגענומען פאַר גוט געלט. זי האָט מיר געקענט פאַר אַ באַלעבאַטישן בחור. נאָך אין די בית־הספר־יאָרן פלעג איך טאָג־טעגלעך זיך אַריינכאַפּן אין דער בעקעריי, ווי אַלע אַנדערע אינגלעך נאָך אַ ציבעלע־קוכן. אַט־דאָס האָט אויך אין דער איצטיקער לאַגע אַרויסגעהאָלפן.

שימעלע פלעגט שלאָפן אויפן גרויסן בעקער־אויוון, האָט די בעקערקע אונז געהייסן אַרויף אויפן אויוון, זיך אויסטריקענען איידער איך גיי אַהיים און אויסמיידן צו פאַרשאַפן צרות מיין מאַמען. אַ קלוגע אידענע, געווען די בעקערקע.

אַזוי האָט אָן אָן ערנסטן שאָדן, אחוץ אביסל נאַס ווערן, דער אינצי־דענט באַ דער בריק זיך פאַרענדיקט בשלום.

„שימעלע" — שמעון כהן

שימעלע איז געווען אַ יתום, אַ קרבן פון ביטערער אָרעמקייט. נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן איז שימעלע באַשטראָפט געוואָרן פון אַ הויט קראַנקהייט אויפן קאָפּ, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט אַ פליך. דער פליך האָט שטאַרק באַווירקט זיין גאַנץ וועזן. ער האָט קיינמאָל ניט אַראָפּגענומען זיין היטל פון קאָפּ, בכדי צו באַהאַלטן זיין פליך. פיזיש איז שימעלע אויך געווען גע־שטראָפט מיט אַ קליינעם וואוקס, אַ גרעסערער ווי געוויינלעך שטערן, און אַ קאָפּ שטענדיק באַדעקט מיט אַ היטל גרעסער ווי זיין מאָס. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ צאַרטן פּנים, שיינע אויגן, ברייטע געדיכטע ברעמען, אַ קליין מאָרדעלע, ווי אַ ליאַלקע מיט אויסגעטאָקטע ליפּן, וואָס האָבן אים פאַר־וואַנדלט אין אַ ספּעציפישן מין מענטשעלע. אין דער זעלבער צייט האָט שי־מעלע פאַרמאָגט אַ נאַטירלעכע איידלקייט, אַ צאַרטקייט, און ליבלעכע פאַר־

טראַכטע אויגן, געריכטעט אין די הימלען אַריין, צו דערלערנען זייערע באַהאַלטענע סודות.

שימעלע האָט פאַרמאָגט אַן איינגעבאָרענע נאַטירלעכע אינטעליגענץ, אַן אויסערגעוויינלעכן נאַטירלעכן געשמאַק פון גייסטיקע קולטור־ווערטן. ער האָט זיך געגערט מיט די ווערק פון די אידישע קלאַסיקער. שימעלע'ס אידיש האָט געקלונגען רייך אין אינהאַלט און פאָרעם. ער איז געווען באַגאַבט מיט אַלערליי טאַלאַנטן, איינשליסנדיק פאַרלייענען, דעקלאַמירן. אביסל שפּעטער, אין דעם ניי־פאַרמירטן קולטור־קלוב און דראַמאַטישער סעקציע האָבן מיר אַלע באַוואונדערט זיינע פעאיקייטן אין צוגרייטן די אַפּישן פאַר די דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען, אין דער טעכנישער אַרבעט פון דער בינע, אין העלפן דירעקטירן, אָנפירן מיט רעפּעטיציעס און דורכפירן אַ ראָל און אַ שפּיל אויף אַ קינסטלערישן אופן. דער געשולטער רעזשיסער, פּערקול, פלעגט ניט אויפהערן לויבן שימעלע'ס אַרויסגעוויזענע פעאיקייטן אויף די פאַרשידענע טעאַטער־געביטן. ניט אומזיסט האָבן מיר אים אַלע גערופן „טייערער שימעלע". מיר האָבן מיטגעליטן אַלע זיינע אַנטוישונגען, וואָס האָבן אים שטאַרק וויי געטאָן. אויסער די גייסטיקע ווייטיקן פון זיין פיזישן אויסזען, פלעגט שימעלע ליידן פון פּעריאָדיש פאַרליבן זיך אין חבר'טעס, נאָכגעפאָלגט מיט טיף־ווייטיקדיקע אַנטוישונגען.

נאָך מיין פאַרלאָזן ליטע האָב איך געקראָגן די פּיינפולע נייעס, אַז שימעלע, אַפּלעבנדיק אַ קורצע צייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז דאָרט קראַנק געוואָרן און איז פּריציייטיק אויסגעגאַנגען. זיין פיזיש־שוואַכער צושטאַנד איז ניט געווען בכוח זיך צו פאַרמעסטן מיט די שווערע, כמעט הונגער־באַדינגונגען אין יענער צייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„הייליקער דריילינג" דערטרינקט רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אין בלוט

די מאָגערע סימנים פון אומרו צווישן די פּשוט'ע דייטשישע זעלנער אין ווילקאָמיר זיינען פאַרשוואונדן. געגנוי אין אַ וואָך צייט איז דער דייטשישער קאָמענדאַטור, דעם אָפיצירן־שטאַב געלונגען מיט פאַרשיידענע מיטלען צו פאַרטרייבן די שוואַכע רעוואָלוציאָנערע ווינטן אין דייטשישן אָקופּאַציע־גאַרניזאָן אין שטאָט.

אין דעם האָט אַרויסגעהאָלפן דער פאַרראַט פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, דער געשלאָסענער בונד פון די עבערטס, נאָסקעס און שיידעמאַנס מיט דעם דייטשן גענעראַל־שטאַב און דייטשישע אינדוסטריאַליסטן. זיי האָבן אויסגענוצט אַ ריי באַדייטנדיקע געווינסן פון די אַרבעטער אַ דאַנק דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פאַר ניט זייערע צילן. די באַלדיקע געווינסן פון די אַרבעטער אין דייטשלאַנד זיינען דאַן באַשטאַ־

נען אין דעם, וואָס די אינדוסטריע־מאַגנאַטן האָבן צוגעשטימט מער נישט צו שטיצן די דורך זייערע פירמעס איינגעשטעלטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייר־נען (אַזעלכע „קאָמפּאַני יוניאָנס״); זיי זיינען מסכים מיט איינשטעלן אַר־בעטער־קאָמיטעטן אויף די פאַבריקן, און זיי פאַרזיכערן דעם אַכט־שעה׳איקן אַרבעטס־טאָג. דאָס אַלץ האָבן די מאַגנאַטן נאָכגעגעבן מיטן באַדינג, אַז עס זאָלן אויפגעגעבן ווערן די „אַרבעטער און זעלנער ראַטן״. די אָפיצירן־קאָ־מאַנדע האָט אויסגענוצט די לאַגע און איינגעשלאָסן אַ וואָרענונג, אַז קעגנ־שטעלן זיך איז פאַרראַט, און וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן. דאָס אַלץ איז פאַרקערפּערט אין אַן אָפּמאַך פון „הייליקן דריילינג״ — די דייטשישע אינ־דוסטריע־מאַגנאַטן, דער דייטשער גענעראַל־שטאַב און די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — אונטערגעשריבן אין נאָוועמבער 1918.

עבערט, נאָסקע און שיידעמאַן האָבן מיט דער הילף פון דאָזיקן אָפּמאַך איבערגענומען די רעגירונגס־מאַכט און אַזוי אַרום געראַטעוועט דעם דייט־שישן אימפּעריאַליזם, דעם דייטשישן קאַפּיטאַליזם; פאַרראַטנדיק די גרונט־אינטערעסן פון די דייטשישע אַרבעטער, פּויערים און פון דער מלחמה־געליטענע ברייטע מאַסן. אַט־דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אַקט און פאַרראַט האָבן עבערט, נאָסקע און שיידעמאַן באַגלייט מיט אַ בלוט־באָד אויסגעפירט מיט טאַנקען און אַרטילעריע קעגן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפילו פון פּשוט׳ן מאָרד, אומברענגענדיק די פירער פון „ספּאַרטאַק בונד״, די הערלעכע רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקייטן קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג, און אַ ריי אַנדערע רעוואָלוציאָנערן פון דייטשישן אַרבעטער־קלאַס. היסטאָריש האָט די קליקע רעכטע סאָציאַל־דע־מאָקראַטן — עבערט, נאָסקע און שיידעמאַן — שוין דאַן פאַרלייגט דעם באָדן, די באַזע פאַרן היטלעריזם.

אויפן שוועל פון סאָוועטן־מאַכט אין ליטע

דער ברעסט־ליטאָווסקער שלום־אָפּמאַך אין מערץ 1918 (אָפיציעלע ראַ־טיפיצירונג אין נאָוועמבער 1918) האָט שוין יענעם חודש געעפנט די פראָנט־גרענעצן. די געעפנטע גרענעצן האָבן אָנגעהויבן, נאָך לאַנגע פיר יאָר, ברענגען אַהיים די לעבן־געבליבענע בחורים פון די מלחמה־שלאַכטן. אייניקע זיינען צוריקגעקומען מיט גאַנצע גלידער, אַנדערע מיט גרויזאַמע סימנים פון דער בלוטיקער וועלט־מלחמה.

צווישן די ערשטע איז אין אונזער שטאָט ווילקאָמיר צוריקגעקומען מאָטל דער „אינדיק״. (דער צונאָמען אינדיק האָט טרעפלעך כאַראַקטעריזירט די האַלטונג און די באַנעמונג פון אָט־דעם בחור פאַר דער מלחמה, צוליב זיין בלאָזן פון זיך און זיין פאַרצויגענער נאָז.) דער „אינדיק״ איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער שיינער בחור, אַ „קראַסאַוויץ״; אַן אויסגעטאָקטע פיגור לויט אַלע כללים פון פּראָפּאָרציע, אַ שטראַלנדיק פּנים; אַ שוואַרצע

קאָפּ האָר, שיין פּאַרקעמט, בלישטשעדיקע שוואַרצע אויגן, ווי דימענטן. זיין קליידונג, ווי צוגעשניטן פון אַ קינסטלער־שניידער, ציכטיק און ריין. די מיידלעך פלעגן די אויגן ניט קאָנען אָפּרייסן פון מאָטל דעם „אינדיק". נאָר זיין פּראַנטישער באַנעם, זיין שטאַרק בלאָזן זיך, האָט די מיידלעך געהאַלטן אין צוים.

אַהיימגעקומען איז אַ שאָטן פון דעם ניט לאַנג צוריק שיינעם בחור: אָן איין האַנט, אַ צעקאַליעטשעט פּנים, צעקאַרבט פון וואונדן, זיינע פיס און אַנדערע טיילן פון קערפּער, צעשניטן פון אָפּעראַציעס. זיין איצטיקער אויסזען האָט פאַרקערפּערט דעם בלוטיקן, גרויזאַמען און שרעקלעכן פּרייז פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

צווישן די אַנדערע, וואָס האָבן באַוויזן לעבעדיק אַהיים צו קומען זיינען געווען די חברים אונזערע אַ. וואלק מיט אַ וואונד אין אָרעם, וואָס האָט פּאַ־ראַליזירט זיין האַנט און אַן אויער; דער חבר לינץ, אויסערלעך מיט גאַנצע ביינער, נאָר מיט אַ לייכטער וואונד אין קערפּער. ביידע מיט מיליטערישער דערפאַרונג. אַ צאָל האָבן ניט דערלעבט אַהיים צו קומען.

עס זיינען אויך אַהיים געקומען עטלעכע ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער; אַ פּאָר אינטעליגענטן, פאַרשיקטע נאָך פאַר דער מלחמה אין צענטראַל־רוסלאַנד אונטערן פאַרדאַכט פון רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויטעט, און שפּעטער מאָביליזירט אין דער אַרמיי. עס זיינען געקומען אַהיים איניקע בחורים, סאָלדאַטן פון געפאַנגענשאַפט אין דייטשלאַנד; אַנ־דערע פון דער דייטשישער אָקופּאַציע־מאַכט פאַרשלעפּט אויף צוואַנגס־אַר־בעט אין דייטשלאַנד.

צווישן די ערשטע אַהיימגעקומענע פון דייטשישער געפאַנגענשאַפט, איז געווען מאיר'קע, אליהו הזקנ'ס איניקל. מאיר'קע איז געקומען אָן אויס־געמאָגערטער, אָבער מיט גאַנצע ביינער. אַ בחור, אַ גיבור פאַר דער מלחמה, האָט ער אויסגעזען, ווי ער האָט אַ העלפט פון זיך איבערגעלאָזט אויפן מלחמה־מזבח פון דייטשישן מיליטאַריזם. זיין אַהיימקומען איז געווען אַ גרויסע שמחה אין אונזער געסל, — אַ שמחה, וואָס אליהו הזקן האָט דער־לעבט צו זען אַ לעבעדיקן זיין איינציקן איניקל. מאיר'קע איז ניט געווען געראָטן אין זיין פּאַטריאַרכאַלישן זיידן, דעם למדן און חכם. ער איז געווען אַ פּשוט'ער בחור, פיזיש — אַ גיבור. שווערע אַרבעט איז פאַר אים געווען ווי אַ צוקערלעקעכל. ער פלעגט הנאה האָבן פון אַריינגעמען צוויי זעק מעל מיט איין מאָל אין זיינע געזונטע אָרעמס פון וואָגן אין מעל־קראָם אַריין. באַ אַזאַ אַרבעט איז ער געווען, ווי באַ זיך אין דער היים. גוטמוטיק און צופרידן, שפּאָרזאַם אין רייד; אַרויסצוקריגן אַ וואָרט פון מאיר'קען איז געווען אַן שווערער ענין.

איך האָב געמיינט, אַז זייענדיק אַ לענגערע צייט אין געפאַנגענשאַפט אין דייטשלאַנד האָט זיך מאיר'קע אויסגעמענטשלט. איך בין שטאַרק פאַר־

אינטערעסירט געווען צו הערן פון אים זיינע אײַנדרוקן, וועגן זיינע דער־פאַרונגען אין די גרויסע אינדוסטריעלע מאָדערנע שטעט, ווי אַזוי די דייטשן האָבן באַהאַנדלט די געפאַנגענע, די שטימונגען וועגן דער מלחמה און רע־וואָלוציע אין רוסלאַנד. אָבער אַלע מיינע פאַרזוכן זיינען געווען אַרויסגע־וואָרפן. אויף אַלע מיינע פראַגן האָט מאיר'קע געהאַט איין ענטפער: — „שאַיקעלע, דייטשלאַנד איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך". מיין נאָגן אים כסדר, מיינע פאַרזוכן צו באַווענגן אים זיך אַ ביסל ברייטער פאַנאַנדערקלייבן, האָבן זיך ניט איינגעגעבן. אַלע זיינע איינדרוקן און דערפאַרונגען האָט ער רע־זומירט בלויז מיט דעם אײַנעם ווערטל — „דייטשלאַנד איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך", און פאַרטיק.

די חברים וואָלק און ליניע האָבן מיט זיך געבראַכט אַ גרויסן באַגאַזש פון איינדרוקן, אינפאָרמאַציע און אָפּשאַצונגען וועגן דער מלחמה און די שטימונגען אין דער אַרמיי, וועגן די רעוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונגען און אויפברויז צווישן די סאָלדאַטן ביז דעם אויסברוך פון פעברואַר און דער אָקטאָבער־רעוואָלוציעס; וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע און שייכות'דיקע פּראָבלעמען אין לאַנד; וועגן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרזוכן און די געפאַרן, וואָס רינגלען אַרום די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און דער סאָוועטן רע־גירונג, ווי, למשל, דאָס אַריינמישן זיך פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות צו העלפן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע גענעראַלן און דער רוסישער אַריסטאָ־קראַטיע צו פאַנאַנדערפלאַקערן אַ בירגער־קריג אין רוסלאַנד.

דייטשישער אָקופּאַציע־גאַרניזאָן קלייבט זיך אַרויס פון שטאָט

לויט די כללים פון ברעסט־ליטאָווסקער שלום־אָפּמאַך האָבן די דייטשן זיך אונטערגענומען צו פאַרלאָזן די אָקופּירטע־געביטן פון ליטע אין אַ באַ־שטימטער צייט. אַ ריי סימנים האָבן זיך געלאָזט מערקן, אַז דער דייטשישער אַרמיי־גאַרניזאָן פּאַקט זיך צו פאַרלאָזן ווילקאָמיר. אָפּטרעטנדיקע אַרמיי־טיילן האָבן מאַרשירט פון די דווינסקער און ווילנער גאַסן אויפן וועג צו קאָוונער גאַס, אין דער ריכטונג צו מזרח־דייטשלאַנד. באַריכטן האָבן אונז דערגרייכט, אַז דאָס אָפּטרעטן פון גרויסע אַרמיי־טיילן גייט אָן באַנאַכט. די דווינסקער געגנט איז שוין כמעט פריי פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי. שפּעטער, ווען די רויטע גוואַרדיע האָט דערגרייכט און איבערגענומען די שטאָט דווינסק, האָט זיך אין ווילקאָמיר געפילט אַן ענדערונג אין דער לופט, אין דער פאָרמעלער טיילווייז אָנגעצויגענער באַנעמונג און באַציאונג פון די דייטשן צו דער ציווילער באַפעלקערונג. מיינע פּאָר נאָענטע באַקאַנטע דייט־טשישע זעלנער האָבן זיך באַצויגן פרייער, האָבן אָפּן באַשטעטיקט, אַז עס איז נאָר אַ פראַגע פון טעג. אַלע צוגרייטונגען צו פאַרלאָזן ווילקאָמיר גייען שוין אָן. די רוסישע אַרמיי־טיילן וועלן איבערנעמען די שטאָט.

אונזער ווילקאָמירער פּאַראייניקטע אַרבעטער פּאַרטיי האָט פּאַרשנעלערט די צוגרייטונגען, וואָס זיינען באַשלאָסן געוואָרן נאָך אין דער צייט ווען מיר האָבן רעאַגירט אויף די געשעענישן אין דייטשלאַנד. די צוגעקומענע כוחות פון די צוריקגעקערטע חברים וואלק און לינץ, און די ליטווישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אַ רעכט ביסל בייגעשטייערט צו פאַרמירן אַ קעמפנדיקע באַוואָפנטע אָפּטיילונג צו איבערנעמען די שטאָט, אַזוי גיך ווי דער דייטשישער גאַרניזאָן וועט זיך אַרויסציען. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיטעט אָנצופירן די באַוואָפנטע זעלבסט־שוץ. אַ פּאַסיקע הויז פון אַ ריי לײדיקע געביידעס אין שטאָט איז געעפנט געוואָרן פאַר אַ קלוב. אין קלוב האָבן זיך אָנגעהויבן אַלף־בית־איבונגען, ווי אַזוי אָנצוגיין מיט געווער — אַ ביקס, אַ רעוואָלווער, אַ האַנט־גראַנאַט א.אַ.וו. די איבונגען זיינען פאָרגעקומען אונטער דער אָנווייזונג פון די דערפאַרענע חברים וואלק און לינץ, מיטגלידער פון זעלבסט־שוץ קאָמיטעט, איינשליסנדיק מיין ווייניקייט. פאַר געלט און דורך סימפּאַטיע פון מיינע באַקאַנטע דייטשישע זעלנער האָבן מיר זיך איינגעשאַפט עטלעכע ביקסן, אַ צאָל רעוואָלווערן (בראַונינגס), איינעם אַ „מאוזער", ווי די דייטשן האָבן דאָס אָנגערופן. די העכערע דייטשישע אָפיצירן פלעגן זיך באַנוצן מיט אַזאַ געווער. ס'האָט אויסגעקוקט ווי אַ גרויסער בראַונינג רעוואָלווער, וואָס האָט זיך אַריינגעגליטשט אין זיין לענגערן שייד־קעסטל ווי אַ האַנט פּולעמיאָט אויטאָמאַטיש גוט אויסצושיסן צוועלף קוילן. מיר האָט איינער פון מיינע נאָענטע דייטשישע זעלנער געגעבן אַ קליינעם אויטאָמאַטישן בראַונינג, וואָס האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין מיין העמדל־קעשענע. איך האָב אויך געקראָגן אַ פּאָר האַנט־גראַנאַטן. אונזער זעלבסט־שוץ קאָמיטעט האָט אָפּגעשאַצט, אַז אונזער קליינער געווער־אַרסענאַל וועט זיין גענוג פאַר אונזערע צוועקן. די מערסטע חברים פון זעלבסט־שוץ האָבן געהאַט דערפאַרונג אין באַגיין זיך מיט געווער. אייניקע, אַזוי ווי איך, זיינען געווען „קאַליקעס", אָן שום דערפאַרונג. מיין ערשטער פאַרזוך אויסצושיסן פון אַ „ווינטאָווקע" האָט מיך תיכף אומגעוואָרפן. נאָך אַ צאָל איבונגען און אָנווייזונגען האָב איך אויך שוין געקאָנט באַהערשן די „ווינטאָווקע". קיין ציל־שיסער איז פון מיר, פונדעסטוועגן, ניט געוואָרן.

אונזערע מיליטערישע עקספּערטן, וואלק און לינץ, האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַמבעסטן אויסצונוצן אונזער „אַרמיי" אונטער אָט־די באַדינגונגען. דער פּלאַן איז באַשטאַנען פון: 1) באַזאָרגן די וויכטיקסטע גאַס־פּונקטן מיט באַוואָפנטע וועכטער אויף אַן אופן, עס זאָל שאַפן דעם איינדרוק פון אַ וואָס גרעסערער צאָל. די וועכטער זאָלן געביטן ווערן לויט אַ ראָטאַציע־פּלאַן; 2) באַזאָרגן איינגעשטעלטע פאַרבינדונגען צווישן די חברים; 3) פעסטע אינסטרוקציעס צו די וועכטער־חברים צו באַהאַנדלען שטרענג און אַנטשלאָסן יעדן פאַרזוך פון רויבעריי; 4) פאָרזעצן די איבונגען און שטענדיק קלאָר מאַכן די זעלבסט־שוץ מיטגלידער די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זייער מיסיע.

א דאַנק דעם פּלאַן און שטענדיקער אויפקלערונג, אין אין דער קורץ־געבליבענער צייט אונזער קערפּערשאַפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קעמפּנ־דיקער קליינע בריגאַדע, גרייט צו האַלטן אָרדענונג אין שטאָט מיט רעוואָ־לוציאָנערער אַנטשלאָסנקייט.

דער דייטשישער גאַרניזאָן פּאַרלאָזט

עטלעכע טעג איידער דער דייטשישער גאַרניזאָן האָט פאַרלאָזט ווילקאָמיר, האָב איך געקראָגן אינסטרוקציעס זיך צו טרעפן מיט אַ חבר, אַ פאַר־טרעטער פון דער רויטער גוואַרדיע, אין אַ געוויסן געסל. דער חבר איז געווען אַ מלחמה־אינוואַליד. אָנגעקומען אויף דעם באַשטימטן פּלאַץ בין איך אויפ־געציטערט געוואָרן פון דעם וואָס איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן. עס האָט מיר אויפגעטרייסלט דאָס דערנענטערן זיך פון אַ קאַליקע, וואָס האָט זיך באַוועגט אויף אַלע פיר — אויף די הענט און די פאַרבליבענע שפּיצן פינגער פון די פיס מיט לעדער־באַדעקטע. איך האָב ניט דערוואַרט, אַז דער חבר זאָל זיין אַזוי צעקאַליעטשעט. אַ ביסל געקומען צו זיך, האָב איך זיך גע־נומען דערנענטערן צו אים. ער פון זיין זייט האָט, וויזט אויס, באַמערקט מיין פאַרלעגנהייט, האָט ער גוט־ברודעריש מיך באַגריסט מיט אַ באַמערקונג, אַז ער האָט ניט דערוואַרט צו טרעפן אַזאַ יונגען בחור'ל, און געזאָגט: „זעסט, חבר, איך אַן אינוואַליד, דו נאָך אַ יונגער אינגל, אָבער גאַרנישט שטעלט אונז אָפּ צו דינען און אַרבעטן פאַר דער זאַך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע".

דער חבר האָט מיר געבעטן איבערצולייענען זיינע דאָקומענטן, מיט שטעמפּלען פון דעם דווינסקער מיליטערישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. זיין אויפגאַבע איז געווען צו קריגן אַזויפיל אינפאָרמאַציע ווי מעגלעך וועגן די דייטשישע מיליטערישע איינריכטונגען אין שטאָט — די באַראַקן, די סקלאַדן פון אַמוניציע, בענזין־דעפּאָ און אַנדערע פּלעצער פון מיליטערישן באַדייט. פאַרנאָטירנדיק אין קאָפּ די אינפאָרמאַציעס, וואָס איך האָב אים געגעבן, האָט דער חבר געבעטן איך זאָל אים וויזן וואו דער בענזין דעפּאָ איז. צו דער בענזין־דעפּאָ איז ניט געווען צו וויט, ארויף אַ פאָר בערגלעך. איז מיר אויס־געקומען צו טראָגן דעם אחריות'דיקן חבר אויף מיינע נאָך יונגע, אָבער שוין דאַן געזונטע פּלייצעס. אויסער זיין אַביסל פאַרסאָפּעט פון טראָגן דעם חבר אויף מיינע פּלייצעס, איז אַלץ דורכגעגאַנגען בשלום.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען צום פּונקט וואו מיר האָבן זיך לכתחילה געטראָפן, איז צו מיין איבערראַשונג תיכף צוגעפאָרן אַ פּויערישער וואָגן און דער חבר איז מיט אַ האַרציקן זיי־געזונט פאַרשוואונדן אין דעם נאַכטיקן רוים. שפּעטער, ווען די רויטע גוואַרדיע האָט איבערגענומען די שטאָט, ברענ־גענדיק מיט זיך אַן עראָפּלאַן אויף אַ לאַסט־אויטאָ, אַנשטאָט ער זאָל קומען צו פליען, איז מיר קלאָר געוואָרן פאַרוואָס דער חבר פון דווינסקער רעוואָלו־

ציאָנערן קאָמיטעט האָט זיך אַזוי שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם בענזין־דעפּאָ. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, נאָך אַן אונטערזוכונג, אַז די דייטשן האָבן ניט איבערגעלאָזט גענוג בענזין, צו באַזאָרגן דאָס פליען פון דעם עראָפּלאַן.

וויאַזוי דער חבר־אויספירער איז געקומען צו אונז אין ווילקאָמיר, ווער האָט געמאַכט די צוגרייטונג פאַר זיין אַפּפאָרן, איז מיר ניט געווען באַוואוסט. אַזוי זיינען מיר אויסגעשולט געוואָרן: ניט צו פרעגן וועגן איינצלהייטן! פון זיכערקייט־שטאַנדפונקט, און אונטערערדישע באַדינגונגען, אויספירן אינסטרוקציעס און דורכפירן די געגעבענע אויפגאַבן.

אונזער זעלבסט־שוץ בריגאַדע נעמט איבער די וואַך

אַזוי שנעל ווי דער דייטשישער אָקופּאַציע־גאַרניזאָן האָט אַרויסגעמאַרשירט פון שטאָט אויפן וועג צו יאַנאָווע־קאָוונע, האָט אונזער באַוואָפנטע זעלבסט־שוץ־בריגאַדע איבערגענומען די וואַך און אָרדענונג פון שטאָט. די חברים האָבן געקראָגן זייערע לעצטע אינסטרוקציעס לויט די פריער־פּלאַנירטע צוגרייטונגען: די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו שטיין אויף די וואַך־פּונקטן און האַלטן אַ שאַרף אויג; ניט פאַרלאָזן אַ פּאָסטן ביז דער לעצטער מינוט, ווען אַ צווייטער פון פאַראויס באַשטימטער חבר, וואָס איז באַקאַנט צו דעם חבר אויפן פּאָסטן, וועט קומען פאַרבייטן; יעדער באַמערקטער פאַרזוך פון רויבעריי, סאַבאָטאַזש זאָל צוערשט געוואָרנט ווערן מיט געווער, און אין נויטפאַלן פייערן מיט קוילן; דער זעלבסט־שוץ קאָמיטעט וועט שטיין אין קאָנטאַקט מיט די חברים־וועכטער אויף די פּונקטן פאַר אינפאָרמאַציע און אינסטרוקציעס.

אַן אויסנאַם־צושטאַנד איז דערקלערט געוואָרן אין ווילקאָמיר. די נייעס איז פאַרשפּרייט געוואָרן פון מויל־צו־מויל. אַ שטילע רואיקייט האָט אַרומגענומען די שטאָט, ווען מיר האָבן מודיע געווען, אַז די רויטע אַרמיי איז אויפן וועג קיין ווילקאָמיר, אַז אַ רויטע ראַזוועדקע וועט אין אַ פּאָר טעג אַרום אָנקומען אין שטאָט. אין משך פון דריי טעג, די סאַמע לענגסטע טעג אין מיין יונג לעבן (אַזוי האָבן די פּאָר טעג מיר אויסגעקוקט) האָב איך יעדן פרימאָרגן זיך פאַרנומען אויף דווינסקער גאַס, אויסערן־שטאָט, צו באַגעגענען די רויטע ראַזוועדקע, פאַרבראַכט אומגעדולדיקע שעה'ן מיט אָנגעשטרענגטע אויגן צו דערזען דעם שטויב פון די רייטער פערד. מיין אָנגעשטרענגטקייט און אומגעדולד האָט זיך פאַרענדיקט, ווען איך האָב אויפן דריטן טאָג פון גאַנץ ווייט באַמערקט אָנקומענדיקע רייטער. ווען די רייטער האָבן זיך דערנעענטערט, איז שוין קיין צווייפל ניט פאַרבליבן, אַז דאָס איז די לאַנג־דערוואַרטעטע רויטע ראַזוועדקע. אייניקע פון אונזערע חברים זיינען אָנגעקומען זיי צו באַגעגענען. דער אָנפירער פון דער ראַזוועדקע, פון עטלע־

כע און צוואַנציק רייטער, איז אַראָפּ פון זיין פערד. נאָך אונזער פייערלעכער רעוואָלוציאָנערער אויפנאַמע פון די אַזוי־שטאַרק געוואַרטע געסט, האָט דער חבר קאָמאַנדיר אונז באַגריסט און זיך נאָכגעפרעגט, ווער מיר זיינען, וועמען מיר פאַרטרעטן. ער האָט דאַן געבעטן אים צופירן צו דער קוואַרטיר פון דער געוועזענער דייטשישער קאָמענדאַטור.

אויפן וועג אין שטאָט־אַריין, צו דער געוועזענער דייטשישער קאָמענ־דאַטור, האָב איך רעדנדיק מיט דעם חבר קאָמאַנדיר זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם אויספירער דעם אינוואַליד און זיין באַזוך באַ אונז אין שטאָט. דער קאָמאַנדיר האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס איז פאַר אים אַ נייעס, אים איז דער אינוואַליד ניט באַקאַנט, ער האָט וועגן אים גאָרניט געהערט. טראַכטנ־דיק האָט ער מיר אַזוי ווי פון אַ זייט געלאָזט וויסן, אַז מען דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק און וואַכזאַם. ער האָט געהערט פון פאַלן, ווען אומפאַראַנטוואָרט־לעכע חברה נוצן אויס די געלעגנהייט, די רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, און מאַסקירן זיך אַלס רויטע פאַרטרעטער. ווען איך האָב אָנגעוויזן, אַז דער חבר אינוואַליד האָט געהאַט אָפיציעלע דאָקומענטן פון דווינסקער רעוואָלוציאָ־נערן קאָמיטעט, און אַז זיין אויפגאַבע איז געווען, ווי ער האָט מיר דערקלערט, אויסצוגעפינען וועגן די דייטשישע איינריכטונגען אין שטאָט, ספּעציעל וועגן דעם בענזין־דעפּאָ, אַז נאָך זיין אויספאַרשונג איז ער תיכּף אָפּגעפאָרן, און קיינע פּערזענלעכע פאַרלאַנגען ניט געשטעלט, — האָט דער קאָמאַנדיר נאָך אַ ווײַלע טראַכטן ווידער באַמערקט, אַז ער איז וועגן דעם באַזוך ניט איינ־פאָרמירט. מיר איז פון דעם געבליבן אַ ניט־אָנגענעמער טעם אין מויל.

די דייטשישע קאָמענדאַטור האָט במשך די פיר יאָר צייט אָקופּאַציע פאַרנומען אַ היבשן טייל פון דעם גוט־באַקאַנטן אין שטאָט פערקול׳ס האָטעל. די פערקולס־משפחה האָבן גאַנץ פריינטלעך אויפגענומען דעם רויטן קאָמאַנ־דיר מיט זיין קאַוואַלעריע־אָפּטיילונג. אין אַלגעמיין־גענומען איז די פערקולס־משפחה געווען פאַררעכנט אין אונזערע קרייזן פאַר וועלטלעכע, פּראָגרעסיווע מענטשן. איינער פון די ברידער פערקול, און אַ יונגער זון זיינען געווען נאָענטע סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

נאָכן איינאָרדענען און באַזאָרגן די מאַנשאַפט, האָט דער קאָמאַנדיר געבעטן אים איבערגעבן געניי ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָזט ווילקאָמיר; ווער עס האָט אין די פּאָר טעג, ביז די רויטע ראָזוועדקע איז אָנגעקומען, אײַ־בערגענומען און געהאַלטן אָרדענונג אין שטאָט, ווי ער האָט באַמערקט אַריינ־קומענדיק. נאָך אַ פולן באַריכט, האָט דער קאָמאַנדיר געוואָלט וויסן וועגן אונזער געווער־זאַפּאַס. אויסגערעכנט דאָס ביסל געווער אין אונזערע הענט, האָב איך ניט פאַרפעלט צו באַווייזן אים מיין קליינעם בראַונינג. דער קאָ־מאַנדיר איז פון מיין בראַונינג שטאַרק נתפּעל געוואָרן און מיר פאָרגעשלאָגן אַן אויסטויש אויף זיין רעוואָלווער. שווערלעך געווען זיך צו שיידן מיט מיין צאַצקעדיקן בראַונינג, אָבער ס׳איז אויך געווען שווער אָפּזאָגן און אַנטויש ן

דעם חבר קאָמאַנדיר, וואָס האָט זיינע אויגן ניט געקאָנט אָפּקערן פון מיין קליינעם שטיקל געווער. דעם רעוואָלווער זיינען האָב איך ניט גענומען, מיטן אויסרייד, אַז ער איז צו גרויס פאַר מיר, און אַז ער וועט ביידע רעוואָלווערן קאָנען בעסער נוצן ווי איך. האַרציק און חבר׳יש האָט דער קאָמאַנדיר מיר באַדאַנקט.

וועגן געווער פאַר אונזער זעלבסט־שוץ האָט דער חבר קאָמאַנדיר גע־ראַטן, מיר זאָלן דעם ענין איבערלאָזן אויף שפּעטער. די רויטע אַרמיי וועט מאָרגן געווים דערגרייכן ווילקאָמיר. די פּאָליטישע קאָמיסאַרן וועלן זיך פאַרבינדן מיט אונזערע רעוואָלוציאָנערע גרופּן. אַ שטאָטישער רעוואָלוציאָ־נער קאָמיטעט — אַ „רעווקאָם", און אַ רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער קאָ־מיטעט, וועט באַשליסן אין דער פראַגע.

פרי אין אָוונט האָב איך פאַרלאָזט פערקולס גאַסטיניצע און דעם רויטן קאָמאַנדיר. אַ צופרידענער, פול מיט באַגייסטערונג בין איך אוועק אַהיים און געטראַכט וועגן דעם נייעם סאָרט לעבן, וועגן די נייע אויפגאַבן און אַר־בעט, וואָס עס שטייט אונז פאָר.

„רעווקאָם" — פעריאָד פון סאָוועטן־מאַכט

די רויטע אַרמיי איז באַגעגנט געוואָרן מיט חבר׳ישער וואַרעמקייט און פרייד פון אונזערע חברים, און פון דער אידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. עס האָט געהערשט אַ געפיל, אַז אָט־די אַרמיי איז אינגאַנצן אַנדערש — אַן אַרמיי פון אַ נייעם מין, מיט אַנדערע צילן. דאָס איז די אַרמיי פון אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן, פון דער סאָוועטישער מאַכט, וואָס וועט העלפן דורכ־פירן די הערלעכע פּלאַמיקע דעקלאַראַציע וועגן שלום, פרייהייט, רעכט פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער, פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, — אַן אַרמיי פאַר יושר און גערעכטיקייט, פאַר אַ נייעם סאָרט לעבן.

די רויטע אַרמיי־טיילן, פּעכאָטע, קאַוואַלעריע, בריגאַדעם אַרטילעריע און איין עראָפּלאַן אויף אַ לאַסט־וואָגן האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם שטאָ־טישן גאַרניזאָן. צוזאַמען מיט דער הערשנדיקער פרייד צוליבן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי, האָט די אָרעמע קליידונג און די מאָגערע באַוואָפע־נונג פון דער רויטער אַרמיי אַרויסגערופן באַדויערנדיקן פאַרגלייך מיט דעם מעכטיקן מיליטערישן פאַרנעם פון דער דייטשישער אָקופּאַציע־מאַכט. פונעם פאַרגלייך איז קלאָר געוואָרן דאָס בילד וועגן דער מיליטערישער לאַגע פון דער יונגער סאָוועטישער מאַכט און דעם שווערן עקאָנאָמישן מצב פון סאָ־וועטן־פאַרבאַנד.

צעעפנטע שינעלן האָבן אַנטפּלעקט פאַרלאַטעטע מונדירן, לעבערדיקע הויזן, צעלעכערטע שטיוול מיט צעריסענע פּאָדעשוועס. עטלעכע קאַוואַלע־ריסטן — אין פּויערישע לאַפּטשעס, זייערע שפּאָרן אויף האַלב־נאַקעטע פיס.

אַן בענזין צו פליען האָט דער עראָפּלאַן אויף דעם לאַסט־וואָגן אויסגעקוקט, ווי אַ פאַרוואונדעטער, ווי אַן אינוואַליד. מיליטעריש האָט זיך דאַן די רויטע גווארדיע געפונען אין אַ פּעריאָד פון רעאָרגאַניזאַציע, וואָס די סאָוועטן־רע־גירונג האָט אונטערגענומען אויסצושמידן די נייע אַרבעטער און פּויערים אַרמיי. דער דעמאָלדיקער מיליטערישער צושטאַנד האָט באַשטעטיקט, קלאָר ווי דער טאָג, לענינ׳ס ריכטיקן צוגאַנג וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ באַל־דיקן סעפּעראַטן שלום און גוטהייסן די שווערע אַרויסגעשטעלטע אולטימאַ־טיווע באַדינגונגען פון דייטשלאַנד באַם אונטערהאַנדלען דעם ברעסט־לי־טאָווסקער שלום־אָפּמאַך. דאָס איז נויטיק געווען, בכדי אָפּכאַפּן דעם אָטעם, געווינען צייט.

די אָרעם־באַוואָפנטע און אָרעם באַקליידטע אַרמיי איז אָבער געווען באַוואָפנט מיט אַ רעוואָלוציאָנערער מאָראַל, וואָס אַלע האָבן געמוזט באַ־וואונדערן. די דאָזיקע אַרמיי האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכע קעמפּע־רישע שטימונג, אַ טיפן גלויבן און שטאַרקע אַנטשלאָסנקייט צו פאַרטיידיקן די געווינסן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די געהויבענע שטימונג און די טיפע אידעאישע געפילן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די רעוואָלוציאָנערע געפילן, שטימונגען און מאָראַל פון די רעוואָלוציאָנערע שיכטן פון ליטע — פון די ליטווישע אָרעמע פּויערים און אַרבעטער־מאַסן. דאָס־אַ האָט איבער־געוואויגן און פאַרמינערט די אָרעמקייט און די שוואַכקייטן.

ליטע, האַלב רואינירט פון דער מלחמה און אָקופּאַציע, איר קליינע לייכטע אינדוסטריע אויסגעשעפּט, איר אַגריקולטורעלע באַזע אָפּגעשוואַכט, איז אָבער פאַרהעלטנישמעסיק געווען אין אַ בעסערער עקאָנאָמישער לאַגע, ווי די צענטראַלע טיילן פון סאָוועטן־לאַנד. קיין הונגער האָט ניט געהערשט. ברויט און אַנדערע נויטיקסטע פּראָדוקטן האָבן געסטאַיעט פאַר דער באַ־פעלקערונג.

די לעדער־פאַבריקן אין שאַוול האָבן ווי־ניט־איז טיילווייז געקאָנט באַ־זאָרגן די נויטן פון דער רויטער אַרמיי, אַזוי אויך טיילווייז ווילנע. צייט איז אָבער געווען אַן אַנטשיידענער פאַקטאָר. די אַנטוויקלונגען אויפן מערב־פראָנט, די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען אין די סאָוועטישע גע־ביטן, די פאַרשיידענע מאַכינאַציעס פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות צו דערשטיקן די יונגע רעוואָלוציאָנערע מאַכט — אָט־די קאָמבינאַציע פון קאָ־לאָסאַלע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען איז געפאַלן שווער און האָט אוועקגע־שטעלט דאָס ליטווישע פאָלק פאַר גרויסע נסיונות.

קיין צענטראַלע פונקציאָנירנדיקע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז נאָך אין יענער צייט אין ליטע ניט געווען. דאָס ערשטע קאָמערל פון ליטווישע באָל־שעוויקעס, איז ערשט פאָרמירט געוואָרן אין ווילנע, אין אַפּריל 1918. אײ־ניקע פּאַרטיי־קאָמערלעך, קליינע גרופּן האָבן זיך דאַן אויך פאָרמירט אין

די אַנדערע שטעט, און עס זיינען אָנגעבונדן געוואָרן קאָנטאַקטן מיט יחידים אין קלענערע ערטער. די ערשטע גרינדונגס־קאָנפערענץ פון אַ ליטווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז פאָרגעקומען אין ווילנע, צווישן ערשטן און דריטן אָקטאָבער 1918, נאָכדעם ווי די רויטע אַרמיי האָט איבערגענומען ווילנע. די פאַרמירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ליטע איז געקו־מען אַ דאַנק דער איניציאַטיווע און גרויס מי פון צוויי פּראָמינענטע ליטווישע רעוואָלוציאָנערן, מיטגלידער אין דער רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס), מיצקעוויטש־קאַפּוסקאַס און אַלעקסאַס אנגאַראַיטיס; ביידע אינטעלעקטואַלן, באַוואוסטע שרייבער און קעמפער פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, רעכט און זעלבסטשטענדיקייט פון ליטווישן פאָלק.

גלייכצייטיק איז אונטער דער פירערשאַפט פון די ליטווישע רעוואָלו־ציאָנערע טוער און רעוואָלוציאָנערע גרופּן אין ווילנע פּראָקלאַמירט געוואָרן די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון אַרבעטער און פּויערים אין ליטע. צום סוף חודש דעצעמבער 1918, האָט די רעגירונג פאַרעפנטלעכט אַ מאַניפעסט, וואָס האָט פּראָקלאַמירט, אַז — די גאַנצע מאַכט גייט איבער אין די הענט פון די אַרבעטער־סאָוועטן און דעפּוטאַטן פון לאַנדלאָזע און קליין־פּויערטום (אָרעמע פּויערים); דאָס לאַנד (די ערד) מיט אַלע אַגריקולטורעלע איינריכ־טונגען פון די פּריצים, קולאַקן, און פון די קירכעס ווערט דערקלערט אַלס דאָס אייגנטום פון ליטווישן פאָלק; די אינדוסטריע ווערט נאַציאָנאַליזירט; נאַציאָנאַלע און ראַסן־דיסקרימינאַציע, אין וועלכער ניט איז פאָרעם, ווערט געשטעלט אויסערן געזעץ.

נאָך הונדערטער יאָרן געשיכטע פונעם אונטערדריקטן ליטווישן פאָלק, האָט די ערשטע אַרבעטער און פּויערים מלוכה אין דער וועלט צוגעטראָגן גרונט־געבאָטן פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט פון ליטע. אַזעלכע זיינען געוועזן די הייליקע געבאָטן לטובת דעם ליטווישן פאָלק אין די ערשטע שריט פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער און פּויערים רעגירונג.

ווילקאָמירער „רעווקאָם"; אָנהויב פון אַ ניי לעבן

דער ווילקאָמירער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון דריי ליטווישע חברים און צוויי אידישע חברים אונזערע. פּאָרזיצער פון קאָמיטעט (אויב איך מאַך ניט קיין טעות) איז געווען דער ליטווישער רעוואָלוציאָנער וו. קלימאַשעווסקיס.

אַזוי ווי נאָך אַ גוטן רעגן און שטראַלנדיקער זונען־שיין האָט זיך צע־שפּראָצט און צעבליט אַ ברייט סאָציאַל־געזעלשאַפטלעך און פּולבלוטיק־רייך אידיש קולטור לעבן אין אונזער ווילקאָמיר. דער „רעווקאָם" האָט ניט נאָר געבענטשט די דאָזיקע טעטיקייטן, נאָר פיל אַרויסגעהאָלפן. מ'האָט אונז געגעבן די ברייטסטע חבר'ישע קאָאָפּעראַציע צו קריגן אַלע נויטיקע פּיזישע

און מאַטעריעלע מיטלען פאַר דער פּאַרצווייגטער טעטיקייט, באַזאָרגנדיק אונז מיט דעם בעסטן, אונטער די אומשטאַנדן אין שטאָט. עס איז צוגעטיילט געוואָרן אַ פּאַסיקע געביידע פאַר אַ צענטער פון דעם אידישן אַרבעטער קלוב. די געוועזענע „יעוורעיסקאַיע אָטשילישטשע", אַ גרויסע געביידע איז באַשטימט געוואָרן אַלס היים פון דער אידישער וועלטלעכער שול, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן, ווי די אידישע קולטור־ליגע שול. צו אויסשטאַטן דעם קלוב מיט די נויטיקסטע מעבל און אַ פּיאַנאָ, האָט דער „רעווקאָם" מיר געגעבן אַ „רעקוויזיציע מאַכט" צו קריגן באַ אַ צאָל אָנגעגעבענע רייכע משפּחות געניצטע מעבל און די פולמאַכט צו רעקווירירן אַ פּיאַנאָ פון אַ הויז וואו עס איז פאַראַן מער ווי איין פּיאַנאָ. קיינער פון די אָנגעצייכנטע משפּחות האָבן אויף קיין אופן ניט אַרויסגעוויזן וועלכע ניט איז קעגנערשאַפט. פאַרקערט, זיי האָבן אויף דעם פריינטלעכסטן אופן קאָאָפּערירט מיט דעם „רעווקאָם".

אַ צאָל אידישע באַלעבאַטישע משפּחות, וואָס האָבן באַגריפן די באַדייטונג פון די נייע בלאָזנדיקע ווינטן, האָבן אויסגעשטאַט דעם אַרבעטער־קלוב מיט אַ ביבליאָטעק, אַ באַזונדערן לייען־זאַל, אַ פּאַסיקן פאַרוויילונגס־צימער מיט אַלערליי שפּילן, ווי דאַמקעס, שאַכמאַט, דאָמינאָס; און באַזאָרגט אַפילו עטלעכע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. עס האָט נאָר אויסגעפעלט אַ פּיאַנאָ. אין דר. שאַפּיראָ'ס הויז האָבן געשיינט צוויי פּיאַנאָס. איז דאָך ניט מער ווי רעכט און יושר'דיק, אַז ער זאָל זיך באַגיין מיט איין פּיאַנאָ. האָט טאַקע דר. שאַפּיראָ ניט געהאַט קיין לאָגישע אַרגומענטן קעגן אַרויסהעלפן אין אַזאַ פאַל, און זיך מיט איין פּיאַנאָ צעשיידט. געטאָן האָט ער עס אויף אַ לייטישן אופן, און איך בין געוועזן צופרידן, וואָס איך האָב זיך ניט געדאַרפט באַנוצן מיט מיין „רעקוויזיציע מאַכט"...

די צוויי אינסטיטוציעס — דער אַרבעטער־קלוב און די טאָג־שול — האָבן תיכף געקראָגן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין שטאָט. דער קולטור־קלוב איז געוואָרן אַ צענטער פון געזעלשאַפטלעכן אויסלעבן זיך און פון אַלערליי טעטיקייטן. דער קלוב און די שולן האָבן צוגעצויגן די בעסטע פּראָגרעסיווע אידישע אינטעליגענטע כוחות אין ווילקאָמיר. צווישן זיי — שאַווולינסקי, אַ באַגאַבטער פּעדאַגאָג און קולטור־מענטש, אַלס לערער און דירעקטאָר; פונער, אַ געוועזענער סטודענט און לערער. זיי ביידע האָבן באַזאָרגט דעם שול־פּערסאָנאַל מיט נאָך דריי לערער. ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ברייטער שול־קאָמיטעט פון אונזערע חברים צוזאַמען מיט נאָענטע, אידעאָלאָגיש־געשטימטע סימפּאַטיקער, וועלכע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער שול אַרבעט מיט לייב־און־לעבן.

די שול, מיטן נאָמען „ווילקאָמירער קולטור־ליגע שול" האָט זיך געעפנט מיט איבער הונדערט קינדער. דער גרויסער הויף פון שול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאָרטן פאַר די קינדער. דער לערער שאַווולינסקי און אישיע לעווין האָבן איינגעפירט נייע פאָרמען און מעטאָדן אין שול־וועזן. די טאָג־

שול, אַחוץ די לימודים, האָט אינעם קוריקולום באַשאַפֿן פֿאַר די קינדער אַ נייע וועלט אין דער „גאָרטן פֿון לערע": די קינדער האָבן זיך באַקענט מיט דעם אלף בית, דורך די וואונדער, וואָס די מאַמע ערד גיט פֿון זיך אַרויס: פֿלאַנצן און זייען, שפּראָצן און בליען פֿון אַלערליי בלומען און גרינסן. פֿאַר ווילקאָמיר האָט דער גאָרטן בײַ דער שול, פֿאַרקערפּערט אַ נייעם צוגאַנג, נייע דערפֿאַרונג אין שול־וועזן.

פּערקול, אַ געשולטער טעאַטער־דירעקטאָר, און שימעלע כהן זיינען אַזוי ווי בינען צוגעטראָטן איינצושטעלן אַ דראַמאַטישע סעקציע. די שטאָטישע טיי־הויז, אַ היבשע געביידע צוגעפּאַסט פֿאַר טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען איז אונז געגעבן געוואָרן פֿון „רעוואָקאָם" פֿאַר רעפּעטיציעס און טעכנישע צו־גרייטונגען פֿאַר די פֿאָרשטייענדיקע ספּעקטאַקלען.

אַלע קולטור־כוחות פֿון אַ פּולן רייכן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אויף אַלערליי געביטן האָבן זיך צעבליט און צעוואַקסן. עס זיינען געקומען צום אויסדרוק אַלע פֿאַרבאָרגענע פֿעאיקייטן און טאַלאַנטן פֿון אונזערע חברים־מיטגלידער, סימפּאַטיקער, און גלאַט אַרבעטער, באַלמעלאָכעס און קליינ־בירגער, וואָס זיינען דערוואַרעמט געוואָרן פֿון דעם נייעם לעבן, וואָס איז געפֿלאָסן פֿון דעם אידישן קולטור־קלוב, פֿון דעם צענטער. אַ קולטור־מאַרקע פֿון קלוב האָט שטענדיק באַגלייט די פּאָטשט־מאַרקעס אויף די קאָנווערטן פֿון בריוו, און איז שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אין די פּראָגרעסיווע רייען אין שטאָט. אישיע לעווין, סאַרא גאָרדאָן, א. וואָלק, לינץ, און איך אַלס סעק־רעטאָר, צוזאַמען מיט עטלעכע נאָענטע סימפּאַטיקער האָבן צוזאַמענגעשטעלט די עקזעקוטיווע פֿון קלוב. לעווין, וואָלק און איך, זיינען אויך געווען אַ טייל פֿון דעם שול־קאָמיטעט. די ברייטע קולטור־טעטיקייט, לעקציעס און רע־פֿעראַטן וועגן פּאָליטישע פֿראַגן און פּראָבלעמען, באַהאַנדלונגען פֿון לויפֿנ־דיקע נייעס, אַלערליי אימפּראָוויזירטע און אַנדערע אָוונט פֿאַרוויילונגען האָבן אָנגעפּילט די לופֿט פֿון אונזער ווילקאָמיר מיט אַן אָנגענעמען אַראָ־מאַט, מיט פֿרישן דופֿט פֿון דעם נייעם הערלעכן סאָציאַליסטישן קולטור־גאָרטן, וואָס האָט זיך צעבליט אין ווילקאָמיר. די ברייטע געזעלשאַפֿטלעכע קולטור־פֿאַרצווייגטע טעטיקייט, האָט באַוואַסערט און באַפֿרוכפּערט די פּאָ־ליטישע צילן און אויפֿגאַבן פֿון אונזער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ טייל פֿון די פֿאַרזייטע און איינגעפֿלאַנצטע קולטור־טעטיקייט אין דעם קורצן פּעריאָד פֿון דער סאָוועטן־מאַכט אין ליטע איז פֿאַרבליבן און אָנגע־האַלטן אַ לענגערע צייט. די „קולטור־ליגע שול" און דער קולטור־קלוב זיינען געווען אַקטיוו אין ווילקאָמיר אויך נאָך דעם אָפּטרעטן פֿון דער רויטער אַר־מיי, שוין אונטער דער ליטווישער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער סמעטאָנאַ־רעגירונג. העלענאַ באַצקעלס, די פּראָמינענטע קולטור־טוערין, פּעדאַגאָגין און שרייבערין, ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט פֿון מאָסקווע קיין קאָוונע,

האָט אויף איר באַזוך אין ווילקאָמיר אַ באַגייסטערטע אויסגעדריקט איר גרויסן נחת און שטאַרק געלויבט די אינסטיטוציע — די ווילקאָמירער „קולטור־ליגע שול״.

די פּאָליטישע רעוואָלוציע; נייע אויפגאַבן

די פּאָליטישע טעטיקייטן און רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן זיינען אונטער דער סאָוועטישער מאַכט געווען גאַנץ אַנדערע ווי ווען מיר האָבן געאַרבעט אין באַגרענעצטע באַדינגונגען אונטערערדיש און אין צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע. איצט האָבן מיר געהאַט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון פאַרוואַלטן מיט די אַלגעמיינע ענינים פון שטאָט און אומגעגנט. מיט די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פינאַנציעלע נויטן, און מיליטערישער וואַכזאַמקייט — מיט אָט־די אַלע פּראָבלעמען האָט זיך געראַנגלט דער שטאָטישער „רעווקאָם״ (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט) אונטער שווערע באַדינגונגען. די פינאַנץ־פּראָבלעם איז געווען די דרינגענדיקסטע און שווערסטע. די דאַן צירקולירטע „קערענסקים״ זיינען כמעט געוואָרן ווערטלאָז. געדרוקט אין לאַנגע בויגנס פון פאַרשיידענע דענאָמינאַציעס, אָנצייכלענדיק פון טויזנטער ביז מיליאָנען רובלס, האָבן פאַרלאָרן יעדע באַדייטונג, וועלכע נישט איז ווערט־קראַפט אין אויסטויש. די פאַרבליבענע דייטשישע מאַרקן זיינען געווען די איינציקע „סטאַבילע״ וואַליוטע פאַר די פּויערים און מסחר אין שטאָט. דעם בודזשעט פון „רעווקאָם״ האָט אָבער דער באַרג מיט „קערענסקים״ פּשוט פּאַראַליזירט, מ׳האָט זיך מיט זיי ניט געקאָנט אַ ריר־טאָן. יאַשקע ברוק, דער פינאַנץ־קאָמיסאַר, איז צוליב דער ווערטלאָזיקייט פון די „קערענסקים״ אַריינגעשפּאַרט געוואָרן אין אַן ענגען ווינקל. איין אויסוועג איז פאַרבליבן — אַריינקריגן דייטשישע מאַרקן.

אויף אַ באַראַטונג האָט דער „רעווקאָם״ באַשלאָסן אַרויפלייגן אַ קאָנטריבוציע אויף די קרעמער און סוחרים, אויף אַלע פאַרמעגלעכע אין שטאָט, וואָס זאָל איינגעצאָלט ווערן אין דייטשישע מאַרקן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פינאַנץ־קאָמיסאַר יאַשקע ברוק זאָל מיט דער הילף פון אַ קאָמיטעט פון חברים, וואָס באַזיצן די נויטיקע אינפאָרמאַציע צושטעלן אַ צעטל פון די, אויף וועמען מ׳זאָל די קאָנטריבוציע אַרויפלייגן. נאָכדעם, ווי דער „רעווקאָם״ וועט דאָס צעטל גוטהייסן, זאָל מען די אַקציע תיכף דורכפירן.

ניט זייענדיק שטאַרק בקי אין די „שוואַרצע פינטעלעך״, האָבן מיר יאַשקע ברוק׳ן באַזאָרגט מיט אַ געשולטן בוכהאַלטער, קריקונס אַן איידעם. דאָס האָט אים אַרויסגעהאָלפן דורכצופירן אָט־די אויפגאַבע, יאַשקע האָט מיט מיין הילף אויסגעאַרבעט דאָס צעטל. די ערשטע האָב איך געשטעלט מיין מומע מיט איר גאָסטיניצע, אונזערע קרובים די קאַסעלס; נאָכגעפאָלגט האָבן נעמען פון אַלע אַנדערע פאַרמעגלעכע משפחות, איינשליסנדיק דעם בוכהאַלטערס שווער, קריקון, און אַנדערע. מיר האָבן ניט אויסגעלאָזט קיין איינעם פון

די נעמען, וואָס מיר האָבן געוואוסט, אַז זיי זיינען בכוח צו צאָלן. אויסגע־לאָזט האָבן מיר די זעלבסט־באַשעפטיקטע באַלמעלאָכעס, די קליינע קרע־מערלעך און בכלל אָרעמע לייט. אָן איבעריקע שוועריקייטן איז די קאָנטרי־בוציע מצד אַלע אָנגעצייכנטע איינגעצאָלט געוואָרן. האַלטנדיק אויערן און אויגן אָפן, האָב איך ניט באַמערקט קיין באַדייטנדיקע אויפרעגונג, קיין סימן פון קעגנערשאַפט, אַפילו אין דער גאַסטיניצע פון מיין מומען און באַ מיינע קרובים, די קאַסעלס. דאָס מיינט ניט, אַז זיי זיינען געווען גוואַלדיק צופרידן צו שיידן זיך מיט זייערע אָפּגעשפּאָרטע דייטשישע מאַרקן. דער זאַכלעכער צוגאַנג פון „רעוווקאָם", די ברייטע אויפקלערונג צו דער שטאָטישער באַ־פעלקערונג פאַרוואָס אַזאַ קאָנטריבוציע איז נויטיק, באַגלייט מיט פּראָקלאַ־מירן די פולע רעכט צו אַפּעלירן קעגן די באַשטימטע סומען, האָט אַ סך אַרויסגעהאָלפן ניט אַרויסצורופן אַ קעגנערשאַפט. אין איינצלנע פאַלן האָט דער „רעוווקאָם" פאַרקלענערט די באַשטימטע סומען, און אַלע זיינען געווען צופרידן.

יאַשקע ברוק'ס קאַנצעלאַריע איז געווען אַ צענטער פאַר אונזערע חברים פון אונטערנעמען אַרבעט און דורכפירן אויפגאַבן. דער פאָרזיצער פון „רעוווקאָם" איז געווען אַ טייערער חבר. מאַכט האָט אים „דעם קאָפּ ניט פאַרדרייט". זיין קאַנצעלאַריע איז פאַר מיר, ווי פאַר אַלע חברים געווען אַן אָפענע טיר.

אַ צווייטע אויפגאַבע, נאָך די קאָנטריבוציעס, איז געווען, די קאַמפּאַניע צו פאַרשטאַרקן די רייען פון דער רויטער אַרמיי, העלפן די מיליטערישע קאָמענדאַטור אין די דערבייאיקע דערפער און צושטעלן פּראָדוקטן פאַר דער אַרמיי. אויך אָט־די אויפגאַבן זיינען דורכגעפירט געוואָרן זאַכלעך, לויט אַ יושר'דיקן צוגאַנג און באַנעמונג, ווי איינלאַדן סימפּאַטיקער אָנטייל צו נע־מען אין באַראַטונגען און פאַרהאַנדלונגען וועגן פאַרשיידענע שטאָטישע ענינים. אַביסל שפּעטער זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן מענטשן צו באַגעגענען די ערשטע קליינע גרופּן פון צוריקקערנדיקע געפאַנגענע סאָלדאַטן אויף זייער וועג אַהיים. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן צוליב די פאַרשאַרפטע אַנטוויקלונגען אין קאָוונער געביט, וואו די דייטשישע אַרמיי האָט אַנשטאָט צוריקציען זיך, ווי דערוואַרטעט, אַרויסגעוויזן סמנים פון אָנהאַלטן אַ שלאַכט־פראָנט.

פאַרקריפּלונג פון רעוואָלוציאָנערע נאָרמעס

אַ וואָך אָדער צוויי נאָך דער דורכגעפירטע דערפאָלגרייכער קאָנטרי־בוציע, איז די אידישע באַפעלקערונג אין ווילקאָמיר דערשיטערט געוואָרן פון אַ באַנאַכטיקער אָבלאַווע. אַ באַוואָפנטער סקוואָד פון „רעוווקאָם" איז רוגזה'דיק איבערגעפאַלן אַ היבשע צאָל הייזער און קאָנפיסקירט אַ ריי הויז־זאַכן — אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען.

אַ צופֿאַל האָט מיר געמאַכט פֿאַר אַן עדות פֿון דער אומדערוואַרטעטער אַבלאַווע. גראָד יענע נאַכט איז מיר אויסגעקומען צו נעכטיקן אין מיין מו־מע׳ס גאַסטינציצע. אַ שטאַרקע באַמבאַרדירנדיקע קלאַפּעריי האָט מיך אויפֿ־געוועקט. דאָס קלאַפּן איז געקומען פֿון דער ריכטונג פֿון שטאַל־אַריינפֿאָר אויף די דעמבענע טירן. געעפֿנט די שטאַל־טירן, בין איך דערשטוינט געוואָרן צו זען אַ באַוואָפֿנטן סקוואָד בראש מיט אַ באַקאַנטן חבר, אַ באַאַמטן פֿון „רעווקאָם״. דערזען מיך, האָט דער חבר שטאַמלענדיק זיך אַנטשולדיקט. אויף מיין פֿראַגע, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט ער שטאַמלענדיק געענטפֿערט, אַז עס ווערט דורכגעפֿירט אין שטאָט אַן אונטערזוכונג פֿון באַהאַל־טענע, אָנגעקליבענע אומלעגאַלע פּראָדוקטן. דער חבר מיט זיין סקוואָד האָבן זיך אויף גיך אָפּגעטראָגן. וועגן שלאָפֿן יענע נאַכט איז שוין קיין רייד ניט געווען. אַ צערודערטער בין איך געלעגן אין בעט און ס׳האָט מיר געמאַטערט דאָס וואָס איך האָב בייגעוואוינט. ערשט אין אָוונט האָב איך פֿאַרלאָזט דעם „רעווקאָם״ און איך האָב דאָרט קיין וואָרט ניט געהערט, קיין אָנצוהערעניש וועגן אַזאַ פּלאַנירטער אַקציע. דער פּאָרזיצער פֿון „רעווקאָם״ האָט מיר חבר׳יש אָנגעזאָגט, פֿאַרן אַוועקגיין, אַז איך זאָל זיך גוט אויסרוען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. איך האָב קוים דערלעבט דעם פֿרימאָרגן, באַרואיקט מיין מומען האָב איך זיך גלייך געלאָזט צום „רעווקאָם״.

באַקאַנטע קרעמער וועמען איך האָב געזען אויפֿן וועג צום „רעווקאָם״, האָבן אויסגעקוקט דערשראָקענע און צערודערטע, ווי אַ דונער וואָלט זיי גע־טראָפֿן. זיי האָבן מיר דערציילט איינצלהייטן וועגן דעם באַנאַכטיקן איבער־פֿאַל. מען האָט צוגענומען לייכטער, אַנדערע חפצים און פֿאַרשיידענע הויז־זאַכן. די אויפֿפֿירונג פֿון דעם סקוואָד איז געווען ערגער. ווי פֿון דעם צאַר׳ס נאַטשאַלסטווע.

אין „רעווקאָם״ האָט מיר דער פּאָרזיצער, אַ שטאַרק צערודערטער, פֿאַרזיכערט, אַז די אַבלאַווע איז ניט געווען אויטאָריזירט פֿון „רעווקאָם״. ער וויל איך זאָל דאָס וויסן. אַ באַלדיקע אונטערזוכונג וועט דורכגעפֿירט ווערן וועגן אַזאַ אומלעגאַלן אַקט, פֿון אַזאַ פֿאַרברעכן, האָט ער אַנטשיידן דערקלערט. איך האָב דעם חבר פּאָרזיצער איבערגעגעבן וועגן מיין צופֿאַל, דערציילט געניי ווי איך האָב געטראָפֿן דעם סקוואָד, אָנגעפֿירט פֿון דעם חבר, דעם באַאַמטן פֿון „רעווקאָם״ אין דער באַנאַכטיקער אַבלאַווע בא מיין מומען אין שטאָל. אַלעמאָל אַ רואיקער, אַ שטילער, איז דעם פּאָרזיצער׳ס פּנים אַזוי־ווי פֿאַרפֿינצטערט געוואָרן. אַ שטוינענדיקער אויסדרוק האָט באַדעקט זיין פֿאַר׳חושכ׳טן פּנים:

— „שאַיקע, דער באַגאַנגענער פֿאַרברעכן וועט מיט דער שטרענגסטער רעוואָלוציאָנערער מאָס באַשטראָפֿט ווערן״, האָט ער געזאָגט. „דו זאָלסט עס איבערגעבן און ברייט באַקאַנטמאַכן צווישן די אומשולדיקע געליטענע אידן״.

אויף אַ ספּעציעלער זיצונג האָט דער „רעווקאָם" אָפיציעל פאַרדאַמט די אומלעגאַלע אַבלאַווע. דער חבר פאָרזיצער האָט זיך גלייך פאַרבונדן מיט ווילנע. ווילנע האָט געענטפערט, אַז אַ קאָמיסיע אין דער באַגלייטונג פון אַ „ליעטוטשי אַטריאַד" (אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג) וועט אַזוי שנעל ווי מעגלעך קומען אין ווילקאָמיר. אַן אָפענער מאַסן־מיטינג זאָל ספּעציעל צוגעגרייט ווערן אין צענטער פון שטאָט, איז געווען דער באַפעל.

אַ דעטאַלע אונטערזוכונג וועגן דער ניט־אויטאָריזירטער אַבלאַווע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַלט אויף דעם פינאַנץ־קאָמיסאַריאַט און דעם קאָמיסאַר חבר יאָשקע ברוק. די אונטערזוכונג האָט אויך אויפגעדעקט אַ גרויסן אומבאַלאַנס פון די סומען געלטער (אין דייטשישע מאַרקן) לויט די איינגעזאַמלטע קאָנטריבוציעס.

אַ פולע געלעגנהייט איז געגעבן געוואָרן סיי יאָשקע ברוק, סיי די חברים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אומלעגאַלער אַבלאַווע זיך צו פאַרטיידיקן. יאָשקע ברוק, זיינע אַרויסהעלפער אין פינאַנץ־קאָמיסאַריאַט און די אָנפירער פון דער אַבלאַווע זיינען געפונען געוואָרן שולדיק אין באַגיין דעם גרעסטן פאַרברעכן קעגן רעוואָלוציאָנערער לעגאַליטעט, אין שעדיקן און אונטערגראָבן די סאָוועטישע מאַכט. אַ טייל זיינען נאָך האַרבע אויסריידן אַראָפּגענומען געוואָרן פון זייערע אַמטן. די העכסטע רעוואָלוציאָנערע שטראָף איז געגעבן געוואָרן יאָשקע ברוק'ן און צוויי ליטווישע חברים. אַנדערע באַטייליקטע, האָט מען באַשלאָסן, זאָלן באַלד אָפּגעשיקט ווערן אויפן פראָנט אין די ערשטע רייען. אַלע קאָנפיסקירטע זאַכן זאָלן צוריקגעקערט ווערן צו די אומשולדיק־געליטענע מענטשן. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרעפנטלעכן אַ דערקלערונג אין נאָמען פון „רעווקאָם" צו דער שטאָטישער באַפעלקערונג וועגן דער אומלעגאַלער אַבלאַווע, וועגן דער אונטערזוכונג, און באַקענען די בירגער מיט די אורטיילן קעגן די שולדיקע.

צו דער אָפענער שטאָטישער מאַסן־פאַרזאַמלונג איז געקומען דער פּרעזידענט פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעגירונג מיצקעוויטש־קאַפּסוקאַס. פון אַ ספּעציעל־געבויטער טריבונע האָט ער גערעדט צו דער באַפעלקערונג פון ווילקאָמיר. ער האָט אויפגעקלערט די שווערע לאַגע און האָט באַרירט די פּראָבלעמען און באַדינגונגען מיט וועלכע די יונגע סאָוועטישע מאַכט ראַנגלט זיך; די לויערנדיקע געפאַרן פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען, מאַכינאַציעס און שוואַכקייטן אויף אַלע געביטן פון מלוכה'שאַפט. דאָס באַרעכטיקט אָבער ניט אַזעלכע פאַרקריפּלונגען פון די רעכט פון אַ סאָוועטישן בירגער, פון סאָוועטישער לעגאַליטעט, האָט פּרעזידענט קאַפּסוקאַס באַטאָנט. אַזעלכע פאַרברעכנס וועלן מיט דער גרעסטער רעוואָלוציאָנערער וואַכזאַמקייט אויסגענישטערט ווערן און די שולדיקע וועלן קריגן די העכסטע דעוואָלוציאָנערע שטראָף מצד דער רעגירונג. די בירגער־רעכט און די פרייהייט וועט שטרענג אָפּגעהיט ווערן. די יונגע, זעלבסטשטענדיקע ליטווישע סאָוועט־

טישע רעפּובליק וועט, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, בויען אַ נייעם לעבן. מיט דער הילף פון די אַרבעטער און האַרעפּאַשנע פּויערים־מאַסן, מיט דער הילף פון מיטלקלאַס און אינטעליגענץ וועלן מיר בויען אַ סאָציאַליס־טישע ליטע אין אונזער יאָרן־לאַנגער געשיכטע פון אַן אונטערדריקט פאָלק. די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן וועלן מיט מער שטרענגקייט שטיין אויף דער וואַך קעגן וועלכע ניט איז פּאַרקריפּלונגען פון קאָמוניסטישע פּרינציפּן, — פּרינציפּן פון יושר און גערעכטיקייט.

די מעשה מיט דער אַבלאַווע, אויסער אַן אומלעגאַלער אַקט, אַ באַגאַנ־גענער ערנסטער פאַרברעכן, איז פאַר מיר אויך געווען אַ פּערזענלעכע טראַ־געדיע. עס האָט אין מיר געשאַפן אַ בלוטיקן ווייטיק, — די ערשטע דערשי־טערונג אויף מיין יונגן וועג אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. איך האָב דורכגעלעבט אַן אינערלעכן קאַמף, צווישן חבר'ישע, פּערזענלעכע נאָענטע געפילן און רעוואָלוציאָנערער אויסגעהאַלטנקייט, וואָס שייך די גרונט־פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט.

יאָשקע ברוק איז געווען איינגעבאַקן אין מיין האַרץ און נשמה. איך האָב יאָשקע'ן ליב־געהאַט און פאַרגעטערט. יאָשקע איז בײַ מיר געווען אַ מוסטער פון אַן אויסגעהאַלטענעם רעוואָלוציאָנער. אין יאָשקע'ס קעגנוואַרט האָב איך פאַרבראַכט אַ פיינע פּאָר יאָר. קיינמאָל האָב איך קיין פלעק ניט באַמערקט אין זיין גאַנצן וועזן. עס איז מיר קיינמאָל ניט געקומען אויפן געדאַנק קיין סימן, אַז יאָשקע וועט נאָכגעבן וועלכן ניט איז יצר הרע. זיין איבערגעבנקייט צו דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס, צו דער רעוואָלוציע איז בײַ מיר געווען אויסער יעדן צווייפל. אמת, איך האָב געוואוסט וועגן יאָשקע'ס הייסע געפילן צו אַ געוויסער מיידל אין ווילקאָמיר, וואָס האָט צוריקגעוויזן זיינע באַמיאונגען פאַר פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען. ס'איז מיר אָבער אויף קיין איין מינוט ניט געקומען אויפן זינען, אַז ער, דער שטאָלצער יאָשקע וועט ווען־ניט־איז, אונטער וועלכע ניט איז באַדינגונגען און וועלכע ניט איז געפילן זיך אויסגליטשן ביז ברענגען אַ קרבן אויפן מזבח זיין טיפן פּראָלע־טאַרישן גלויבן און זיך קאָמפּראָמענטירן צוליב די געפילן צו אַ פרוי. אַזעל־כעס האָט אָבער פּאַסירט. און מיר איז אויסגעקומען דורכצולעבן דעם פּיין פון אָנטיילנעמען אין דער אונטערזוכונג, פון זיין אַן עדות, ביז זיין אײַנ־סטרומענטאַל אין אַרויסגעבן און גוטהייסן דעם אורטייל — די העכסטע רע־וואָלוציאָנערע שטראָף.

טעג און נעכט האָט מיך געמאַטערט די אַפּערע — די ניט־אויטאָריזירטע אַבלאַווע, יאָשקע ס ראָל און זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ פאַרברעכן. איך האָב געוואויגן און געמאָסטן די ריכטיקייט פון מיין שטעלונג און האַנד־לונג לגבי אַזאַ נאָענטן און ליבן חבר פון פיל יאָרן, ביז איך גופא האָב דער־גרייכט די העכסטע מאָסן פון רעוואָלוציאָנערער גערעכטיקייט, און מיט אַ

פולן געווען זיך אנטשלאָסן אויף מיין שטעלונג לגבי דעם אַנגעוויטיקסטן ענין, אין וועלכן יאָשקע איז געווען דירעקט פאַרמישט.

דער שלום־אָפּמאַך פון ווערסאַי; קאָנטער־רעוואָלוציע אין ליטע

די אַליאַירטע אימפּעריאַליסטישע מלוכות האָבן געהאַלטן אין איין פּויקן, אַז די וועלט־מלחמה איז קעגן דער אויטאָקראַטישער קייזער־דייטש־לאַנד, קעגן דעם מאָנסטערהאַפטן דייטשישן מיליטאַריזם, קעגן יונקערטום. זיי האָבן ניט אויפגעקלערט די פּראָפּאַגאַנדע, אַז דאָס איז אַ מלחמה צו ברענגען אַ סוף צו אַלע מלחמות! אַ מלחמה פאַר דעמאָקראַטיע, פרייהייט און שלום אויף דער וועלט. פּרעזידענט ווילסאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אין אַן אָפיציעלער דעקלאַראַציע פאַרזיכערט דער וועלט, אַז שלום־פאַרהאַנדלונגען וועלן אָנגיין און אַ שלום־אָפּמאַך וועט דערגרייכט ווערן און אונטערגעשריבן ווערן, נאָר מיט אַ דעמאָקראַטישער דייטשישער רעגירונג. קורצע 5 טעג נאָך דער פלאַם־פייערדיקער דעקלאַראַציע פון פּרעזידענט ווילסאָן, דעם 10־טן נאָוועמבער 1918, האָט די אַליאַירטע מיליטערישע אויבער־קאָמאַנדע פאַרעפנטלעכט אַ דעקרעט, אַז די פאַרהאַנדלונגען פאַר אַ שלום־אָפּמאַך וועלן אָנגעפירט ווערן נאָר מיט די פאַראַנטוואָרטלעכע פאָרשטייער פון דער קייזער־לעכער אימפּעריע. 5 טעג איידער עס איז דערקלערט געוואָרן אַ וואָפן־שטיל־שטאַנד, האָט די אַליאַירטע מיליטערישע אויבערקאָמאַנדע אַרויסגעשטעלט אַ באַדינג פאַר אונטערשרייבן דעם וואָפן־שטילשטאַנד — צוריקקערן די באַזייטיקטע פאַראַנטוואָרטלעכע באַאַמטע פון דער דייטשישער רעגירונג צו זייערע פריערדיקע אַמטן און פּאָזיציעס.

דער געשפּענסט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע; די רעוואָלוציאָנערע אומרוען אין דייטשלאַנד, דער רעוואָלט פון די דייטשישע מאַטראָסן, די רעוואָלוציאָנערע אַקציעס פון די דייטשישע אַרבעטערמאַ־סן אין רור־געביט און אין בערלין, — אַלץ געשעענישן, וואָס האָבן געדראָאָט מיט אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, האָט נאַקעט אַנטבלויזט די אימפּעריאַליסטישע קלאַסן־אינטערעסן. זיי האָבן באַשלאָסן מיט אַלע מיטלען צו צאַמען דעם מאַרש־פאָראויס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע צו דערגרייכן די גרענעצן פון מערב־אייראָפּע; צו דערשטיקן און אָפּשטעלן די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין דייטשלאַנד. דער געשפּענסט פון קאָמוניזם האָט געשאַפן אַ שותפות׳דיקע בריק פאַר די געמיינזאַמע קלאַסן־אינטערעסן מיט די נעכטיקע שונאים, דעם פּרייסישן אימפּעריאַליזם און יונקערטום. פון דער מלחמה איבערצוטיילן די וועלט, פאַרכאַפּן קאָלאָניעס פאַר עקספּלואַטאַציע, איז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט איצט געוואָרן איינע: אָפּצושטעלן דעם געשפּענסט פון קאָמוניזם! „ראַטעווען" **די וועלט פון דער** גרויסער געפאַר פון סאָציאַלער רעוואָלוציע.

די באַלדיקע פּלענער האָבן אַריינגענומען דאָס איינשטעלן אַ „קאָרדאָן סאַניטאַר" אַרום די ברעגן פון דער רוסישער אַרבעטער און פּויערים רעגי־רונג, פון דער יונגער סאָוועטן־מאַכט; אויפשטעלן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע רעגירונגען אין פּוילן און ליטע; אָרגאַניזירן מיליטערישע דיווערסאַנטן און זיי באַוואָפענען; מיטצואַרבעטן מיט די רוסישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַריסטאָקראַטיש־בורזשואַזע אָפיצירן אין די געביטן וואו עס האָט געהערשט די סאָוועטישע מאַכט. אין אָט־די פּלענער איז די דייטשישע אַרמיי־מאַשין געווען אין אַ פּאָזיציע פון שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין די באַלטישע לענדער, אין פּוילן און ליטע.

מיט דער גוטהייסונג פון ענגלאַנד און מיט דער הילף פון דייטשישע אַרמיי־באַיאָנעטן, איז אין די נאָך ניט פאַרלאָזטע אָקופּירטע געגנטן פון ליטע פאָרמירט געוואָרן אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ליטווישע רעגירונג. די דייטשישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן טרענירן און באַוואָפענען די אַזוי־גערופענע נייע ליטווישע סמעטאָנאַ־רעגירונג, אויפגעשטעלט אַ פראָנט, און אין קורצע עטלעכע וואָכן געזומען אָפּשטויסן די כוחות אויף די שוואַכע ערשטע געביטן פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק. די רויטע אַרמיי טיילן זיינען געווען בכוח זיך צו פאַרמעסטן מיט די קליינע אַרמיי גרופּן פון דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן סמעטאָנאַ־רעזשים, אָבער ניט מיט דער געשולטער דייטשישער אַרמיי־מאַשין, וואָס האָט פאַר אַ קורצער צייט זיך געהאַלטן אין הינטער־גרונט פון די פראָנט־פּאָזיציעס. במשך אַ קורצע צייט האָט די רויטע אַרמיי צוריקגעשלאָגן יעטווידן אָנגריף פון די „ווייסע ליטווינער" מיט גרויסע פאַר־לוסטן. דער פּאָליטישער קאָמיסאַר פון דער רויטער אַרמיי אין ליטע האָט אָפּגעשאַצט די לאַגע אויף די פראָנטן, און די כוחות־פאַרהעלטענישן צווישן דער רויטער אַרמיי און די סמעטאָנאַ־כוחות, און די ראָל פון די דייטשן, אַז ערך אַזוי:

די דייטשישע אַרמיי־קאָמאַנדע מיידט דערווייל אויס אייגענע פאַרלוסטן. זיי שאַצן ווי געהעריק אָפּ די פייער־קאַפּאַציטעט פון די בריגאַדעס רויטע אַרטילעריע, און פאַרנעמען זיך מיט טרענירן די קליינע סמעטאָנאַ אַרמיי־כוחות. ווי לאַנג די דייטשן וועלן אָנהאַלטן אָט־די טאַקטיק, איז שווער צו זאָגן, מ'דאַרף וואַרטן און זען. אַזוי שנעל ווי די דייטשן וועלן בייטן זייער טאַקטיק, וועט די אָנפירערשאַפט פון דער רויטער אַרמיי דורך אַ ריי סימנים און די אַנטוויקלונגען אויף די פראָנט־פּאָזיציעס זיך קאָנען אָריענטירן.

די רויטע אַרטילעריע־בריגאַדע איז אָנגעפירט געוואָרן פון זייער אַ גע־שולטן קאָמאַנדר, אַ געוועזענער צאַרישער הויכער אָפיציר און אַרטילעריע־ספּעציאַליסט. אַ טייל פון אונזערע חברים זיינען נאָך פאַר די באַנייטע פראָנט־צוזאַמענשטויסן געווען באַזאָרגט וועגן דעם קאָמאַנדיר'ס לאָיאַליטעט, דער הויפּט־כוח פון דער אַרטילעריע־בריגאַדע. ניט נאָר איז דער קאָמאַנדיר פאַר דער רעוואָלוציע געווען אַ צאַרישער אָפיציר, נאָר אויך אַ רייכער לאַנד־

באזיצער, וועמעס גרויסע אימעניע די פויערים האָבן איבערגענומען, אַן אַריסטאָקראַט, וואָס האָט געשלונגען בראָנפן אַזוי ווי וואַסער. נאָך אַ טרונק וואָדקאַ פלעגט דער קאָמאַנדיר שילטן מיט די אמת׳ע „פּאָמאַטיערעס״ די סאָוועטישע רעגירונג פאַר צונעמען בײַ אים זיין גרויסן שטח לאַנד און דעם פּאַלאַץ, וואָס האָט באַלאַנגט צו זיין משפּחה פאַר דורות לאַנג.

דער פּאָליטישער קאָמיסאַר, אַ לאַנג־יאָריקער רעוואָלוציאָנער, אַ באַל־שעוויק פלעגט אונז באַרויִקן. — „מאַטושקאַ ראָסיאַ״ איז בײַ דעם קאָ־מאַנדיר די הויפּט־זאַך, דאָס איז פאַר אים דעצידירנדיק. אין דער מלחמה האָט ער טאַקע באַוויזן אמת׳ן נאַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזם, אויסגעצייכנטע פּי־רערשאַפט, גוט־ברודערשאַפט און זאָרג פאַר דער גרויסער אַרטילעריע־ברי־גאַדע, פאַר אַלע סאָלדאַטן. אין צייט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ער ניט פאַרלאָזט זיין בריגאַדע, אויף קיין האַר זיך ניט געמישט מיט די אָפענע פיינטלעכע און צווייפלהאַפטע אָפיצירן. די סאָלדאַטן האָבן געהאַט פולן צוטרוי צו אים און צו זיין באַוויזענער ספּעציאַליטעט. דער אַריסטאָקראַט, ניט געקוקט אויף זיין שלינגען וואָדקאַ ווי וואַסער, האָט קיינמאָל ניט פאַר־פעלט אויסצופירן אַ באַפעל. אויפן פראָנט עקזיסטירט פאַר אים ניט קיין זאַך, אויסער זיינע מיליטערישע פליכטן. זיין ציל איז, ווי אַמבעסטן אויס־נוצן די אַרטילעריע־בריגאַדע אין פייער. זיין בילן איז טאַקע פון אַ הונט, אָבער אָן ציינער, ניט שעדלעך. ביז וואַנען מיר וועלן אויסשולן אַזעלכע ספּע־ציאַליסטן ווי דער קאָמאַנדיר, מוזן מיר זיך מיט זיי באַנוצן. קיין אַנדערע האָבן מיר דערוויל ניט. און אַפילו ווען מיר וועלן שוין האָבן אייגענע, וועלן מיר נאָך אַלץ אָנהאַלטן אַזעלכע טיפּן ווי דער קאָמאַנדיר.

אין די נאָכפאָלגנדיקע קאַמפן אויפן פראָנט, ביז דער לעצטע מינוט פון מוזן אָפּטרעטן, האָט דער קאָמאַנדיר־אַריסטאָקראַט דורך מעשים באַרעכטיקט דעם צוטרוי צו אים, לויט דער אָפּשאַצונג פון דעם חבר, דעם פּאָליטישן קאָמיסאַר. די אַרטילעריע־בריגאַדע איז געווען דער שטאַרקסטער רוקנביין פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט אונטער די אומשטאַנדן באַוויזן וואונדער אין צוריקשלאָגן די אַטאַקעס פון וואַקסנדיקע סמעטאַנאַ־דייטשישע אָנגריפן.

אין די רייען פון דער אינפאַנטעריע האָט אַ ליטוויש־כינעזישע אָפּטיי־לונג אַרויסגעוויזן הערלעכע ביישפּילן פון רעוואָלוציאָנערע קעמפער און באַגייסטערט די רויט־אַרמייער. אַרום דער רעוואָלוציאָנערער געטריישאַפט און געהאַרכזאַמקייט פון די כינעזישע רויטאַרמייער איז געבאָרן־געוואָרן אַ ווערטל, וואָס איז געוואָרן אַ מין לאָזונג אויפן פראָנט: „סאָוויעט פּאַסאַטוויל, סאָוויעט סנימעט״ — דער סאָוועט האָט דיר אוועקגעשטעלט אויף אַ פראָנט־פּאָזיציע, און עס איז דער סאָוועט וואָס וועט דיר אַרונטערנעמען.

ניסים ונפלאות פון אַ ישיבה־בחור

אַ מוסטער פון אַ מוטיקן און אַנטשלאָסענעם קעמפער אויפן פראָנט איז אויך געווען אַ ישיבה־בחור פון ווילקאָמיר.

דער ישיבה־בוחר איז מיר געווען באַקאַנט. ער איז געווען איינער פון די ישיבה־בחורים, וואָס האָבן געלערנט אונטער דער השגחה פון אליהו הזקן אין דער באַלעגאַלישער שול. איך געדענק, ווי איך פלעג נאָך אין מיינע קינדער־יאָרן אין קלויז וואַרפן אַן אויג אויף דעם ישיבה־בחור צוליב זיין שטאַרקן שאָקלען זיך באַם לערנען מיט אַזאַ שטילן אָבער קלינגענדיקן שיינעם ניגון. זיין לערנען איז געווען מיט מער התפּעלות און התמדה, ווי די אַנדערע פּאָר ישיבה־בחורים. אין שול פלעגן די אידן אָנווייזן אויף אים און דערביי באַמערקן, אַז אָט־דער ישיבה־בחור האָט אַן „אָפענעם מוח", ניט אַנדערש, נאָר די שכינה רוט אויף אים. עליע הזקן האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט דעם בחור צוליב זיינע גרויסע פעאיקייטן און למדנות. פון זיין בערדל און פּאות, אונטער זיין יאַרמלקע האָט אַרויסגעלויכטן אַ שיינער געטלעכער פּנים, מיט אַן אויסדרוק פון איינעם, וואָס זעט ניט די אַרומיקע גשמיות'דיקייט, נאָר פאַרטאָן אין די הימלשע וועלטן; פון איינעם, וואָס טראָגט אויף זיינע יונגע פּלייצעס דעם גאַנצן גרויסן שווערן יאָך פון אידישע צרות און ליידן, שטענדיק פאַרנומען מיט זוכן אַ לייזונג צו די פּיינען און ליידן פון פאָלק.

ווען דער דאָזיקער ישיבה־בחור האָט אין איין העלן פרימאָרגן זיך באַוויזן אין „רעווקאָם" בין איך שטאַרק נתפּעל געוואָרן, געווען ממש געפּלעפט. — „שאַיקעלע", האָט דער ישיבה־בחור זיך געווענדט צו מיר, „ווער און צו וועמען דאַרף איך זיך ווענדן? איך האָב באַשלאָסן צו גיין אויפן פראָנט אַרויסצוהעלפן די רויטע חילות".

ניט נאָר איך, נאָר אַלע חברים זיינען געווען איבערראַשט. זיין פאַרלאַנג מיט אַזאַ רואיקייט, מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט איז מיט גרויס דרך־ארץ באַוויליקט געוואָרן. אויפן פראָנט האָט דער ישיבה־בחור געבעטן דעם פּאָליטישן קאָמיסאַר אים באַשטימען אויף די פראָנט־פּאָזיציעס. אָן שוועריקייטן האָט דער ישיבה־בחור שנעל באַהערשט די קונסט פון שיסן מיט אַ ביקס און נוצן אַ באַיאָנעט. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ ריי אָנגריפן. אין אַ זיג־זאַג קאַמף פאַר אַ באַשטימטער פּאָזיציע אויפן פראָנט איז ער, אַ פאַרוואונדעטער אַריינגעפאַלן אי די הענט פון די סמעטאַנאַ־באַרבאַרן. אין אַ שפּעטערדיקער קאָנטער־אַטאַקע האָבן די רויט־אַרמייער צוריקגעוואונען די פּאָזיציע און געפונען דעם העלדישן ישיבה־בחור מיט אויסגעשטאָכענע אויגן. ווען זיינע מיטקעמפער אין דער רויטער אַרמיי האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי, לויט דעם באַריכט פון פּאָליטישן קאָמיסאַר, מיט אומגעווייכלעכער אָנשטרענגונג און נקמה־געפיל זיך אָפּגערעכנט מיט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדיטן.

די מיליטערישע לאַגע אויפן פראָנט איז פון־טאָג צו־טאָג געוואָרן ערנסטער. די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע געמיינזאַמע ליטוויש־דייטשישע אָנגריפן זיינען געוואָקסן אין פאַרנעם. די אָנגריפן זיינען אַריבער אין שטאַרקע מיליטערישע אַטאַקעס. די פאַרשאַרפטע לאַגע האָט געפאָדערט מער פאַרשטאַרקונג און כסדר'דיקע רעזערוון, וואָס אונטער די באַדינגונגען פון דעם אַנט־

וויקלטן אַלגעמיינעם בירגער־קריג אין לאַנד, איז ניט מעגלעך געווען איבערצואוואַרפן כוחות אויפן ליטווישן פראָנט. די געוועזענע דייטשישע אָקופּאַציע־אַרמיי האָט מיט איר פולן מיליטערישן געוויכט אָנגעהויבן פאַרנעמען פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע. די רויטע אַרמיי טיילן האָבן קעמפנדיק גענומען אָפּטרעטן אין פולער אָרדענונג. דייטשישע אויסשפּיר־עראָפּלאַנען האָבן זיך גענומען באַווייזן איבער ווילקאָמיר און אומגעגנט. עס איז געווען קלאָר, אָן שום צווייפל, אַז די דייטשישע אַרמיי מאַכט צוגרייטונגען פאַר אַן אַנטשיידענער אָנגריף־אַטאַקע אָפּצורייניקן די שטאָט און אומגעגנט פון דער רויטער אַרמיי. אַ צווייטן מאָל, ווען די דייטשישע עראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן, האָבן זיי באַשאָסן די רויטע אַרמיי טיילן.

דער קורצער פּעריאָד פון אַ סאָוועטישער ליטע, פון דער אַרבעטער־ און פּויערים־מאַכט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט דער הילף פון די באַיאָנעטן, מיט דעם כוח פון דער דייטשישער מיליטערישער מאַשין, האָבנדיק די ברכה פון דער פאַררעטערישער, אַנטי־רעוואָלוציאָנערער, רעכטער דייטשישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון עבערט, נאָסקע און שיידעמאַן.

די „באַפרייער פון קאָמוניזם" — סמעטאָנאַ'ס באַרבאַרישער לעגיאָן

אויף די פּלייצעס פון דער דייטשישער אַרמיי, מיט איר מיליטערישער מאַשין, באַזאָרגט מיט אַ שירעם פון דייטשישן לופט־פלאָט, איז קיין ווילקאָמיר אַריינגעריטן די קליינע גרופּע סמעטאַנאַ־קאַוואַלעריע. אויפן ווינקל פון פּערקולס גאָסטיניצע, אויף קאָוונער גאַס, האָבן זיך אַרומגעדרייט גרופּעס אידן, יונגע חברה אַזוי ווי איך, און בתוכם עטלעכע באַלעבאַטישע אידן צו „באַגעגענען", כאַפּן אַ קוק אויף די אַריינקומענדיקע סמעטאַנאַ־„באַפרייער". די רעטער פון באָלשעוויזם. די רייטער, מערסטע ציוויל־געקליידט, אַנדערע אין ניט־אַהין ניט־אַהער מונדירן, האָבן אויסגעקוקט מער ווי אַ באַנדע און ניט ווי אַ מיליטערישער רייטער־באַטאַליאָן. די ביקסן אויף די פּלייצעס, אין איין האַנט די פערד־לייצעס, אין דער צווייטער לאַנגע נאַגאַיקעס. אַראָפּ פון די פערד, האָט דער אָנפירער אַ קאָמאַנדע־געטאָן, מען זאָל זיך פאַנאַנדערגיין. זיין קאָמאַנדע איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ סווישטש פון די נאַגאַיקעס.

אין איין גרופּע מענטשן, וואָס איז געשטאַנען פאָראויס אויפן ראָג־גאַס האָבן די נאַגאַיקעס גלייך געטראָפן. אַ צווייטע גרופּע, וואו איך און דער באַיאָרנטער שטאָט־שוחט איז געשטאַנען, האָבן בלויז די שפּיצן פון די נאַגאַיקעס דערגרייכט. דער אָנגעקליבענער עולם איז זיך גלייך פאַנאַנדערגעגאַנגען, זיך אָפּגעטראָגן שנעל, ווי פייל פון בויגן. אַזוי ווי דער שוחט איז געשטאַנען לעבן מיר, האָבן מיר זיך ביידע גלייך אָפּגעטראָגן צוזאַמען. אַן ערנסט־פאַרטראַכטער האָט יעקב זלמן דער שוחט, אַ איד אַ למדן, אויף מיין פראַגע, ווי עס איז אים געפעלן די באַגריסונג פון די נייע באַפרייער, פאַר־

שנעלערט זיינע פּוס־טריט, אַ בליק־געטאָן הינטן־אַרום צו זען ווי ווייט מיר זיינען פון פּערקולס גאָסטיניצע, צי קיין „בייז אויג" באַגלייט אונז ניט און אַ זאָג־געטאָן: —„שאַיקע, וואָס קאָן איך זאָגן? וואָס איז דאָ צו זאָגן, אויסער איין אמת. אונזערע אידן זיינען דורות־לאַנג אין אַלע צייטן געווען דאָס כפרה־הינדל פאַר אַלע צרות. מיר האַלטן אין איין האָפן אויף בעסערע צייטן, און ווי נאָר אַ ברעקל זונען־שיין באַווייזט זיך, ווערט דאָס גלייך באַדעקט מיט פינצטערע וואָלקנס". (דעם שוחט'ס צוויי טעכטער זיינען געווען סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.)

דער פריערדיקער דייטשישער אָקופּאַציע־גאַרניזאָן האָט נאָכגעפאָלגט די ליטווישע רייטער. די דייטשן האָבן אָבער, הגם אויבערפלעכלעך, געגעבן פאַסאַד דער סמעטאָנאַ־כאַליאַסטרע און זיי געלאָזט זיך איינקוואַרטירן אין פּערקולס גאָסטיניצע. פאַר זייער קאָמענדאַטור האָבן די דייטשן איבערגענומען אַ ווינקל־געביידע פון קאָוונער און ווילנער גאַסן, קעגנאיבער מיין מומעס גאָסטיניצע. די דייטשישע אָפיצירן און זעלנער האָבן אַרויסגעוויזן אַ מער פריינטלעכע באַנעמונג, און געלאָזט וויסן, אַז די באַשליסנדיקע מאַכט איז אין זייערע הענט. די אידישע באַפעלקערונג האָט זיך אַזוי אַרום באַרואיקט.

די סמעטאָנאַ־קאָמענדאַטור האָט אין קורצן פאַראָרדנט אַ רעגיסטראַציע פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. דער באַפעל איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ וואָרענונג, אַז די יעניקע, וואָס וועלן זיך ניט רעגיסטרירן, וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן. מיין באָבען זיינען די נייע פאַראָנדקעס שטאַרק ניט געפעלן געווען. וואָס הייסט גיין זיך פאַרשרייבן? אַלע ווייסן מיר, אַלע קענען מיר, וואָס ווילן זיי? אַלע מיינע יאָרן אָפּגעלעבט אין ווילקאָמיר, דאַרפן זיי מיטאַמאָל וויסן אַקוראַט ווי אַלט איך בין, וואו איך בין געבאָרן? ס'האָט מיר גענומען אַ רעכט ביסל צייט צו איבערצייגן מיין באָבען, אַז מען מוז עס טאָן. די באָבע האָט מיר אַ טובה־געטאָן און איז געגאַנגען מיט מיר זיך רעגיסטרירן. אויף דער פראַגע, ווי אַלט זי איז, האָט זי מיר געהייסן זאָגן 60 יאָר. קיין אַנדערע קאָנצעסיעס האָט זי ניט געמאַכט. איך האָב גראָד אָנגעגעבן — 65. מיין באָבעס אויסדרוק אויפן פּנים האָט דעם ליטווישן טשינאָווניק פאַרשטומט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער פאַרשריבן 65 יאָר. מיר האָט די באָבע געהייסן זאָגן דעם טשינאָווניק, אַז עס איז ניט זיין עסק, צו שטעלן איר אַזעלכע פראַגן און וויסן וועגן אירע יאָרן.

אונזער קולטור־קלוב האָט מען ניט געעפנט. אונזער פּאָליטישע טעטיקייט איז ווידער אַריבער אין אונטערערדישער פאַרעם. אַ קליינע צאָל חברים האָבן זיך צוריקגעצויגן פון עפנטלעכער אַרבעט. מיר האָבן באַטראַכט די מעגלעכקייט, אַז מען וועט פאַר'מסר'ן אונזערע חברים. אַרויסגעהאָלפן קעגן אַזאַ געפאַר האָט סיי די קעגנערישע שטימונג אין אָנהויב פון דער סמעטאָנאַמאַכט, סיי די באַציאונג מצד דער דייטשישער אַרמיי, און די שטאַרק־איינגע־

וואָרצלטע טראַדיציאָנעלע פּאַראַכטונג צו אַ מסור באַ אידן. אַ מסור באַ אידן ווערט באַטראַכט אַלס די נידעריקסטע בריאה — מסור לא יבוא בקהל, — אַ מסור באַגראָבט מען באַם פּלויט פון בית עולם, און אָפּגעזונדערטן, זיינען טאַקע קיין מסירות ניט פאָרגעקומען. די הערלעכע טראַדיציע איז ניט געבראָכן געוואָרן.

צווישן־חשבונות פון די אַליאירטע מלוכות און די סמעטאָנא־רעגירונג

די זיגרייכע אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, די רעוואָלוציאָנערע שטימונג און געשעענישן אין דייטשלאַנד, די אויפוואַכנדיקע רעוואָלוציאָנערע אַספּיראַציעס פון די האָרעפּאַשנע מאַסן אין צענטראַל־אייראָפּע האָבן אַ טרייסל־געטאָן דעם וועלט־קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַליזם. דער געשפּענסט פון רעוואָלוציע און קאָמוניזם האָט געדראָעט מיט צונישט מאַכן די מיליטערישע געווינסן פון די אַליאירטע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, פאַרניכטן זייערע פּאָזיציעס, באַזעס און קאָלאָניעס פאַר עקספּלואַטאַציע. עס האָבן זיך אַ שאָקל־געטאָן די זיילן פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. צו צאַמען, אָפּשטעלן און מיט אַלע כוחות דערשטיקן די קעגן זיי לויערנדיקע געפאַר, איז געוואָרן די הויפּט־זאָרג פון די אַליאירטע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, ווי נאָר דער ווערסאַי־שלום איז געקומען. דאָס איז פאַר זיי געוואָרן די סאַמע דרינגענדיקסטע פּראָבלעם, אַרום דעם האָבן זיי אָנגעהויבן זייער קאָנצענטרירטע מעכטיקע קאַמפּאַניע. דער נעכטיקער שונא, דאָס מיליטאַריסטישע דייטשלאַנד, וואָס האָט ערשט נאָרוואָס פאַראורזאַכט אַזוי פיל בלוט און חורבן אויף זייער ערד, איז אויף גיך געוואָרן אַ וויכטיקער און שטאַרק־נויטיקער שותף אינעם אימפּעריאַליסטישן לאַגער פאַר דער דורכפירונג פון זייערע פּלענער קעגן דעם געשפּענסט פון רעוואָלוציע, פון קאָמוניזם.

דורך אַ „הייליקן" דריילינג־בונד — די אַליאירטע מלוכות, די דייטשישע רור־מאַגנאַטן מיט זייער מיליטערישער מאַשין און די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי — האָט דער אימפּעריאַליזם דערטרונקען אין בלוט די רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן פון די אַרבעטער, פּויערים און האָרעפּאַשנע מאַסן אין דייטשלאַנד. מיט דער הילף פון דער דייטשישער אַרמיי האָט מען זיך פאַרנומען איינצושטעלן אַ „קאָרדאָן סאַניטעיר" — אַ מיליטערישע אַרומרינגלונג — באַ די ברעגן פון די סאָוועטישע גרענעצן. מ'האָט צעפּלאַקערט אַ פראָנט און מיט דער הילף פון דייטשישע זעלנער און דייטשיש געווער דערשטיקט די יונגע סאָוועטן־מאַכט אין ליטע. מ'האָט אויפגעשטעלט אַן

אַזוי־גערופן „אומאָפּהענגיק" פּוילן, איבערגעבנדיק די מאַכט דעם נייגעשאַפענעם פּילסודסקי־רעזשים. דורך די שליאַכן און וועגן פון ליטע און פּוילן האָט מען אָפּגעשטופּט די רויטע אַרמיי צו אַלץ שמעלערע שטחים, פאַרקלענערנדיק בסדר איר טעריטאָריע. פראַנקרייך, ענגלאַנד און די פאַר־

איינציקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָבן געלאַנדעט זייער מיליטער אויף דורך זיי אויפגעשטעלטע באַזעס אין פאַרשיידענע טיילן פון רוסלאַנד. אָט־די זינ־דיקע אַליאירטע כנופיה האָבן באַוואָפנט דאָס צעפוילטע אַפּיצירנטום, די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כוחות פון צאַרישן רוסלאַנד און אַזוי אַרום צע־פלאַקערט אַ בירגער־קריג איבערן לאַנד, און אָן אָפענע דירעקטע מלחמה צווישן פּוילן און דער יונגער סאָוועטן־מאַכט.

בנוגע ליטע און איר זעלבסשטענדיקייט איז אויסגעבראָכן אַ צוויסטיקייט אינעם לאַגער פון דער אימפּעריאַליסטישער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַליאַנץ. דער סכסוך האָט געהערשט צווישן פראַנקרייך פון איין זייט, און ענגלאַנד מיט דייטשלאַנד פון דער צווייטער זייט. פראַנקרייך איז געווען פאַר אַ גרויס־פּוילן, וואָס זאָל אַרומנעמען גאַנץ ליטע, איינשליסנדיק די שטאָט ווילנע, ווי אויך טיילן פון אוקראַינע. פראַנקרייך האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון דעם היסטאָרישן ים־ברעג און ליטווישן מעמעל־געביט (קלייפּעדאַ), לויט דער פאַרשטענדיקונג פון דעם ווערסאַי־אָפּמאַך. אין די אינטערעסן פון ספּערן־איינפלוס האָבן ענגלאַנד און דייטשלאַנד געשטיצט די סמעטאָנאַ־קרייזן, קליינע שיכטן פון ליטווישע פּריצים, נאַציאָנאַליסטן און דער קליינער גרופּע פון ליטווישער אינטעליגענץ אין זייערע פאַרלאַנגען פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער ליטע מיט ווילנע אַלס הויפּט־שטאָט. צוליב אָט־די אינערלעכע צוויסטיקייטן איז געשאַפן געוואָרן די „טאַריבאַ" — די פּראָווי־זאָרישע סמעטאָנאַ־רעגירונג, מיט איר זיץ־אָרט אין קאָוונע, וואָס איז נאָך דאַן געווען אונטער דייטשישער מיליטערישער אָקופּאַציע.

די שוואַכע „טאַריבאַ" — סמעטאָנאַ'ס רעגירונג — האָט זיך געפונען אין אַ פּאָליטישן, דעפּלאָמאַטישן און עקאָנאָמישן קלעם. זי איז געווען פול־שטענדיק אָפּהענגיק פון דער דייטשישער מיליטערישער מאַשין. פראַנקרייך האָט זיך אָפּגעזאָגט איר געבן דיפּלאָמאַטישע אָנערקענונג, בעת ענגלאַנד און דייטשלאַנד האָבן אָנערקענט די „טאַריבאַ" ווי די צײַטווײַליקע רעגירונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער ליטע. די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן, ווי פראַנקרייך, זיך אָפּגעהאַלטן פון אָנערקענען די זעלבסטשטענדיקייט פון ליטע.

די אָרעמע נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע פון ליטע איז פון דער מלחמה און דייטשישער אָקופּאַציע כמעט ווי אינגאַנצן רואינירט געוואָרן. סמעטאָנאַ האָט זיך גענוצט אין דער הילף פון די אידישע אונטערנעמער, קליינע אינדוסטריאַליסטן, סוחרים און הענדלער, בכדי צוריק אויפבויען דאָס ליט־ווישע עקאָנאָמישע לעבן. אין זיין פאָרמירטן מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט סמע־טאָנאַ אַריינגענומען דעם באַקאַנטן אידישן כלל־טוער דר. סאָלאָווייטשיק פון קאָוונע. מיט סאָלאָווייטשיק'ן אין קאַבינעט איז סמעטאָנאַ אויסן־געווען צו געווינען די קאָאָפּעראַציע פון דער באַדייטנדיקער אידישער באַפעלקערונג פאַר זיינע פּלענער. זיין פּלאַן איז געווען צו געווינען צייט, באַרואיקן די אידישע באַפעלקערונג מיט זיין „דעמאָקראַטישן" ליבעראַלן צוגאַנג, וואָס

האָט זיך אויך גיך אַרויסגעוויזן אַלס צודעק פאַר זיינע רעאַקציאָנערע, שאָ־וויניסטישע ווייט־גייענדיקע פּלענער.

אין דער ריינער ליטווישער לופט, פון פיינע עטלעכע הונדערט יאָר פון גוט־שכנה׳שאַפט, פון גוטע באַציאונגען צווישן די מאַסן אידן און ליטווישע פויערים־מאַסן — צוויי שטאַרק אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן, פריי פון שאָוויניזם און פּאָגראָמען אונטערן צאַרישן דעספּאָטיזם, — אין אָט־דער לופט האָט מען געקאָנט דערשמעקן דאָס אָנקומען פון בייזע ווינטן.

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע, די פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע קאָמ־פּליקאַציעס; די מאַכינאַציעס פון דער פּילסודסקי־רעגירונג צו פּראָקלאַמירן ווילנע אַלס אַ פּוילישע שטאָט; גענעראַל זשעליגאָווסקי׳ס פאַרנעמען ווילנע, — דאָס אַלץ האָט פאַר אַ צייט געהאַלטן אין צוים די סמעטאָנא־„טאַריבאַ״.

די פּאָליטישע אַטמאָספערע אַ דאַנק דעם קורצן פעריאָד פון סאָוועטן־מאַכט אין ליטע האָט געהאַט איר אויסווירקונג אינעם אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד. עס איז אין דעם קורצן פעריאָד פאַרזייט געוואָרן אויף ליטווישער ערד, ס׳האָט זיך איינגעקריצט אין די מוחות און הערצער פון די אַרבעטער און דער אָרעמער פויערים־מאַסע די אָפּיציעלע דעקלאַראַציע פון דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע און פון דער סאָוועטן־רעגירונג פאַר שלום, פאַר פולע נאַ־ציאָנאַלע רעכט און זעלבסטשטענדיקייט פון ליטע, וואָס וואָלט דערמעגלעכט די אַרבעטער און פויערים און די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן בכלל צו פאַר־וואַלטן מיט זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן. עס האָט זיך איינגעקריצט אין די מוחות און הערצער די אָנערקענונג פון ווילנע, ווי די הויפּט־שטאָט פון ליטע. ריזיקע צאָלן ליטווינער האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון אמת׳ער פריי־הייט, יושר און נאַציאָנאַלע רעכט. דאָס אַלץ האָבן די בורזשואַזע, שאָוויניס־טישע און רעאַקציאָנערע סמעטאָנא־כוחות אויך גענומען אין באַטראַכט אויסאַרבעטנדיק זייערע פּלענער. זיי זיינען צוליב דעם געווען גאַנץ פאָרזיכ־טיק, בכדי אָפּצואָטעמען אַביסל.

דער סמעטאָנא־„טאַריבאַ״ איז אויך געגאַנגען זייער שטאַרק אין לעבן צו געווינען חן און דעם גוטן ווילן פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע; ספּעציעל דעם גוטן ווילן פון די הונדערטער טויזנטער ליטווינער אין אַמע־ריקע. (אגב, דאָס לעבן און די ראָל פון ליטווינער אין אַמעריקע האָט אַפּטאָן סינקלער באַשריבן אין זיין באַרימטן בוך „דהע דזשאָנגל״, אַן אָפּשפּיגלונג פון דער גרויסער מאַסע אימיגראַנטישע ליטווינער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, באַזונדערס אין שיקאַגאָ, פונוואַנען עס איז אַרויסגעוואַקסן דאָס ווערטל, אַז „די הויפּט־שטאָט פון ליטע איז... שיקאַגאָ״.)

עפנטלעכע געזעלשאַפטלעכע קולטור־טעטיקייט ווערט פאַרשטאַרקט

די ווילקאָמירער קולטור־ליגע שול, די איינציקע וועלטלעכע קינדער־שול אין שטאָט האָט זיך צעבליט. דער קולטור־קלוב, ווי דער איינציקער

צענטער פאַר געזעלשאַפטלעכן אויסלעבן זיך איז אָנגעגאַנגען מיט פאַרברייטערטער טעטיקייט. די דראַמאַטישע טעאַטראַלע סעקציע איז געוואַקסן אין קוואַליטעט און אין פאַרנעם. פון גירוש־פאַרוואָגלטע פאַר אַ לאַנגער צייט אין צענטראַל־רוסלאַנד זיינען צוריקגעקומען אַהיים. עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ווילקאָמירער הילפס־פאַראיין צו העלפן איינאָרדענען די נייע אָנגעקומענע, און לינדערן די נויטן פון די היימישע אָרעמעלייט. די איניציאַטיוו צו גרינדן דעם הילפס־פאַראיין איז געקומען פון עטלעכע באַלעבאַטים אין שטאָט און אייניקע ציוניסטן. מיטן גרינדן פון דעם הילפס־פאַראיין זיינען אָט־די עלעמענטן געוועז אויסן, אחוץ דער הילפס־אַרבעט צו שאַפן אַ פאָרום פאַר זייער ציוניסטישער טעטיקייט און אַרבעט. צוליב זייערע איניציאַטיוו פאָליטיק עננגע מאָטיוון און ענגע פאָליטישע חשבונות האָבן די גרינדער אויסגעלאָזן דעם איינציקן אַקטיוון אידישן צענטער אין ווילקאָמיר — דעם קולטור־ליגע קלוב.

די דרינגענדיקע פּראָבלעם צו שאַפן אַ פינאַנציעלן פאָנד, האָט אָבער געבראַכט די רעדל־פירער פון הילפס־פאַראיין צום קולטור־קלוב. זיי האָבן פאַרלאַנגט דער קולטור־קלוב זאָל צוגרייטן און דורכפירן אַ ברייטן טעאַטראַלן אָוונט, און די גאַנצע הכנסה פון דער אונטערנעמונג זאָל גיין פאַר דער אַרבעט פון דעם הילפס־פאַראיין. אויף אַ פאַרברייטערטער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון קולטור־ליגע קלוב, איז נאָך אַ דיסקוסיע באַשלאָסן געוואָרן צוצוגרייטן און דורכפירן אַזאַ אונטערנעמונג. איינציייטיק איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצודריקן אונזער פּראָטעסט קעגן דער אומדעמאָקראַטישער האַנדלונג, קעגן איינזייטיקייט און קרייזל־פּאָליטיק אין דעם אופן ווי דער הילפס־פאַראיין איז פאָרמירט געוואָרן. מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע איננאַמע פון דער אונטערנעמונג וועלן מיר איבערגעבן לטובת דער הילפס־אַרבעט, וואָס מיר באַטראַכטן אַלס וויכטיקער, ווי קלייזל־פּאָליטיק. מיר האָבן אויך געהאַט אַ קלאָרע פאַרשטענדיקונג, אַז די איינגעשטעלטע טראַדיציע פון פּלעטן (ראַפּלען) אַ גרויסן טאָרט אויף אַלע קלוב־אונטערנעמונגען זאָל פאָרקומען אויך בײַ דער אונטערנעמונג און די איננאַמע פון דעם פּלעט זאָל גענוצט ווערן פאַר דעקן די אויסגאַבן פון דער אונטערנעמונג. דער פאַרלאַנג פון קולטור־קלוב איז אָנגענומען געוואָרן דורך די פירער פון הילפס־פאַראיין, אַזוי אויך אונזער פּראָטעסט קעגן דעם אומדעמאָקראַטישן אופן פון פאָרמירן דעם הילפס־פאַראיין. די מיטגלידער פון דער דראַמאַטישער סעקציע און אַלע חברים פון קולטור־ליגע קלוב האָבן געאַרבעט ווי די בינען אין צוגרייטן דעם ספּעציעלן אָוונט. די רעדל־פירער פון הילפס־פאַראיין האָבן „ניט אַריינגעלייגט אַ פינגער אין קאַלט וואַסער" אַרויסצוהעלפן אין דער אונטערנעמונג.

די אונטערנעמונג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער דערפאָלג. די חברים און חברטעס פון דער דראַמאַ־סעקציע האָבן זיך דערהויבן פון אַמאַטאָרן צו אַ קינסטלערישער הויך אין דורכפירן זייערע ראָלן. דער עולם אין

דעם געפּאַקטן זאָל איז געווען באַגייסטערט. אַלע האָבן באַטראַכט דעם אויסערגעוויינלעכן טעאַטראַלן אָוונט, ווי אַ הערלעכע דערגרייכונג אינעם אידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין ווילקאָמיר. בעת די אַנט־טראַקטן איז בּאַ דעם שיינעם בופעט די הויפּט־טעמע געווען די פאָרשטעלונג. עס איז געגאַנגען אַן אויסטויש פון איינדרוקן און מיינונגען וועגן די אויס־געפירטע ראָלן פון יעדן באַטייליקטן, וועגן דער רעזשי פון דעם דראַמע־די־רעקטאָר פּערקול, און די גאַנצע אַראַנזשירונג פון אָוונט.

די פייערלעכע גרויסע שמחה, וואָס האָט געבראַכט אַזוי פיל יום־טוב'די־קייט, איז אָבער באַלד צעשטערט געוואָרן דורך אַ פּיינלעכן אינצידענט. די באַשטימטע חברים צו „פּלעטן דעם טאָרט" האָבן אָנגעהויבן דורכפירן זייער פליכט. האָבן די רעדל־פירער פון דעם הילפס־פּאַראיין פּלוצעם געוואָלט אָפּ־שטעלן דאָס דורכפירן דעם פּלעט. ווען איך האָב זיי דערמאָנט וועגן אונזער געמיינזאַמער פאַרשטענדיקונג, האָבן זיי דאָס טאַקע ניט געלייקנט, אָבער זיינען פּאָרט באַשטאַנען אויף זייערס, מ'זאָל ניט אָנגיין מיטן פּלעט. דאָס 16־יאָריקע בלוט אין מיר האָט אַזאַ חוצפּה ניט געקאָנט פאַרטראָגן. עס האָט צעשטערט מיין גלייכגעוויכט ביז פאַרלירן דעם קאָנטראָל. בין איך אַרויף אויף אַ בענקל און איבערגעגעבן דעם גאַנצן עולם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. — די האַנדלונג פון די זעלבסטגעקרוינטע רעדל־פירער וועט אונז צווינגען ניט פאָרצוזעצן די פאָרשטעלונג, אָב איך פעסט דערקלערט. דער עולם האָט אויפגעצאָרנט פון אַזאַ טאַט און די רעדל־פירער האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן. דער פּלעט איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג, ווי קיינמאָל נאָך פריער. עס האָט אַריינגעבראַכט די גרעסטע סומע אין פאַרגלייך מיט פּלעטן אויף פריערדיקע אונטערנעמונגען. דער דערפאָלג איז געווען אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן דער חוצפּה, קעגן ניט האַלטן וואָרט מצד די רעדל־פירער פון הילפס־פּאַראיין. אויך די שפּילער אויף דער בינע האָבן מיט ברען, וואָס זיי האָבן אַרויסגע־וויזן אין לעצטן אַקט, געגעבן אַ ווירדיקן ענטפער צו די שטערער. און די באַגייסטערונג פון עולם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שטורמישן ענטפער צו די קאָכלעפל און זייער אומדעמאָקראַטישער אויפפירונג.

מיין האַנדלונג ווערט באַהאַנדלט אין קלוב

דער גאַנצער ענין, באַזונדערס מיין האַנדלונג איז אויפגעקומען פאַר באַהאַנדלונג אין קלוב. דער קלוב־קאָמיטעט האָט מיט אַן אַבסאָלוטער מער־הייט גוטגעהייסן מיין האַנדלונג, ווי אַ באַרעכטיקטע און ריכטיקע. מיין לע־רער, חבר אישיע לעווין, האָט אָבער אויף אַ חבר'ישן און פריינטלעכן אופן אויסגעדריקט זיין ניט־איינשטימיקייט מיט דער גוטהייסונג פון קאָמיטעט פון מיין האַנדלונג. פּרינציפּיעל איז די האַנדלונג געווען באַרעכטיקט, האָט געזאָגט ח' לעווין; די רעדלפירער פון הילפס־פּאַראיין האָבן געבראָכן אַ פאַרשטענדיקונג; פאַר צווינגען זיי נאָכצוקומען דעם אָפּמאַך קומט מיר אַ

יישר כוח. אָבער מיין הארבע טאַקטיק, ווי דער סעקרעטאַר פון קלוב, פאַר־דינט אַן אויסרייד, — ניט פאַר דער עפנטלעכקייט, נאָר דאָ אויף דעם קאָמיטעט.

דער אַרויסטריט פון מיין לערער אישיע לעווין און זיין שטעלונג לגבי מיין האַנדלונג האָט מיר דערמאָנט אין וויקטאָר הוגאָ'ס אַ ווערק, וואו דער גרויסער שרייבער כאַראַקטעריזירט, היבשלעך ציניש אַ געוויסן פאַל און האַנדלונג פון אַ הויכן אָפיציר. עס ווערט באַשריבן אַן אָפיציר, וואָס האָט אויף זיין אייגענער אחריות, אָן דער גוטהייסונג פון שטאַב, אונטערגענומען און דורכגעפירט זייער דערפאָלגרייך אַ מיליטערישע אַקציע. דער מיליטער־רישער שטאַב האָט דעם אָפיציר באַלוינט מיט דער העכסטער אויסצייכענונג, געבנדיק אים אַ מעדאַל פאַר זיין דערפאָלגרייכער מיליטערישער אָפּעראַציע. אָבער... פאַר ניט באַראַטן זיך מיט דעם שטאַב און ברעכן די אָנגענומענע מיליטערישע דיסציפּלין און טראַדיציע אים פאַר'משפט צום טויט. איך האָב אָבער פון אישיע לעווינ'ס לעקציע וועגן דער אחריות פון אַ חבר פאַר זיינע האַנדלונגען, באַזונדערס אין מיין פּאָזיציע אַלס סעקרעטאַר, באַגריפן, אַז דאָס איז געצילט צו באַוואָפענען מיך און אַנדערע מיט דעם נויטיקן סכום פון רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיע און טאַקטיק. האָב איך דערקלערט די חברים, אַז איך נעם אָן דעם אויסרייד פון קלוב, ווי פאַרגעשלאָגן פון חבר אישיע לעווין.

אַ לצנות ווערט אַן ענין

נאָך יעדער אונטערנעמונג, ווי די פאַר דעם הילפס־פאַראיין, בלייבט איבער אַ היבש ביסל אַרבעט פאַר אַ גרופּע חברים און חבר'טעס, ווי ברענ־גען דעם זאַל אין אָרדענונג, צוריקקערן געבאָרגטע אַרטיקלען, אָנגעשלעפּטע מעבל פאַר דער בינע. חבר'טעס ראַמען, אַלע זיינען שטאַרק אויסגעמאַטערט, דערשעפּט. אַ פאַרמאַטערטער האָב איך זיך צוגעלייגט אויף אַ קושעטקע הינ־טער דער בינע אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אַ באַליבטער חבר, אַ גרויסער לץ, האָט מיך געעזן אָפּרוען זיך, בעת דערביי האָט אַ מיידל אַרומגעראַמט די בינע. האָט דער לץ אַ שושקע־געטאָן די איבעריקע חברים אין זאַל, אַז... שאַיקע שלאָפט מיט אַ מיידל הינטער די קוליסן. אויף מאָרגן איז די מעשה גוט־ברודעריש צעפּויקט געוואָרן. ווען דאָס האָט דערגרייכט צו מיינע אויערן, האָב איך תיכף, אָן שום צווייפל פאַרשטאַנען פונוואַנען דאָס קומט, ווער עס האָט די לצנות פאַרשפּרייט. ס'איז מיר אפילו אויף אַ מינוט ניט איינגעפאַלן צו נעמען דעם ענין ערנסט.

גאָלדע ווידעס, אַ טייער מיידל, אַ נאָענטע חבר'טע פון סאַרא גאָרדאָן, האָט מיר אויף מאָרגן איבערגעגעבן, אַז סאַרא גאָרדאָן וויל מיך זען. צוזאַ־מען זיינען מיר געגאַנגען איר זען. אויפן וועג האָב איך באַמערקט, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק. גאָלדע'ס פּנים האָט מיט אַ גנב'ישן שמייכל געקוקט אויף

מיר, אַט־אַט פּלאַצט זי אַרויס מיט אַ געלעכטער. אין גאָרטן פון שפּיטאָל וואו זי האָט געאַרבעט, איז אונז אַנטקעגנגעקומען די פּאַר מיר דאַן געטלעכע סאַרא גאָרדאָן. מיט איר ליבלעכן מאַמע־פּנים, דאָס מאָל מיט אַ זייער ערנסטן אויסדרוק, אַרויפליייגנדיק אירע מוטערלעכע הענט אויף מיינע פּלייצעס האָט זי מיר געפרעגט, צי איך האָב געהערט די קיצלדיקע קלאַנגען, וואָס גייען אַרום צווישן די חברים וועגן מיר, וועגן מיין האַנדלונג נעכטן אָוונט נאָך דער פאַרשטעלונג אין זאַל. זי איז ניט אויסן זיך אַריינצומישן אין מיינע פּערזענלעכע ענינים, האָט זי געזאָגט, זי איז ניט אויסן מיר צו פּריידיקן מאָראַל; ס׳איז אָבער ניט געווען קיין פּערזענלעכער ענין. ס׳איז אַן ענין פאַר אונזער באַוועגונג, ווייל ס׳האָט צו טאָן מיט דער עפנטלעכער אויפפירונג פון אונזערע חברים. אַלץ וואָס זי וויל וויסן איז, צי דאָס איז אמת, צי ניט.

מיט מיין גאַנצער אויפריכטיקייט האָב איך מיין באַליבטער טוערין סאַרא גאָרדאָן פאַרזיכערט, אַז די קלאַנגען זיינען אויסגעטראַכטע, אַז דאָס איז בלויז אַ שפּיצל פון אונזער באַקאַנטן לץ. די אומרואיקייט אויף איר פּנים איז פאַרשוואונדן, און זי האָט מיך ליבלעך צוגעדריקט צו זיך. מער האָב איך וועגן דעם טשיקאַוון ענין ניט געהערט. אונזער לץ האָט אויף אַ ווײלע הנאה־געהאַט פון זיין נאַאיוון שפּיצל.

ס׳איז דאָ נויטיק צו פאַרצייכענען, אַז סאַרא גאָרדאָן האָט זיך אַקטיוו ניט באַטייליקט אין דער אַרבעט פון קלוב. זי האָט געהאַט די אחריות פאַר ספּעציעלע אונטערערדישע פאַרבינדונגען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג. אָבער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּהיטן דעם גוטן נאָמען, די ריינקייט פון אַ חבר, האָט זי דערפילט די פליכט פון אַריינמישן זיך לויט איר מוטערלעכער און רעוואָלוציאָנערער זאָרג. אַט־דער פאַל איז בכלל אַן אילוסטראַציע פון די ענגע חבר׳ישע באַציאונגען און פריינטלעכער באַנע־מונג, וואָס האָט געהערשט אין אונזער ווילקאָמירער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ קאָמאַנדיראַווקע אין שאַוול

אָנפירן רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אונטער די באַדינגונגען פון דעם פּינ־צטערן רעאַקציאָנערן סמעטאָנאַ־רעזשים, האָט אַרויסגערוקט אַ ריי דרינגענ־דיקע פּראָבלעמען: קאָאָרדינירן די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט; פאַרבינדן זיך מיט די אַנדערע שטעט און זיין אין פאַרבינדונג מיט די צענטערן אין ווילנע און קאָוונע; באַזאָרגן די פינאַנציעלע נויטן — די ווערטלאָזיקייט פון די „קערענסקים" האָבן אונז איבערגעלאָזט מיט אַ פּוסטער קאַסע, און אַ ריי אַנדערע פּראָבלעמען האָבן געזוכט אַ לייזונג. די שטאָט שאַוול איז געוואָרן אַ וויכטיקער רינג אין פאַרציען די קייט פון פאַרבינדונגען. אין שאַוול האָבן מיר געהאַט אַ „יאַווקע" אַדרעס, און מיר איז געגעבן געוואָרן די „קאָמאַנדי־ראַווקע" אין שאַוול. צו פאַרלאָזן די שטאָט, אַפילו אויף אַ קורצער צייט האָט מען געמוזט קריגן אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט.

די חברים זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז מיין יונגקייט וועט צומ־וויניקסטן אַרויסרופן פאַרדאַכט. פאַר אַזאַ יונגיטשקן בחור׳ל ווי איך וועט זיין גרינגער צו קריגן די נויטיקע דערלויבעניש צו פאַרלאָזן ווילקאָמיר און די מעגלעכקייט צו קומען בשלום צוריק. מיין „יאַווקע" אין שאַוול איז געווען אין אַ געוויסער באַקאַליינער (שפּייז) קראָם, וואו איך האָב געדאַרפט דעם קרעמער בעטן אַ געוויסן סאָרט פּאַפּיראָסן. דער קרעמער האָט מיך אויף אַ סעקונדע אַזוי ווי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, און גוטברודעריש זיך נאָכגעפרעגט, וואָס עס מאַכט די משפחה... מיין ענטפער, ווי איך בין געווען אינסטרואירט צו געבן, האָט דעם קרעמער זעט אויס באַפרידיקט און ער האָט געבעטן צוואַרטן אַ ווײַלע. עס איז אינגיכן אַריינגעקומען די קרע־מערקע און ביידע צוזאַמען האָבן מיר פאַרלאָזט די קראָם. אויפן וועג גייענ־דיק, האָט מיר דער קרעמער געלאָזט וויסן, אַז ער נעמט מיר צו אַ דענטיסט און איך זאָל זיך אויפירן ווי אַ פּאַציענט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט פונוואַ־נען איך קום און וועגן אַנדערע זאַכן. אַ ווײַלע האָט ער געצווייפלט וועגן מיר, ווייל ניט דערוואַרט אַזאַ יונגן בחור ווי איך אויף אַזאַ וויכטיקער מיסיע. אין דעם דענטיסט׳ס הויז, איז מיר אויסגעקומען צו וואַרטן ביז דער דענטיסט וועט באַדינען אַ פריערדיקן פּאַציענט. זיצנדיק אויף דעם דענ־טיסטן־שטול, האָב איך דעם חבר דענטיסט איבערגעגעבן די אינסטרוקציעס פון די חברים אין ווילקאָמיר, ווי אויך וועגן די „קערענסקים", וואָס איך האָב מיטגעבראַכט. פון דעם דענטיסט׳ס ביוראָ זיינען מיר אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער, וואו דער קרעמער חבר האָט געוואַרט אויף אונז. ער האָט מיר געבעטן אים געבן די געבראַכטע „קערענסקים". דעם דענטיסט׳ס פרוי האָט אַריינגעבראַכט טיי מיט אַ צוביים. נאָך דעם צוביים האָט דער קרעמער חבר מיר געלאָזט וויסן, אַז מיר גייען צו דער שטאָטישער בירזשע אויסבייטן די „קערענסקים" אויף דייטשישע מאַרקן.

די בירזשע־גאַס האָט געראַשט מיט קרייזלעך אידן, כאַפּ־לאַפּ הענדלער. ווי אַ ספּעציאַליסט אין די ענינים, האָט דער קרעמער אויסגעביטן דעם פּאַק „קערענסקים" אויף אַ קליין בינטל מאַרקן. אויפן וועג צוריק צום דענטיסט האָט דער קרעמער געקראָגן פאַר מיר דעם נויטיקן פּראָפּוסק (דערלויבעניש) אַרויסצופאָרן פון דער שטאָט שאַוול. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל ניט שפּעטער ווי מאָרגן פרי פאָרן צוריק אַהיים קיין ווילקאָמיר.

די לאַגע אין שטאָט איז געווען אַ פולווערדיקע. דריי אַרמיי־באַנדעס האָבן דאַן מאַנעווורירט פאַר דער אויבערמאַכט אין שאַוול: דער דייטשישער גענעראַל פאָן גאָלטע, די רעגולערע דייטשישע אָקופּאַציע־אַרמיי, און אונ־זערע נייע ליטווישע באַפרייער.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען צום חבר דענטיסט אין הויז, איז שוין אַלץ געווען פאַרטיק פאַר מיר: אינסטרוקציעס וועגן „יאַווקעס", וועגן פאַר־בינדונגען. און נאָך אַ רעכט ביסל מאַרקן צו די, וואָס דער קרעמער האָט גע־

בראַכט פון דער בירזשע. דער דענטיסט האָט פאַרזאָרגט דעם קרעמער צו מאַכן זיכער און באַגלייטן מיך באַם פאַרלאָזן שאַוול.

איבערגעשלאָפן די נאַכט באַ דעם חבר דענטיסט אין הויז, איז דער קרעמער־חבר אויף מאָרגן באַגינען שוין געווען אין הויז מיך צו באַגלייטן. מיט רעוואָלוציאָנערע גרוסן צו די חברים אין ווילקאָמיר האָט דער דענטיסט זיך געזעגנט מיט מיר. אויפן וועג האָט דער קרעמער מיר געבעטן איבערגעבן די חברים אין ווילקאָמיר, אַז אין אַ צווייטן נויטיקן פאַל קאָנען זיי נוצן די איינגעשטעלטע פאַרבינדונגען, בכדי ניט פאַרלירן קיין צייט און אויך אויס־מיידן די געפאַר פון איינשטעלן אין קאָן אַ חבר.

איך בין געקומען אהיים בשלום, ווי מ'זאָגט, מיט גאַנצע ביינער. די פרייד פון די חברים, ווען זיי האָבן מיך דערזען אַ לעבעדיקן איז געווען גרויס. ממש דערשטוינט זיינען זיי געווען, ווען איך האָב גענומען אויספּאַקן פון אַרום מיין קערפּער די געבראַכטע פּראָקלאַמאַציעס, אינסטרוקציעס און דייטשישע מאַרקן. אין זייער דערשטוינונג האָבן זיי אַפילו זיך ניט נאָכגע־פרעגט, ווי עס איז דורכגעגאַנגען מיין גאַנצע „יאַוועקע" אין שאַוול. אַזוי צו־פרידן זיינען זיי געווען צו זען מיך אהיימקומען אַ לעבעדיקן.

באַרבאַרישער מאָרד פון פינף רעוואָלוציאָנערן

דער אויבערפלעכלעכער דינער דעמאָקראַטישער שלייער פון דער סמע־טאָנאַ־רעגירונג האָט זיך שנעל אויפגעדעקט און ס'האָט זיך באַוויזן זיין באַר־באַרישער אמת'ער פּרצוף. די „זשוואַלגיבאַ", אַ סמעטאָנאַ־קאָפּיע פון דער צאַרישער „אָכראַנקע", האָט זיך צעלאָזן די הענט און דורכגעפירט אָבלאַ־וועס, געיעגן און אַרעסטן פון רעוואָלוציאָנערן, פון אַרבעטער און פּויערים אונטער דעם קלענסטן פאַרדאַכט פון סימפּאַטיע אָדער מיטאַרבעטן מיט דער סאָוועטן־מאַכט, מיט די באָלשעוויקעס. בעת די אָבלאַוועס אין ווילקאָ־מיר האָבן די זשוואַלגיבאַ"־אַגענטן אַריינגעכאַפּט אין זייערע לאַפּעס פינף ליטווישע חברים רעוואָלוציאָנערן. אויף אָנפרעגעס פון די משפחות פון די אַרעסטירטע, צי זיי געפינען זיך אין דער שטאָטישער טורמע, האָבן די „זשוואַלגיבאַ"־אַגענטן געענטפערט, אַז די אַרעסטירטע זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אין קאָוונע, פאַר אַ געריכט און משפט. די אַרעסטירטע חברים האָבן אָבער ניט דערלעבט צו דערגרייכן זייער משפט אין קאָוונע. אויפן וועג פון ווילקאָמיר קיין קאָוונע האָבן די ועכטער מיט זייערע ביקסן־קאָלבעס גע־צוואונגען די פינף רעוואָלוציאָנערן צו גראָבן זייערע אייגענע קברים און האַלב־לעבעדיקע זיינען זיי פאַרשאָטן און באַגראָבן געוואָרן. די „באַ־פרייער" פון זינט יאָר־הונדערטער אונטערדריקטן ליטווישן פאָלק — די סמעטאָנאַ־רעגירונג, האָט מיט דעם באַרבאַרישן אַקט, דאָס דערמאָרדן פינף לאַנג־יאָריקע קעמפער פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, באַוויזן, אַז זיי דאַרפן

זיך ניט לערנען און זיך ניט שעמען מיט זייער דעספּאָטישקייט און באַרבאַ־ריזם, אין פאַרגלייך מיט דעם צאַריזם.

אָבער דער באַרבאַרישער סמעטאָנאַ־רעזשים האָט אַליין ניט דערלעבט אָפּצושטעלן, אָדער דערשטיקן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די אַרבעטער, פּויערים און האָרעפּאַשנע מאַסן פון דער פיל־געליטענער ליטע פאַר נאַציאָ־נאַלער זעלבסטשטענדיקייט, פרייהייט, יושר און גערעכטיקייט, שלום און סאָציאַליזם.

אין די לאַפּעס פון סמעטאָנאַ־אַגענטן; ווי איך ראַטעווע זיך אַרויס

פון די דייטשישע לאַגערן אין דאַן דורך ליטע צו די סאָוועטישע גרע־נעץ־בערגן געפלאָסן אַ ים פון מאַסן באַפרייטע רוסישע געפאַנגענע. ווילּ־קאָמיר איז געוואָרן איינע פון די אָפּרו־סטאַנציעס פאַר די צופּוס־מאַרשירנ־דיקע, אָפּגעריסענע, אויסגעמאַטערטע, האַלב־הונגעריקע געפאַנגענע. דער שטאָטישער גאָרטן, דער „פּלאַץ־פּאַראַד" האָט געדינט, ווי אַן אָפּרו־אָרט פאַר זיי. ליטווישע פּויערים, אַלערליי אידן, יונגע חברה פלעגן זיך אַרומדרייען אין פּלאַץ־פּאַראַד צווישן די געפאַנגענע, פאַרטיילן אַ פּאָר לעבלעך ברויט, אַביסל פּרוכט; אַנדערע פלעגן זיך נאָכפרעגן וועגן אייגענע. די יונגע חברה פלעגן קומען אַהין פשוט צוליב נייגעריקייט צו באַקוקן די געדיכטע מאַסע „פּלעניקעס". די געפאַנגענע זיינען אויך געווען שטאַרק הונגעריק נאָך נייעס. עטלעכע פון אונזערע חברים האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און פאַרטיילט פּראָקלאַמאַציעס, געכאַפּט אַ שמועס מיט די פּלעניקעס, דערציילט זיי אַביסל וועגן די לעצטע אַנטוויקלונגען אין זייער סאָוועטיש היימלאַנד, וועגן דער ניי־פאָרמירטער רויטער אַרמיי, די אַרמיי פון אַרבעטער, פּויערים און סאָל־דאַטן.

די פּלעניקעס פלעגן ממש שלינגען די נייעס און די פּראָקלאַמאַציעס אַזוי ווי ברויט, האָבנדיק אינזינען, אַז גלייך אַנטקעגן געפינט זיך די ליטווישע קאָמענדאַטור, האָבן מיר געהאַלטן אַ שאַרף אויג, זיך שטאַרק געהיט. די פּלע־ניקעס האָבן עס פאַרשטאַנען און אַזוי ווי מ'וואָלט זיך צוזאַמענגערעדט, פלעגן זיי אונז איינצאַמען אין אַ געדיכטן רינג, בכדי צו באַשיצן אונז פון מעגלעכע ליטווישע אַגענטן.

ווי פאָרזיכטיק מיר זיינען ניט געווען, האָבן דאָך אין איינעם פון די טעג, נאָך מיין פאַרטיילן פּראָקלאַמאַציעס, זיך באַוויזן צוויי ליטווישע סאָל־דאַטן אַרום דעם געדיכטן קרייז פון פּלעניקעס אין וועלכן איך האָב זיך גע־פונען. ס'האָט ניט געהאָלפן די פּלעניקעס זייער ענגער צוזאַמענרוקן זיך, בכדי מיך באַשיצן. די ליטווישע באַוואָפנטע סאָלדאַטן האָבן זיך דורכגע־שטופּט צווישן דעם רעדל געפאַנגענע. ס'איז ניט געבליבן קיין מעגלעכקייט זיך אַרויסצודרייען פון זיי, און זיי האָבן מיך גענומען אין דער קאָמענדאַטור.

אין דער קאָמענדאַטור האָבן די ליטווישע סאָלדאַטן מיט זייערע ביקסן־פּריקלאַדעס (קאָלבעס) מיך אַריינגעשטופּט אין אַ צימער, וואו עס איז געזעסן דער קאָמענדאַנט צוזאַמען מיט אַ ציווילן בחור, וואָס האָט אים עפּעס אַריינגעשושקעט אין אויער. דערזען דעם בחור׳ס פּנים, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דער חברה־מאַן האָט געאַרבעט אין „רעווקאָם״. דער קאָמענדאַנט האָט אַ ברום געטאָן און מיך באַשולדיק אין פאַרשפּרייטן באָלשעוויסטישע פּראָקלאַמאַציעס צווישן די רוסישע געפאַנגענע. קאָנענדיק דעם קאָמענדאַנט, ווי אַן אָפטן אַריינגייער אין מיין מומעס גאַסטיניצע, האָב איך זיך געמאַכט טאַמעוואַטע און אַלץ געלייקנט. — איך בין געווען אין פלאַץ־פאַראַד אַזוי ווי אַלע אַנדערע יונגע אינגלעך, צו כאַפּן אַ קוק אויף די געפאַנגענע, האָב איך געזאָגט. דער קאָמענדאַנט קען מיך דאָך. איך פאַרנעם זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכן. דער קאָמענדאַנט האָט ווידער אַ ברום־געטאָן און געענטפערט אויף רוסיש: „סאַבאַקי טעביא זנאַיוט, ניע יאַ״. (הינט קענען דיך, ניט איך) און ער האָט באַפוילן די צוויי ליטווישע סאָלדאַטן מיך אָוועקפירן אין דער שטאָטישער טורמע.

אין קאָפּ האָבן גערווישט פאַרשיידענע געדאַנקען. דער מאָרד פון די פינף חברים האָט ניט אָפּגעלאָזט. צי וועט מען מיך נעמען אין דער טורמע וואָס איז אויסערן שטאָט? צי וועלן זיי מיך מאַטערן אויפן וועג? וואָס טוט מען? עס האָט אין מיר אין דעם שווערן מאָמענט געטויכט איין אויסוועג — די האָפענונג, אַז סיי מיין משפחה, סיי אונזערע חברים און סתם אידן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין די לאַפּעס פון די ליטווישע, וועלן זיי עפּעס טאָן מיך צו ראַטעווען. מיין מומע, מיין ברודער און אַ קרובה, איינע פון די קאַסעלס, האָבן געאַרבעט אין דער קאַנצעלאַריע פון דער דייטשישער קאָמענדאַטור. אַלערליי מעגלעכקייטן האָבן זיך געדרייט אין קאָפּ. דער וועג צו דער טורמע האָט דורכגעשניטן דעם צענטער פון שטאָט, די קראָמען און מאַגאַזינען פאַרביי ווילנער גאַס וואו עס געפינט זיך מיין מומעס גאַסטיניצע, ווי אויך די דייטשישע קאָמענדאַטור.

געווינען צייט, איז אין יענעם געשפּאַנטן מאָמענט געווען זייער וויכטיק. אַזוי פּאַמעלעך ווי נאָר מעגלעך האָב איך פאַרשמעלערט מיינע פוס־טריט. ס׳איז מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, ווען איך האָב באַמערקט ווי אַלע קרעמער און אַן אַלץ גרעסערע צאָל אידן אַרום די קראָמען האָבן מיט באַזאָרגטע בליקן אין די אויגן געקוקט אין מיין ריכטונג. די ליטווישע וואַך אַרום מיר האָט דערפילט די אויגן־בליקן פון די רעדלעך אידן און אופגעהערט מיך צו שטורקען מיט ביקסן־קאָלבעס.

לאַנגזאַם בין איך געגאַנגען ווייטער,, באַוואַכט פון די ליטווישע סאָלדאַטן. די קראָמען זיינען געוואָרן שיטערער, די רעדלעך אידן אַרום זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן פון מיינע אויגן. אויפן האַרצן איז מיר געוואָרן זייער ביטער. איך האָב געוואַרט, אַז אַ נס זאָל פּאַסירן. אָט־באַלד ענדיקט זיך די

באוואוינטע טייל פון דווינסקער גאַס. די וועכטער ווערן אַלץ מער חוצפה'דיק, הויבן אָן שטורקען מיט די ביקסן־קאָלבעס, איך זאָל זיך שנעלער באַוועגן.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט פון ווייטן קלאַפּנדיקע לויפנדיקע טריט. מיין דערוואַרטעטער נס איז געקומען. איך האָב דערהערט דעם מיר גוט־באַ־קאַנטן אַפּהילך פון די באַטשוועקלטע דייטשישע שטיוול איבער דער ברוקיר־טער גאַס. דער אַפּהילך איז געוואָרן שטאַרקער און איך האָב דערהערט אַ הויך־קלינגענדיקן אויסגעשריי — „האַלט! האַלט־". זיך אָנגענומען מיט מוט האָב איך אַ דריי־געטאָן דעם קאָפּ און איך האָב דערזען מיין גוטן באַקאַנטן דייטשישן זעלנער מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. די וואַך איז געבליבן שטיין אַ פאַרלאָרענע. מיין באַפריינדעטער דייטשישער זעלנער האָט זיך אַוועקגע־שטעלט צווישן מיר און דער וואַך, ניט־אַרויסלאָזנדיק דעם רעוואָלווער פון האַנט גרייט צו שיסן. מיט אַ ראַזמאַך פון דער צווייטער האַנט האָט ער גע־הייסן דער וואַך זיך אָפּטראָגן. פאַרלאָרענע, האָבן די ליטווישע סאָלדאַטן פאַרשטאַנען, וואָס דער דייטשישער זעלנער מיינט און זיך טאַקע אָפּגעטראָגן.

ווען מיר זיינען געבליבן אַליין האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט, אַז מיין דייטשישער פריינט זאָל מיך נעמען אין דער דייטשישער קאָמענדאַטור. דאָרט זאָל ער דערקלערן, אַז ער קען מיך פון דער אָקופּאַציע־צייט, וואָס דאָס איז געווען אמת. און ווען ער האָט מיך דערזען אַרעסטירט, געפירט פון די ליט־ווישע סאָלדאַטן, האָט ער געפילט אַז עס איז זיין חוב צו זען דערצו, איך זאָל קריגן אַ געלעגנהייט אויסגעהערט צו ווערן מענטשלעך און גערעכט, און דאָס קען מען נאָר קריגן אונטער דער דייטשישער גערעכטיקייט.

אין דער דייטשישער קאָמענדאַטור האָט אונז באַגעגנט מיין ברודער מיט די אַנדערע צוויי אידישע אָנגעשטעלטע דאָרטן, און אַ היבשער געזעמל פון אמת'ע באַלעבאַטישע אידן. מיין ברודער האָט צו מיר אַ שושקע־געטאָן, איך זאָל זיך היטן, איך זאָל זיין העפלעך צו דעם דייטשישן קאָמענדאַנט. מיין גוטער פריינט, דער דייטשישער זעלנער, האָט מיך אַריינגעפירט צו דעם קאָ־מענדאַנט. סאַלוטירט ווי עס באַדאַרף צו זיין און איבערגעגעבן זייער פאַר־מעל, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. די אורזאַך פאַר זיין אַריינמישן זיך בכלל, האָט ער צוגעגעבן, איז מיין גוטע באַציאונג צו די דייטשישע זעלנער אין צייט פון דער אָקופּאַציע, און אויך מיין פולשטענדיק פאַרלאָזן זיך אויף דער דייטשישער גערעכטיקייט און זייער פיינער באַנעמונג.

מיט שטרענגער, פאָרמעלער דייטשישער אָנגעצווינגקייט האָט דער קאָ־מענדאַנט געגעבן אַ לעקציע דעם זעלנער וועגן דער ניט־ריכטיקייט פון אַריינ־מישן זיך אין אַן ענין, וואָס איז אונטער דער יורידיקציע פון דער ליטווי־שער קאָמענדאַטור, און ער האָט דערקלערט, אַז פאַר אים איז ניט מעגלעך צו באַפרייען מיך פון אַרעסט. דער ענין גייט אַריבער צו דער דייטשישער געהיים־פּאָליציי, האָט ער געזאָגט. איך האָב שטאַרק באַדאַנקט דעם קאָמענ־

דאַנט, און העפלעך אים געבעטן ער זאָל מיך איבערשיקן צו דער דייטשישער געהיים־פּאָליציי מיט אַ דייטשישער וואַך, צוליב מיין מורא פאַר די ליטווישע וועכטער. האָט דער קאָמענדאַנט אינסטרואירט מיין דייטשישן באַקאַנטן מיך צו באַגלייטן.

אַרויסגייענדיק פון דעם קאָמענדאַנט'ס ביוראָ, האָט מיר מיין ברודער אינפאָרמירט, איך זאָל זיין רואיק. מען האָט שוין אונטערגעשמירט די נויטיקע דייטשישע באַאַמטע.

אין דער דייטשישער געהיים־פּאָליציי איז מיין באַפריינדעטער דייטשי־שער זעלנער ניט אָפּגעטראָטן אפילו אויף קיין איין מינוט פון מיר. ער איז געווען נאָך בעסער, ווי אַן אַדוואָקאַט. עס איז געווען מיטאָג־צייט, האָט ער מיר באַזאָרגט מיט אַ צוביים. אַ אידישע שטאָט־דעלעגאַציע, בראש מיט יעקב זלמן דעם שוחט, האָבן שוין געוואַרט עדות־צו־זאָגן וועגן מיר.

נאָכמיטאָג האָט מיך אויפגענומען דער הויפּט פון געהיים־פּאָליציי און אויסגעהערט מיין גאַנצע געשיכטע. זיינע געהילפן האָבן מיך אויסגעטאָן אַ נאַקעטן באַזוכט, ניט אויסלאָזנדיק אפילו די שיך, און מיך צוריקגעבראַכט אין קאַנצעלאַריע פון הויפּט־מאַן, וועלכער האָט אינצווישן צייט אויסגעהערט די אידישע דעלעגאַציע. דער הויפּט פון דער געהיים־פּאָליציי האָט דאַן דער־קלערט מיין אומשולדיקייט, און אַז איך ווער אָפיציעל באַפרייט, אָן וועלכן ניט איז פאַרדאַכט. ער האָט זיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט דער ליטווישער קאָמענדאַטור און מיר דערקלערט, אַז איך דאַרף זען דעם הער ליטווישן קאָ־מענדאַנט, וואָס וועט דעם אורטייל גוטהייסן.

צוזאַמען מיט מיין דייטשישן פריינט זיינען מיר אַריין צו דעם ליטווישן קאָמענדאַנט. ניט־קוקנדיק אפילו אין מיין ריכטונג, האָט דער ליטווישער קאָמענדאַנט איבערגעגעבן מיין באַגלייטער אַן אָפיציעלן דאָקומענט באַ־שטעטנדיק, אַז איך בין פריי, לויט דער פולער אונטערזוכונג פון דער דיי־טשישער געהיים־פּאָליציי; צוגעבנדיק, אַז ווי עס ווייזט אויס איז דאָ אַ פאַר־דריסלעכער טעות געמאַכט געוואָרן.

אויפן וועג אַהיים נאָך דער גאַנצער שווערער איבערלעבעניש, האָט מיין רעטער קאַרל (אַזוי איז געווען דער נאָמען פון מיין דייטשישן פריינט) גע־בעטן ניט צו פאַרגעסן און געדענקען, אַז ניט אַלע דייטשישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן זיינען פאַררעטער פון דער „אַרבעטער זאַכע".

צום ערשטן מאָל אין די עטלעכע יאָר, וואָס מיר האָבן זיך געקענט, האָט קאַרל מיר אָפן דערציילט, אַז ער איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַז זיין גאַנצע משפחה, דער פאָטער, צוויי ברידער און אַ שוועסטער זיינען אַרבעטער און זיינען אויך מיטגלידער אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דער־מאָנענדיק מיר, ווי ער האָט אונז אַרויסגעהאָלפן מיט צושטעלן אביסל גע־

ווער, ווען איך האָב עס אים געבעטן בשעת מיר האָבן זיך געגרייט צו באַגעגענען די רויט־אַרמייער נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט ער באַמערקט, אַז דאָס האָט ער געטאָן ניט צוליב די פּאָר מאַרקן, ער האָט קיין איין פּעניג פאַר זיך ניט גענומען, ער האָט אַלץ צעטיילט צו זיינע זעלנער־פריינט, וואָס האָבן אַרויסגעהאָלפן. באַם געזעגענען זיך, האָט ער אויסגעדריקט שטאַרקע צופרידנהייט מיט דעם, וואָס איך האָב זיך געראַטעוועט פון די ליטווישע באַרבאַרן און אַ זאָג־געטאָן: „אָבער אום גאָטעס ווילן, זיי פאָרזיכטיק!".

איצט, ווען איך האָב דערלעבט צו שרייבן מיינע באַשיידענע זכרונות פון יענער שטורמישער צייט, און איך פאַרצייכן אויך אָט־דעם אויסטערלישן פאַל, טראַכט איך, אַז אַזעלכע ניסים טרעפן זיך מעגלעך איינער אין טויזנטער ענלעכע פאַסירונגען. און עד־היום טראָג איך אין מיין האַרץ טיפסטע דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג צו מיין פריינט קאַרל, דער דייטשישער סאָציאַליסט אין אַ יונקערישן מונדיר, וואָס האָט מיך געראַטעוועט פון ווערן דער זעקסטער קרבן נאָך דעם באַרבאַרישן מאָרד פון די פינף ליטווישע רעוואָלוציאָנערן.

פאַרבינדונג מיט משפחה אין קאַנאַדע באַנייט

דער באַנייטער פּאָסט־פאַרקער נאָכן סוף פון דער מלחמה, האָט געבראַכט אַ בינטל בריוו און געלט פון דער מאַמעס משפחה אין אַמעריקע — אונזער באָבעס צוויי זין, דער מאַמעס דריי שוועסטער און צוויי ברידער. אין די בריוו האָבן זיי געלאָזט וויסן דער מאַמען, אַז זיי אַרבעטן אויס אַ פּלאַן אונדז אַריבערנעמען צו זיך אין קאַנאַדע. פאַר דער מאַמען האָט די גוטע נייעס געעפנט נייע פרײדיקע האָריזאָנטן; אַ מעגלעכקייט פאַר אַ נייעם לעבן צווישן אירע אייגענע, אַ סוף צו איר שווערן לעבן און שטענדיקע צרות. עס וועלן פאַרטריבן ווערן די פינצטערע וואָלקנס, וואָס האָבן פאַר דער מאַמען פאַרשטעלט די ליכטיקע שיין פון דער זון זינט דער מלחמה, באַזונדערס די שרעק און זאָרג וועגן דעם, וואָס עס קאָן פּאַסירן מיט מיר צוליב מיינע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־טעטיקייטן.

אונזער איינגאַרטיקע טייערע באָבע האָט אינגאַנצן אַנדערש רעאַגירט. שטאַרק צופרידן פון די גוטע נייעס פון דער מאַמעס משפחה און פון אירע צוויי זין, האָט די באָבע אָבער אויסדריקלעך און אַנטשלאָסן דערקלערט, אַז זי וועט ניט פאַרלאָזן ווילקאָמיר. דאָ, וואו די מערסטע פון אירע קינדער און איר מאַן, אונזער זיידע, רוען אויף אייביק, וועט זי אויסלעבן אירע פאַרבליבענע יאָרן. מיר דאַרפן זיך ניט זאָרגן וועגן דער הויז. זי וועט באַזאָרגן, אַז איר איינציקע לעבן־געבליבענע טאָכטער פון אירע דרייצן קינדער, וואָס וואוינט אין קיידאַן, זאָל זיך אַריבערקלייבן וואוינען אין ווילקאָמיר. איר איידעם, דער קופּערשמיד, וועט דאָ קאָנען פאָרזעצן אָנפירן מיט דער שמי־

דעריי, ווי אונזער זיידע און טאַטע, עליהם השלום, האָבן עס געטאָן. דאָס וועט איר באַפרידיקן, איז די באָבע באַשטאַנען.

פאַר מיר האָט דער ענין עמיגרירן אין אַמעריקע געשאַפן מער ווי איין ערנסטע פּראָבלעם. ראשית, האָב איך געדאַרפט באַשטימען בײַ זיך, צי פאַר־לאָזן מיין געבוירנלאַנד אין אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע צייטן איז אַ ריכטיקער שריט. מיין לערער און חבר אישיע לעווין איז געווען בײַ דער מיינונג, אַז איך זאָל פאָרן צוזאַמען מיט דער מאַמען. אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע, ווי אומעטום איבער דער וועלט, איז אויך פאַראַן אַן אַרבעטער־באַוועגונג, האָט ער געזאָגט. ס׳וועט אפשר נעמען אַ שטיקל צייט זיך צו אַקלי־מאַטיזירן, אָבער דאָס לעבן גופא וועט לייזן אַלץ צופרידנשטעלנדיק. נאָך דער געדאַנק, אַז איך וועל דאַרפן פאַרלאָזן מיין טייערע באָבען, מיין געליב־טער שרה׳קעלען, די יוגנט־חברים, די פּאַרטיי־קאָלעגן, מיין לערער אישיע לעווין, די געטלעכע סאַראַ גאָרדאָן, — אָט־דער געפיל האָט ניט געלאָזט רוען.

דערווייל זיינען אָנגעקומען די שיפסקאַרטן מיט אַן אָפיציעלן דאָקו־מענט (אַפידעיוויט) פון דער קאַנאַדער רעגירונג צום בריטישן קאָנסיל אין ווילנע. אין ווילנע האָט דער ענגלישער קאָנסיל צוזאַמען מיט וויזירן די ליט־ווישע פּאַספּאָרטן אויך בייגעלייגט אַ בריוו צו דעם בריטישן אַמבאַסאַדאָר אין בערלין. ער האָט אונז געראַטן גלייך צו פאַרלאָזן ווילנע, וואָס וועט, לויט זיין אינפאָרמאַציע אָט־אָט פאַרנומען ווערן פון דעם פּוילישן גענעראַל זשע־ליגאַווסקי. עס איז אַ פראַגע פון אַ טאָג אָדער שעה׳ן, האָט ער באַטאָנט. נאָך מער, ער האַלט, אַז מיר זאָלן אַזוי שנעל ווי מעגלעך פאַרלאָזן ליטע און זיך דערלאַנגען קיין בערלין.

„זשוואלגיבא״־אָבלאַוועס באַשליסן מיין פאַרלאָזן ליטע

די סמעטאָנאַ־אָכראַנע, די „זשוואלגיבא״ איז געוואָרן שטאַרק אַקטיוו אין ווילקאָמיר. אַ פּאָר חברים, וואָס מיר האָבן פאַרפלאַנצט אין די רייען פון דער „זשוואלביגא״, איינער פון זיי אויף אַן אָנפירנדיקן פּאָסטן, האָבן אונז כסדר געהאַלטן אינפאָרמירט וועגן פּלאַנירטע אָבלאַוועס און אַרעסטן פון חברים. מיין טייערער באָבע׳ס שלאָף איז דריי מאָל צעשטערט געוואָרן פון שפּעט־באַנאַכטיקע אָבלאַוועס. דער מאַמען האָבן די אָבלאַוועס דער־שראָקן צום טויט. שפּעט אין דער נאַכט פלעגן די „זשוואלגיבא־אַגענטן מיט אַ טראַסקעריי פון זייערע ביקסן אין טיר, זיך אַריינרייסן און איבערקערן קאָפּ־אַראָפּ און פיס־אַרויף אַלץ אין הויז. מיין גרעסטער פּיין אין אַזעלכע פאַלן איז געווען צוליב זייער גרויזאַמקייט צו דער באָבען. די באָבע איז גע־שלאָפן אויף צוויי פּערענעס. פלעגן די באַרבאַרן אַריינשטעכן זייערע באַ־יאָנעטן אין אירע פּערענעס, צו זוכן דאָרט פאַרבאָהאַלטענע באָלשעוויסטישע ליטעראַטור. אָבער איך דאַרף צוגעבן, אַז די באָבע האָט זיך פאַר זיי ניט

געשראָקן. זי האָט זיי גע׳מוסר׳ט; זי האָט שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס זיי צערייסן אירע פּערענעס, ווייל דאָס האָט איר אָמשטאַרקסטן פאַר־דראָסן. דער באָבע׳ס האַלטונג פלעגט איבערראַשן די באַרבאַרישע סמעטאָ־נאַ־אַגענטן. מיר אַלע האָבן פּשוט באַוואונדערט איר האַלטונג און איר מוט. זי האָט אַ סך געהאָלפן אין דערפירן צו דעם, אַז די באַנדיטן זאָלן זיך אָפּ־טראָגן פון הויז.

בשעת דער דריטער אָבלאַווע האָבן די „זשוואַלגיבאַ־אַגענטן מיך מיט־גענומען, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט אונזער הויז. דער באָבע׳ס פּראָטעסטן האָבן ניט געהאָלפן. די מאַמע האָט תיכף גע׳חלש׳ט. מיין ברודער יוסף איז געווען אויסער זיך, רויט ווי אַ בוריק, אויסגעגלאָצט אויף מיר אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן געשאָפן דעם איינדרוק, אַז ער איז מער אין כעס אויף מיר פאַר פאַראורזאַכן אַזוי פיל צרות, ווי אויף די „זשוואַלגיבאַ״־אַגענטן פאַר אַרעס־טירן מיך. ווען מיר האָבן דערגרייכט דעם ראָג פון ווילנער און קאָוונער גאַסן, האָב איך באַמערקט, אַז איך בין ניט דער איינציקער. צענדליקער קרעמער, סוחרים, באַלעבאַטישע אָרטאָדאָקסישע אידן זיינען געפירט געוואָרן פון באַוואָפנטע ליטווישע סאָלדאַטן, צווישן זיי אַ ריי פון אונזערע חברים. מען האָט אונז אַלעמען געבראַכט אין דער גרויסער געביידע פון דער „גאָ־ראָדסקאָיע אוטשילישטשע״, פון דער מלוכה׳שער קינדער־שול.

אָט־די אָבלאַווע האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט. די „זשוואַלגיבאַ״ האָט פאַרקאָכט אַ מיאוס׳ע קאַשע, וואָס זי אַליין האָט ניט געקאָנט אַראָפּ־שלינגען. עס האָט געדויערט לאַנגע שעה׳ן צו רעגיסטרירן, אויספרעגן און אונטערזוכן אַרום הונדערט אַרעסטירטע. עס איז געווען שווער אין אַזאַ מענטשן־געמיש צו איזאָלירן אונזערע עטלעכע חברים. די „זשוואַלגיבאַ״־טשינאָווניקעס זיינען צעטומלט געוואָרן אין זוכן נעמען אויף זייערע צעט־לעך. דעם גאַנצן מיש־מאַש האָט פאַרקאָכט אונזער פאַרפלאַנצטער אין דער „זשוואַלגיבאַ״ חבר, וואָס איז אינסטרואירט געוואָרן דורכצופירן די אָבלאַווע. דאָס האָט ער אויסגעאַרבעט דעם לאַנגן צעטל פון פאַרדעכטיקטע, פון דער קראַמאַלע, באַלשעוויסטישע סימפּאַטיקער, בכדי צו באַשיצן עטלעכע פון אונזערע חברים. די טאַקטיק פון אָט־דעם חבר איז געווען אַ גלענצנדיקע. אַזאַ מיש־מאַש איז פאַר די לאַפּעס אין דער „זשוואַלגיבאַ״־אַדמיניסטראַציע געווען צו שווער צו דערליידיקן. דער אָנגעמאַכטער טומל אין שטאָט, האָט זיי אינגאַנצן צעמישט.

מיין ברודער האָט געבראַכט אין קאַנצעלאַריע אונזערע פּאַספּאָרטן מיט די ענגלישע וויזעס. דאָס האָט אָוועקגעשטעלט די „זשוואַלגיבאַ״־חברה אין אַ פאַרלעגנהייט. דער סוף איז געווען, אַז ניט נאָר איך, נאָר אַלע זיינען באַ־פרייט געוואָרן מיט וואָרענונגען צו זיין געטרייע ליטווישע בירגער.

דער ליטווישער חבר, וואָס האָט פאַרקאָכט דעם מיש־מאַש האָט לאַנג ניט געוואַרט און זיך אָפּגעטראָגן פון שטאָט. אַזוי אויך האָבן פאַרלאָזט אַ

גרופּע חברים מיט סאַראַ גאָרדאָן און מיכל גאַרבער בראָש. אײדער זײ האָבן פאַרלאָזט ווילקאָמיר, האָבן זיך די חברים געגנוי דערקונדיקט וועגן מײַן באַשלוס, צי איך פאָר מיט זײ, אָדער איך לאָז זיך קײן קאַנאַדע. אַלע האָבן זײ מסכים געווען מיט מײַן באַשלוס: פאָרן אין קאַנאַדע. דורך די אײַנגע־שטעלטע אונטערערדישע פאַרבינדונגען האָט זיך די גרופּע חברים דערלאַנגט צו דער סאָוועטישער גרענעץ. אין די דרײַסיקער יאָרן, ווען איך האָב אַלס אַ קאַנאַדער טרעיד־יוניאָן דעלעגאַט באַזוכט מאָסקווע און פאַרבראַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איבער 10 חדשים, האָב איך זיך געטראָפן און פאַרבראַכט מיט אַ רײ פון אָט־די אַמאָליקע ווילקאָמירער אידישע רעוואָלוציאָנערן, נאָענטע און ליבע חברים.

מיט די רעוואָלוציאָנערן ראַוודין און אַמדורסקי

אויב עס איז מיר געווען שווער צו פאַרלאָזן מײַן טײַערער באָבע, מײַן באַליבטער שרה׳קעלע, מײַנע פאַרערטע לערער אישיע לעווין און סאַראַ גאָרדאָן, די פּאַרטײ־חברים און אַזוי פיל יוגנט־פרײַנט, איז מיר אויך געווען זײער שווער צו שײדן זיך מיט די רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקײטן ראַוודין און אַמדורסקי. (מיט זײ איז געווען נאָך אײנער, אַ דריטער, וועמעס נאָמען, צום באַדויערן, איז מיר שווער זיך צו דערמאָנען.)

ראַוודין האָט געשטאַמט פון דווינסק וואו ער איז געווען אַ באַקאַנטער פירער פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (עס.ער.). אין דווינסק האָט ער זיך באַטײליקט אין דעם אַטענטאַט אויף דעם אכזריות׳דיקן הויפּט־פאַרוואַל־טער פון דער צענטראַלער טורמע. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, האָט מען אים פאַרשיקט אין סיביר. ער ווערט באַפרײַט פון סיביר בעת דער פעברואַר־רעוואָלוציע, 1917, און נעמט אָנטײל אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווי אַ לינקער עסעראָווער. פון מאָסקווע איז ראַוודין אָנגעקומען קײן ווילנע מיט דער מיסיע פון העלפן אײַנשטעלן די סאָוועטן־מאַכט אין ליטע נאָך דעם ברעסט־ליטאָווסקער שלום־אָפּמאַך. ער איז געווען אַ מיטגליד פון ווילנער רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, און פון ווילנער סאָוועט אַלס פאַרטרעטער פון דער לינקער „עס.ער.״־גרופּע. נאָך דער פאַרשווערונג פון דער פּילסודסקי־רעגירונג צו דערשטיקן די יונגע, נאָך־שוואַכע ליטווישע סאָוועטן־רעגירונג, איז ראַוודין אָנגעקומען אין ווילקאָמיר אויף אונטערערדישער אַרבעט.

לויט ראַוודינ׳ען, האָט די אַנטשײדנדיקע ראָל אין דער פּילסודסקי־פאַרשווערונג געשפּילט אַ מכלומר׳שטע פּוילישע רויטע אַרמײ אָפּטײלונג, פאַרמירט אין ווילנע מיט אַ פאָראויס אויסגערעכנטן פאַררעטערישן פּלאַן. פון אירע פּאָזיציעס אין ווילנע האָט אָט־די פאַררעטעריש פּוילישע אָפּטײ־לונג באַשאָסן די רוסישע רויטע אַרמײ און געהאָלפן דורכפירן דעם פאַר־שווערונג־פּלאַן פונעם פּילסודסקי־רעזשים.

אין ווילקאָמיר האָט ראַוודין געהאַט אויפזיכט איבער דעם אונטער־ערדישן באַן־געביט. ראַוודינ'ס הויז, לעבן בריק באַם טייך, איז געוואָרן דער צענטער פון אונטערערדישער אַרבעט. אַ דאַנק זיינע רעוואָלוציאָנערע אונ־טערערדישע דערפאַרונגען איז אים געלונגען צו „פּאַרפּלאַנצן" חברים אין דער „זשוואַלגיבאַ". דאָס האָט ער „דערליידיקט אַן ענין" פון ליקווידירן אַ נידעריקע בריאה, אַ טאָפּל־אַגענט, און אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר אים, אַמדורסקי'ן, מיט זיין חבר צו פאָרן קיין בערלין צו דערליידיקן רעוואָלוציאָ־נערע אויפגאַבן.

פאַר מיר זיינען די פאַרבראַכטע אָוונטן מיט ראַוודינ'ען געווען אַ קוואַל פון באַגייסטערונג און אינפאָרמאַציע. זיינע איבערלעבונגען, די מעשיות פון די „עס.ער."־טעטיקייטן האָבן געקלונגען, ווי מעשיות פון „טויזנט און איין נאַכט". פון זיינע מעשיות פון אַלערליי טאַטן און טעטיקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין צארישן רוסלאַנד, פון די יאָרן אין סיביר, האָב איך דערלערנט אַ סך מער ווי איך האָב אַרויסגעלייענט פון דעם זשור־נאַל „בילאָיע" און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבעס. נאָך דעם מיש־מאַש מיט דער אָבלאַווע האָט ראַוודין פאַרלאָזט ווילקאָמיר צוזאַמען מיט די אַנדערע חברים. אַמדורסקי'ן האָב איך שפּעטער געזען אין בערלין, אויף אונזער וועג קיין קאַנאַדע. די פּערזענלעכקייט ראַוודין, איז פאַרבליבן שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון.

קאָוונע און בערלין

אין קאָוונע האָבן מיר פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג. מיר האָבן דאָרט באַזוכט די ענגלישע וויזעס אין דעם ערשט־געעפנטן בריטישן קאָנסולאַט. דער ברי־טישער קאָנסול האָט אונז געראַטן אויסצומיידן דעם פּוילישן פּאָרט דאַנציג און דעם דאַן איינגעשטעלטן „פּוילישן קאָרידאָר", און מיר זאָלן פון קע־ניגסבערג אַראָנזשירן די שיף־פאַרבינדונג איבער דער שווינאַמינדאַ קיין בערלין. דער בריטישער קאָנסול האָט אונז אַרויסגעהאָלפן קריגן די דייטשי־שע וויזעס. אין קאָוונע האָבן מיר אויסגענוצט די געלעגנהייט צו זען זיך און זיך געזעגענען מיט אונזערם אַ מומען און איר זון דר. שוואַרץ, אַ באַ־יאָרנטער דאָקטאָר, אַן אָנגעזעענער ציוניסטישער פירער אין קאָוונע.

קעניגסבערג, די ערשטע גרויסע דייטשישע שטאָט נאָך דעם ליטוויש־דייטשישן גרענעץ־שטעטל ווערבאַלין האָט פאַר מיר אויסגעקוקט ווי אַ שטאָט — אַ קראַך. אויבערפלעכלעך, ניט באַרירט פון דער ערשט־פאַרענ־דיקטער וועלט־מלחמה. די גאַסן געפּאַקט מיט מענטשן, דער פאַרקער און טראַנספּאָרטאַציע, די מאַסיווע געביידעס, די שיינע אַרכיטעקטור, די גרויסע מאַגאַזינען — אַלץ איז פאַר מיר געווען שפּאָגל ניי. די ציכטיקייט, די ריינ־קייט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, ממש געגלאַנצט. נאָך ווילקאָמיר און קאָוונע איז קעניגסבערג געווען פאַר מיר אַ פענצטער דורך וועלכן צו דערזען

דאָס באַרימטע לאַנד דייטשלאַנד, די מאָדערנע גרויסע וועלט אונזערע, דאָס וויגעלע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־באַוועגונג, דאָס לאַנד פון קאַרל מאַרקס, קאַוטסקי, בעבעל, ווילהעלם און קאַרל ליבקנעכט, ראָזא לוקסעמבורג און קלאַרא צעטקין.

די שיף־רייזע פון קעניגסבערג אין בערלין איז געווען מיין ערשטע דערפאַרונג מיט שיף־טראַנספּאָרטאַציע. די מענטשן אויף דער שיף האָבן אָפּגעשפּיגלט די שטימונג פון די דייטשן נאָך דער פאַרלאָרענער מלחמה; די שטימונג פון דער באַזיגטער דייטשלאַנד. וואו איך האָב זיך אַ קער־געטאָן איז צו מיינע אויערן דערגאַנגען נאָר איין טעמע פון געשפּרעך: „פאַרדאַמטער ווערסאַי־אָפּמאַך", דער „דאַנציגער קאָרידאָר" אין האַרץ פון פּרייסן, וואָס האָט אָפּגעהאַקט דעם באַן־פאַרקער צווישן די צוויי אַלטע דייטשישע שטעט, קעניגסבערג און בערלין, — אַ נידערטרעכטיקייט באַגאַנגען פון די אַליאירטע מלוכות, בכדי צו צווינגען די דייטשישע בירגער צו דערלאַנגען זיך קיין בערלין מיט אַ שיף.

— דייטשן וועלן דאָס לאַנג ניט דולדן, איז געווען דער טאָן פון די געשפּרעכן. די דייטשישע פּאַסאַזשירן האָבן געשטורעמט. איינער האָט פּרובירט אַריבערשטייגן דעם צווייטן מיט אַרגומענטן, אַז צו דעם פאַרברעכן מוז קומען אַ סוף... דייטשלאַנד וועט ניט שווייגן. דייטשלאַנד וועט זיך אָפּרעכענען, וועט אָפּווישן דעם ווערסאַי שלום־אָפּמאַך, און אָפּווישן פּוילן.
באַגלייט מיט אַזעלכע רייד און שטימונגען זיינען מיר אָנגעקומען קיין בערלין.

בערלין — דאָס האַרץ פון דייטשלאַנד

אין בערלין, לויט אַן אָנגעגעבענעם אַדרעס. האָבן מיר זיך איינקוואַרטירט אין אַ קליינעם באַקוועמען האָטעל מיט אַ ריי מעלות, ציכטיק און ריין, ניט צו טייער פאַר אונזער בייטעלע קאַנאַדער דאָלאַרן. פאַר מיר איז די הויפּט־מעלה געווען דאָס, וואָס דער האָטעל האָט זיך געפונען מיט דער האַנט־צו־דערלאַנגען די פרידריך שטראַסע, איינע פון די הויפּט־גאַסן באַזאָרגט מיט טראַנספּאָרטאַציע אין אַלע טיילן פון שטאָט.

דער אייגנטימער פון האָטעל, אַ פריינטלעכער דייטש, האָט אונז געראָטן ניט פאַרלירן קיין צייט און מאָרגן פרי זיך רעגיסטרירן אין דערבייאיקן פּאָליציי־אַמט, ווייל אָן דעם וועלן מיר קיין ברויט־קאַרטן ניט קריגן. אַזוי ווי לויט אונזערע שיפקאַרטן האָבן מיר געדאַרפט אָפּפאָרן קיין קאַנאַדע פון דעם פראַנצויזישן האַפן האַווער, האָבן מיר געדאַרפט קריגן אין דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע אין בערלין די טראַנזיט־וויזע.

רעגיסטרירט אין בערלינער פּאָליציי־אַמט, געקראָגן אונזערע ברויט־קאַרטן אויף אַ מאַקסימום פון דרייסיק טעג, האָבן מיר זיך געלאָזט צו דער

פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע. דאָרט האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן אונזערע נייע צרות. זיי קאָנען אונז קיין וויזעס אויף די פּאַספּאָרטן ניט געבן. פאַר זיי איז ניט פאַראַן אַזאַ מדינה, ווי ליטע. די פראַנצויזישע רעגירונג אָנערקענט ניט די סמעטאָנאַ־רעגירונג, ס׳האָבן ניט געהאָלפן קיין טענות. האָבן מיר זיך פאַרנומען צום בריטישן קאָנסולאַט, און „נייע פריינט" און איבערגעגעבן, אַז די פראַנצויזן זאָגן זיך אויסדריקלעך אָפּ צו וויזירן אונזערע פּאַספּאָרטן. דער בריטישער קאָנסול האָט זיך אין אונזער אַנוועזנהייט תיכף טעלעפאָניש פאַרבונדן מיטן פראַנצויזישן קאָנסולאַט, און הגם מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען אַ וואָרט ענגליש, האָבן מיר דאָך אַרויסגענומען, אַז ער טענה׳ט שטאַרק מיט זיי וועגן זייער שטעלונג. ס׳האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן, דער בריטישער קאָנסול האָט אונז געראַטן צו לאָזן וויסן אונזער משפּחה אין קאַנאַדע, אַז זיי זאָלן בייטן די שיפקאַרטן אויף אַ בעלגישן אָדער ענגלישן האַפן. ער האָט אונז פאַרזיכערט, אַז אַ בעלגישע דורכפאָר־וויזע וועלן מיר יאָ קריגן.

מיט זייער האַנדלונג האָט דער פראַנצויזישער קאָנסולאַט פאַרלענגערט אונזער זיין אין בערלין. די מאַמע איז געווען שטאַרק אומצופרידן. אָבער פאַר מיין ברודער און פאַר מיר איז עס קיין גרויסער אומגליק ניט געווען. פאַרקערט, עס איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט צו באַקענען זיך מער מיט און זען די באַרימטע שטאָט בערלין. וועגן געלט איז קיין מניעה ניט געווען. צוזאַמען מיט די שיפקאַרטן האָט דער מאַמעס משפּחה אונז צוגעשיקט אַ היבשע סומע דאָלאַרן. דער בריטישער קאָנסול האָט פאַרלענגערט אונזערע וויזעס און אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן שטיין אין פאַרבינדונג מיט זיין קאָנסולאַט.

אין האָטעל האָט דער אייגנטימער אונז געלאָזט וויסן, אַז מיר זאָלן זיין פאָרזיכטיק, זיך האַלטן נאָענט צום האָטעל. עס טראָגן זיך אַרום פאַרשיידענע קלאַנגען. לויט די לעצטע נייעסן אין די צייטונגען, איז מעגלעך, עס זאָל אויסברעכן אַן אויפשטאַנד. די פּרייסישע יונקערס גרייטן אַ פאַרשווערונג צו שטירצן די עבערט־רעגירונג. עס איז מעגלעך אַן אויסברוך פון אַ גענעראַל־סטרייק פון די אַרבעטער אין שטאָט. אויף מאָרגן זיינען די בערלינער צייטונגען טאַקע געווען פול מיט אָט־דער נייעס. עס זיינען געקומען וואָרענונגען, אַז יעדער פאַרזוך פון אַ מיליטערישער פאַרשווערונג קעגן דער רעגירונג וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן.

שפּאַצירנדיק אויף פרידריך שטראַסע, האָט מען געקאָנט באַמערקן אַ באַשטימטע ענדערונג, אַ שנעלער פאַרקער פון מענטשן, גרעסערע רייען אַרום די בעקערייען און שפּייז־געשעפטן. באַנאַכט האָט דער שטאַרקער רויש פון גאַסן־פאַרקער ניט געלאָזט שלאָפן. ס׳האָט זיך געהערט דער אָפּקלאַנג פון מיליטערישע לאַסט־וואָגנס, אַרטילעריע און טאַנקען, און מיטאַמאָל — אַ טויטע שטילקייט.

אויף מאָרגן נאָך דער צערודערטער נאַכט, ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען איז אין האָטעל קיין וואַסער ניט געווען, קיין עלעקטרישע ליכט. אינדרויסן — קיין סימן פון פאַרקער. אויף פרידריך שטראַסע אַ מאָדנע בילד: קיין שום סימן פון לעבן, קיין פאַרעם פון טראַנספּאָרטאַציע. באַ די ברעגן פון די טראָטואַרן זיינען געשטאַנען ליידיקע אויטאָמאָבילן און ליידיקע וואָגנס, וואָס שטעלן צו מילך און אַנדערע פּראָדוקטן. אַלץ איבערגעלאָזט „אויף גאָט'ס באַראָט". דער האָטעל־אייגנטימער האָט אונז אינפאָרמירט, אַז די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, האָט פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־סטרייק. וואַסער, עלעקטרישע ליכט און אַלע פאָרמען פון טראַנספּאָרטאַציע איז אָפּגעשניטן.

אין מיין יונגן מוח איז מיר מיטאַמאָל דורכגעלאָפן דער רעוואָלוציאָנערער לאָזונג: „ווען דיין שטאַרקער אָרעם וויל, בלייבן אַלע רעדער שטיל"... פון אַ לאָזונג איז דאָס געוואָרן פאַר מיר אין בערלין אַ לעבעדיקער ביישפּיל, אַ פאַקט. דער גרויסער פאַרנעם פון דעם גענעראַל־סטרייק איז כאַראַקטעריזירט געוואָרן, אין די פאָלגנדיקע טעג, דורך אַ וויץ: „ווען דער רייכס־פּרעזידענט עבערט איז דעם פרימאָרגן אויפגעשטאַנען, האָט ער קיין וואַסער ניט געהאַט ארומצוואַשן זיך". ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע האָט דער היסטאָרישער גענעראַל־סטרייק פון בערלינער פּראָלעטאַריאַט מיטאַמאָל פּאַראַליזירט דאָס רוישיקע קאָכיקע לעבן אין בערלין.

איך בין געווען שטאַרק באַרוישט פון אָט־דער געשעעניש. איך זע דאָך בפועל ממש, מיט מיינע אייגענע אויגן, די פאַרווירקלעכונג פון דער אָפּשאַצונג פון מיין ווילקאָמירער לערער אישיע לעווין, וועגן דער פאַרבאָרגענער מאַכט אין די הענט פון פּראָלעטאַריאַט. דער גענעראַל־סטרייק פון בערלינער פּראָלעטאַריאַט האָט צונישט געמאַכט די יונקערישע פאַרזוכן צוריקצוברענגען דעם קייזער ווילהעלם צו דער מאַכט.

שטייענדיק אַ באַרוישטער צוגענאָגלט אויף פרידריך שטראַסע, איז מיר באַשערט געווען צו זען די גרעסטע דעמאָנסטראַציע, דעם גרעסטן מאַסן־פאַראַד אין מיין לעבן. אַן אַרמיי פון אַ האַלבן מיליאָן אַרבעטער האָט מאַרשירט אויף פרידריך שטראַסע, דורך די בערלינער הויפּט־גאַסן צום קייזער־לעבן פּאַלאַץ. (די צייטונגען האָבן שפּעטער אָנגעגעבן די ציפער פון אַ פערטל מיליאָן). פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון די גאַסן האָבן די בערלינער אַרבעטער מאַרשירט אין געשלאָסענע רייען, אין טאַקט ווי די דייטשישע זעלנער, געזונגען אַרבעטער־לידער, דאָס אין יענער צייט פּאָפּולערע ספּאַרטאַקוס־ליד און אַנדערע. זייערע לידער האָבן געקלונגען מעכטיק איבער די גאַסן פון בערלין, האָבן פאַרהילכט די גאַנצע אַרומיקע לופט. פון דער פּאָליציי איז קיין סימן ניט געווען, אַזוי ווי זיי וואָלטן אינגאַנצן פאַרשוואונדן.. מיט רויטע פאָנען פאָראויס ווי אַרמיי־אָפיצירן האָבן באַ די זייטן פון פאַראַד מאַרשירט

די אָרדענונג־היטער, מאַכנדיק פריי דעם וועג פאַר דער מאַרשירנדיקער אַר־מיי פון בערלינער פראָלעטאַריאַט.

די געשלאָסענע אַרבעטער־רייען האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן ארויס־רוף און אַ וואָרענונג, אַז יעדער שטער אין וועג, וועט צעטראָטן ווערן פון זייערע פיס, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַש און שטויב. מיט זייער מעכטיק גע־זאַנג האָבן די פּנים׳ער פון די מאַרשירנדיקע אַרבעטער אויסגעדריקט אַן אייזערנע אַנטשלאָסנקייט פון קאַמפּס־גרייטקייט קעגן יונקערטום און רע־אַקציע. שעה׳ן־לאַנג האָט גענומען ביז די גאַנצע מאַרשירנדיקע מאַסע האָט דערגרייכט דעם קייזערלעכן פּאַלאַץ. אין די גרויסע ארומיקע גאָרטנס, פון צוגעגרייטע טריבונעס, אימפּראָוויזירטע פּלאַטפאָרמעס און פון מאָנומענטן האָבן צענדליקער רעדנער אַדרעסירט די הונדערטער טויזנטער אַרבעטער און די ריזיק־אָנגעשוואָלענע צאָלן מענטשן פון דער בערלינער באַפעלקערונג, וואָס האָבן באַגלייט די מאַרשירנדיקע אַרבעטער צום קייזערלעכן הויף.

דורכשטופּנדיק זיך צווישן דער געדיכטער מאַסע פון איין אָראַטאָר צום צווייטן, האָט מיין אויפמערקזאַמקייט געצויגן אַ פּליסיקער רעדנער אויף איינעם פון די מאָנומענטן. נאָך פון דער ווייטנס האָב איך דערקענט, אַז דאָס איז אָן צווייפל מיין באַקאַנטער פון ווילקאָמיר — דער חבר אמדור־סקי. די מאַסע צוהערער ארום אמדורסקי׳ן איז געווען גרעסער און געדיכ־טער, ווי ארום די אַנדערע רעדנער. מיט אַלע מיינע כוחות האָב איך זיך באַמיט צו דערשטופּן נאָענט צום דאָזיקן מאָנומענט. ס׳איז אָבער געווען אוממעגלעך. אמדורסקי׳ס שטימע האָט געקלונגען קלאָר און דייטלעך, אין אַ פּערפעקטן דייטש. ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט רעדן, איז ער פאַרשוואונדן פון מיינע אויגן אין דער ארומיקער מענגע פון די מאַסן אַרבעטער.

אין מיין מוח האָט אַ בליץ־געטאָן אמדורסקי׳ס אָפּפאָרן פון ווילקאָמיר קיין דייטשלאַנד אויף ספּעציעלע אויפגאַבן. די פּליסיקייט פון די רעדנער, זייער דייטשישע אויסשפּראַך איז מיר געווען שווער נאָכצופאָלגן. מיין אָרע־מע קענטעניש פון דייטש איז געווען צו שוואַך, אַז איך זאָל פאַרשטיין די רעדע און זייער אינהאַלט ווי געהעריק צו פאַרדייען. אָבער דער תמצית פון די רעדעס האָט אַריינגעדרונגען אין אַלע מיינע ביינער.

עס האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס מיין באַקאַנטער חבר אמדורסקי איז אַזוי שנעל פאַרשוואונדן. אָט ערשט געשטאַנען אַזוי נאָענט צו אים. נאָכפרעגן זיך אויף אים, האָב איך געפילט וועט זיין אומזיסט. זייענדיק אַביסל באַקאַנט מיט קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, האָב איך באַגריפן, אַז דער חבר אמדורסקי מוז דאָ אַרבעטן אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען. אַ חודש צייט אין בערלין, האָב איך פונדעסטוועגן אַלץ געהאָפט, געהאַלטן אומעטום מיינע אויגן אָפן, געוואַרט אויף אַ נס, אַז אפשר דורך אַ צופאַל וועל איך זיך ערגעץ אָנטרעפן אויף דעם חבר אמדורסקי. אָבער אָן דערפאָלג.

די אַלגעמיינע לאַגע אין בערלין איז דאַן געווען זייער אַ שווערע. דער ווערט פון מאַרק האָט געהאַלטן אין איין פאַלן. פרייזן פון לעבנס־מיטלען זיינען געשטיגן פון־טאָג־צו־טאָג. דאָס ברויט האָט קיין שום טעם ניט געהאַט, אַזוי ווי פון שטרוי געבאַקן. די אָנגעצויגענע האַלטונג און באַנעמונג פון די דייטשישע אויבער־מענטשן מיט זייער לאָזונג „גאָט מיט אונז, דייטשלאַנד איבער אַלעס" האָט געפּלאַצט, איז צוזאַמענגעבראָכן. אויף די גאַסן, אין די שענסטע בולוואַרן האָבן מיידלעך און יונגע פרויען, אָן צערעמאָניעס אייך אָפּגעשטעלט און פאָרגעשלאָגן פאַרברענגען מיט אייך פאַר אַרויסנעמען זיי אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ קאַפע־הויז אָדער פאַר אַ שטיקל שאָקאָלאַד און סיגאַרעטן, אָדער פאַר מיטנעמען זיי אין דער אייז־אַרענע, צו וואָסער ניט איז ספּעקטאַקל. די דאָזיקע אָנבאָטן זיינען ניט געווען פון פּראָפעסיאָנעלע פּראָסטיטוטקעס, נאָר גלאַט פרויען. די מלחמה האָט צעטראַסקעט אַלע איינגעשטעלטע קאָנווענציאָנאַלע נאָרמעס. לאַנגוויילִיקייט, טיילווייזער הונגער, און נויט האָט געטריבן באַדייטנדיקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג צו דעם. די פאַרלאָרענע אויף די שלאַכט־פעלדער ברויט־געבער, מענער, פאָטערס און זין האָט ריזיקע צאָלן פרויען געבראַכט צו אַזאַ לעבן.

איין ווינקל פון זייער לעבנס־אַרט איז פאָרט ניט באַרירט געוואָרן — די דייטשישע פּינקטלעכקייט, די ריינקייט און אָרדענונג אין שטאָט.

ניט אַלע דייטשן האָבן באַצאָלט דעם שווערן פּרייז פון פאַרלירן די מלחמה. אויף „אונטער דען לינדען" זיינען די עקסקלוזיווע רעסטאָראַנען און קאַפייען געווען געפּאַקט מיט מלחמה־פּראָפיטירער, בינאָקלטע אָפיצירן, און אין פראַקן־געקליידעטע אַריסטאָקראַטן. דאָס בערלינער אָפּערע־הויז, די בערלינער פילהאַרמאָניק, אַלערליי קאָנצערטן זיינען געווען געפּאַקט מיט די זעלבע יונקערס און מענטשן פון די בורזשואַזע שיכטן.

אין די איבער דריי וואָכן אין בערלין האָב איך און מיין ברודער געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דער שטאָט. באַזוכן אין אָפּעראַ־הויז, אויף פילהאַרמאָניק קאָנצערטן, מוזייען, באַזונדערס דער ביאָלאָגישער מוזיי, האָבן איבערגעלאָזט אויף אונז אַ גוואַלדיקן איינדרוק. עס האָט זיך פאַר אונז אַנטדעקט אַ נייע וועלט. דער „טיער גאַרטען" (זאָאָלאָגישער גאָרטן), די ספּעקטאַקלען אין דער בערלינער אייז־אַרענע, די אַרכיטעקטור אין „קורפירשטנדאַם", — דאָס אַלץ געדענקט זיך נאָך עד היום. פאַר אונז קליין־שטעטלדיקע ווילקאָמירער האָט בערלין אַנטפּלעקט אַ ברייטע וועלט, האָט אונז באַלאָדן מיט אַ ברייטן פאַרנעם און פרישע באַגריפן, געעפנט פאַר אונז נייע ברייטע האָריזאָנטן. איך האָב דאַן געטראַכט, אַז אין דער אמת'ן קומט גאָר אַ דאַנק דעם פראַנצויזישן קאָנסולאַט פאַר פאַרהאַלטן אונז אומדירעקט אין בערלין.

צו אַלץ קומט אָבער אַ סוף. עס זיינען אָנגעקומען די נייע שיפסקאַרטן צו פאָרן קיין קאַנאַדע דורך אַנטווערפּן, בעלגיע, און ליווערפּול, ענגלאַנד.

אין אַנטווערפּן, בעלגיע

נאָך אַ באַראַטונג מיטן בריטישן קאָנסול האָבן מיר פאַרלאָזט בערלין אויפן וועג קיין אַנטווערפּן, בעלגיע. איין טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אין בריסעל, די הויפּט־שטאָט פון בעלגיע. ווידער נייע דערפאַרונגען און איינ־דרוקן. די באַגרענעצטע עטלעכע שעה, צווישן אָנקומען און אָפּפאָרן, האָט נאָר געגעבן אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ בליק אויף דער שיינער שטאָט בריסעל, אויף דעם קעניג'ס פּאַלאַץ, די פּאַרלאַמענט־געבײַדע, דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן און דעם הויפּט־צענטער פון שטאָט. עס האָט זיך ניט געמערקט קיין סימן פון מלחמה, פון דער דייטשישער אָקופּאַציע. די מאַגאַזינען און קראָמען זיינען געווען פול מיט אַלערליי סחורות; פּרייזן ביליקע אין פאַרגלייך מיט בערלין. ס'איז געווען אַ גרויסער אויסוואַל פון לעבנס־פּראָדוקטן. גוטע ווייסע ברויט, מחיה'דיק געשמאַק און וויפל דאָס האַרץ גלוסט. קיאָסקן מיט אַלערליי שאָקאָלאַדן, גוט און ביליק. אין רעסטאָראַן וואו מיר האָבן געגעסן, באַ די קיאָסקן האָבן די בעלגיער געמאַכט דעם איינדרוק פון גאַסט־פריינט־לעכע מענטשן אין פאַרגלייך מיט די דייטשן.

די קונאַרד שיף־געזעלשאַפט, מיט וועלכער מיר האָבן זיך פאַרבונדן, האָט אַראַנזשירט אונזער אָפּפאָר קיין אַנטווערפּן און פאַרגעשלאָגן מיר זאָלן איינשטיין אין דאָרטיקן „מאַקס האָטעל”.

אין אַנטווערפּן האָט די קונאַרד שיף־געזעלשאַפט אונז אינפאָרמירט, אַז מחמת אַ דוחק אין שיפן, וועט אונז אויסקומען צו אַ וואַרטן אַ קורצע צייט. די דאָזיקע נייעס האָט מיין מאַמען ווידער באַזאָרגט. אָבער פאַר מיר און מיין ברודער איז עס ווידער געווען אַ געלעגנהייט צו זען און באַקענען זיך מיט דער באַרימטער פּאָרט־שטאָט אַנטווערפּן.

אין פאַרגלייך מיט דעם האָטעל אין בערלין איז „מאַקס האָטעל”, אין צענטער פון שטאָט, געווען אַ גן־עדן. די צימערן אין האָטעל, דער רעסטאָ־ראַן און די באַהאַנדלונג פון די אָנגעשטעלטע האָט אונז געמאַכט פילן, ווי מיר וואָלטן זיך באַזעצט אין אַ פּאַלאַץ. אפילו די מאַמע האָט, ניט וועלנדיק, געמוזט צוגעבן, אַז מ'קאָן זיך דאָ גוט אויסרוען, אַביסל הנאה־האָבן אויפן חשבון פון דער קונאַרד שיף־געזעלשאַפט.

דער אייגנטימער פון האָטעל איז געווען דער מעיאָר פון אַנטווערפּן. אַ נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייט, שטאַרק פּאָפּולער איבער לאַנד צוליב זיין קאַמף קעגן דער דייטשישער אָקופּאַציע. אין אַנטווערפּן האָבן זיך געמערקט נאָך ווייניקער סימנים פון דער מלחמה, ווי אין בריסעל. מ'האָט אינגאַנצן ניט געפילט, אַז די שטאָט האָט געליטן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע. אין אַ צאָל רעסטאָראַנען איז געווען אַן אויסוואַל פון אַלערליי מאכלים און גאַנצע קערבלעך מיט ווייסן, גוט אויסגעבאַקטן ברויט. מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דעם ברויט ווי הייסעריקן, זיך אַזוי אָנגעפּאַקט מיטן ווייסן געשמאַקן

ברויט, אַז ס'איז שוין געווען שווערלעך צו ספּראַווען זיך מיט די איבעריקע מאכלים.

נאָך די פרישטיקן און געשמאַקע מאָלצייטן פלעגן מיר ביז די אונטן אַרומשפּרייזן איבער די גאַסן פון אַנטווערפּן. מיר דוכט, אַז אין די אַן ערך צוויי וואָכן, וואַרטנדיק אויף דער שיף, האָבן מיר אויסגעמאָסטן די גאַנצע שטאָט אין דער לענג און דער ברייט, געזען אַלע אינסטיטוציעס, פאַרזוכט אַלע נאַשערייען פון די געפּאַקטע גאַסן־קיאָסקן. פון די רעדלעך מענטשן אַרום די קיאָסקן, פון דעם פאַרבייגייענדיקן עולם בעלגיער האָט זיך גע־טראָגן דער קלאַנג פון צוויי שפּראַכן: פלעמיש און פראַנצויזיש. פון דער פלעמישער שפּראַך האָבן אַ צאָל ווערטער געקלונגען ווי אידיש אָדער דייטש. אין האַפן־געגנט, אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן האָט זיך געהערט מער פלע־מיש ווי פראַנצויזיש.

פאַרבייגייענדיק אַ קעז־קראָם, זיינען מיר פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם גרויסן אויסוואַל. מיר זיינען פּשוט נתפּעל געוואָרן. אַזוי פיל סאָרטן קעזן האָבן מיר נאָך אין לעבן ניט געזען. קוקנדיק אויף די אַלערליי קעזן, איז מיין ברודער איינגעפאַלן צו קויפן דער מאַמען אַ מתּנה אַ פּאָר שטיקלעך קעז. דער קרעמער האָט דערקענט אין אונז, אַז מיר זיינען אויסלענדער, עמי־גראַנטן. אָבער ווי פרעגט מען פאַר אַ האַלב־פערטל פונט קעז, האָבן מיר פּרובירט פּשוט מאַמע־לשון, און ס'האָט געאַרבעט. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דעם קעז, און געזאָגט וויפל מיר ווילן. דער פלעמישער קרעמער האָט פאַר־שטאַנען וואָס מיר ווילן, האָט אַביסל אַ שמייכל געטאָן און איינגעפּאַקט די דריי סאָרטן האַלב־פערטל פונטיקע קעזן, וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן.

אַביסל אַראָפּ־צו אויף דער זעלבער גאַס זיינען מיר איבערראַשט גע־וואָרן פון אַ בילד, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט גע'חלומ'ט צו זען. פון צוויי פענצטער פון אַ הויז, אויף דער אַנדערער זייט גאַס, האָבן אַרויסגעקוקט צוויי זייער שיינע מיידלעך, נאַקעט ביז דער טאַליע. אַ סעקונדע האָבן מיר אונזערע אויגן ניט געגלויבט, געמיינט אַז דאָס זיינען סטאַטועטקעס, ניט קיין לעבעדיקע באַשעפענישן. אָך, קליינשטעטלדיקע ליטווישע בחורים, וואָס מיר זיינען געווען... מיטאַמאָל האָבן ביידע פיגורן אָנגעהויבן באַוועגן מיט זייערע הענט, און בולט אונז איינגעלאַדן אין הויז אַריין. דאַן האָבן מיר באַגריפן, אַז דאָס זיינען טאַקע לעבעדיקע מיידלעך. פאַרשעמטע, האָבן מיר זיך שנעל פאַרנומען אין האָטעל אַריין. די קעז־מתּנה האָט דער מאַמען צו־פרידנגעשטעלט. די מעשה מיט די מיידלעך האָבן מיר אויסגעלאָזן...

די מאַמע פון איר זייט האָט אונז איבערגעגעבן, אַז דער מאַן פון דער שיף־קאַנטאָר איז געווען און געלאָזט וויסן, אַז מיר זאָלן אויף מאָרגן זיין גרייט צו פאַרלאָזן אַנטווערפּן. מיר וועלן פאָרן קיין ליווערפּול, ענגלאַנד, וואו מיר וועלן דאַרפן וואַרטן אויף אַ שיף, וואָס וועט אונז פירן אין קאַנאַדע.

צו פאָרן דירעקט פון אַנטווערפּן קיין קאַנאַדע וועט פאַר אַ לענגערער צייט קיין מעגלעכקייטן ניט זיין. אַלע שיפן זיינען פאַרנומען מיט אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, וואָס פאָרן אַהיים פון אייראָפּע.

לעצטע סטאַנציע — ליווערפּול, ענגלאַנד

אין ליווערפּול האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע סדרה — בערלין־אַנטווערפּן. ס׳וועט אויסקומען וואַרטן עטלעכע טעג, העכסטנס אַ וואָך. נאָך בערלין, בריסעל און אַנטווערפּן האָט ליווערפּול געמאַכט אַ שווערן, ווייט פון אַ דערהויבענעם איינדרוק. אָנגעקומען אין ליווערפּול זיינען מיר באַטאָג, געטראָפן האָבן מיר אָבער אַ שטאָט איינגעוויקלט אין חושך — קיין סימן פון זונען־שיין, כאָטש אַ פּיצל פון אַ בלויען הימל. אַנשטאָט הימל, האָט די גאַנצע שטאָט באַדעקט אַ חושכ׳דיקער אויסגעשפּרייטער נעפּל, אַ מאָדנער ריזיקער דאַך פון אַ רויכיקער מאַסע. די קוים־אַרויסגעזעענע מויערן און שטיינערנע געביידעס, באַדעקטע מיט אַ גרוי־שוואַרצן אַש, אַנגעקליבן אין משך פון הונדערטער יאָרן, האָט זיך אַריינגעזאַפּט אין די שטיינערנע מויערן.

דער „קונאַרד לאַין האָטעל", וואו מיר זיינען איינגעשטאַנען, סיי דער אַריינגאַנג און אויך צימערן, האָט אויסגעקוקט ווי אַ פאַרבלייבעכץ פון „באַנדראַק׳ס יאָרן", ווי מ׳פלעגט זאָגן בײַ אונז אין ווילקאָמיר. האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער אַלטער בית הקדש אין פאַרגלייך מיט דעם האָטעל אין בערלין און דעם „מאַקס האָטעל" אין אַנטווערפּן. דער האָטעל האָט זיך געפונען אין דעם האַפן־געגנט פון ליווערפּול, אַ גרויסער אַרבעטער־קוואַרטאַל פון שטאָט. די האָטעל־געביידע האָט האַרמאָניזירט מיט דער גאַנצער אַרומיקייט. בײַ מיר האָט עס אויסגעזען, ווי אָן ענגלישע, שטיינערנע, פינצטערע קאָפּיע פון ווילקאָמירער „באָד־גאַס". דאָס ווערטל, אַז „אין דער בריטישער אימפּעריע פאַרגייט קיינמאָל ניט די זון", איז ניט חל געווען אויף דער געגנט אין דער שטאָט ליווערפּול. דאָ זיינען ניט בנמצא אַזעלכע נאַטור דערשיינונגען, ווי זונען־שיין, בלויע הימלען, פרישע לופט. ליווערפּול האָט אָט־די נאַטור־דערשיינונגען פאַרביטן אויף אַ שטענדיקן געדיכטן פינצטערן צודעק, אַז קיין בייז אויג זאָל איר חלילה־וחס ניט שאַטן; מ׳זאָל איר קיין עין־הרע ניט געבן. בכדי צו באַוואָרענען קעגן אַזאַ „בייז אויג" דעם אינדוסטריעלן טייל פון שטאָט, שפּייען אָן אויפהער די ריזיקע קוימענס פון די פאַבריקן געדיכטע וואָלקנס פון חושך, האַלטן אין איין קאָרמען דעם שווער־הענגענדיקן דאַך אונטער דעם הימל מיט פינצטערניש, אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט.

אין האַרבסט טרעפן זיך צוזאַמען דער אָנגעשוואָלענער הענגענדיקער צודעק איבער די הימלען מיט די טומאַנען, וואָס באַדעקן די שטאָט מיט אַ דריקנדיקער לופט־משא. מיר זיינען געבענטשט געוואָרן צו פאַרזוכן דעם

טעם פון די גערדיכטע טומאנען. פאַר אויסלענדער, ניט צוגעוואוינטע צו דעם ליווערפולער קלימאַט און די טומאנען, איז כמעט אוממעגלעך זיך צו באַוועגן און מעסטן די גאַסן. עס איז שווער זיך צו אָריענטירן, מען בלאָנדזשעט. עס נעמט צייט, פאַר ערשט־אָנגעקומענע, זיך צו אַקלימאַטיזירן. ליווערפולער תושבים טרייסטן אייך, אַז ניט אַלע יאָרן זיינען די טומאַנען אַזעלכע געדיכטע. זייער טרייסטן האָט אונז אָבער ניט ארויסגעהאָלפן און ניט מעגלעך געמאַכט צו כאַפּן אַ גוטן בליק אויף דער שטאָט.

ליווערפולער דאָקטאָר שאַצט־אָפּ די לאַגע

אין ליווערפול האָב איך זיך פאַרקילט, געליטן פון אַ שטאַרקן הוסט און אַ ווייטיק אין די יאַסלעס. דער האָטעל־פאַרוואַלטער האָט געראַטן איך זאָל זען אַ דערבייאיקן דאָקטאָר. האָט זיך גראַד געמאַכט, אַז דער דאָקטאָר איז געווען אַ איד, — אָבער אַן ענגלישער איד. זיין אידיש האָט פאַר מיר געקלונגען מאָדנע. ס׳איז געווען אַ געמיש פון אידיש און ענגליש, וואָס כ׳האָב געהערט צום ערשטן מאָל. געווען אָבער פאַרשטענדלעך גענוג, מיר זאָלן זיך קאָנען צוזאַמענריידן. נאָך אַ לאַנגער אונטערזוכונג האָט דער דאָקטאָר דערקלערט, אַז איך לייד פון אַ שטאַרקער פאַרקילונג, אַ רעזולטאַט פון דעם שאַרפן בייט אין קלימאַט. דער ווייטיק אין די יאַסלעס איז אַ טייל פון דער פאַרקילונג. פאַר דעם וויזיט און פאַר דער רפואה, וואָס ער אַליין האָט צוגעגרייט, האָט דער דאָקטאָר גערעכנט בלויז אַ פּאָר שילינג. באַמערקט מיין איבערראַשונג, האָט ער מיר דערקלערט, אַז די קליינע סומע איז זיין דורכשניטלעכער פּרייז, וואָס ער רעכנט די פּאַציענטן פון דער דאָזיקער אָרעמער געגנט. דאָקטוירים קומט אויס שווער צו ציען לייטישע פּרנסה. ווען ער זאָל אַליין ניט צוגרייטן די מעדיצין, וואָלט זיין מצב געווען נאָך ערגער. די מערהייט ארבעטער פאַרדינען „פּענים", און מ׳קאָן זיי ניט רעכענען מער פאַר באַדינונג.

די פּשוט׳ע מענטשלעכע האַלטונג פון דעם אידישן דאָקטאָר האָט גערפירט צו אַ לענגערן שמועס צווישן אונז. ער האָט מיר אויסגעפרעגט פונוואַנען מיר קומען, וועגן דער לאַגע אין ליטע; געוואָלט וויסן מיינע איינדרוקן וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און דער סאָוועטן־מאַכט. ער האָט געבעטן איך זאָל אים איבערגעבן מיינע איינדרוקן פון דייטשלאַנד, בעלגיע און פון זיין אייגענער ליווערפול. אויף מיין באַמערקונג, אַז דייטשלאַנד באַצאָלט אַ שווערן פּרייז פאַר פאַרלירן די מלחמה, האָט דער פריינטלעכער דאָקטאָר צוגעגעבן, אַז ענגלאַנד צאָלט אַ שווערן פּרייז פאַר געווינען די מלחמה, לויט דעם ווי אויך איך קאָן זען אין דער ארומיקער געגנט.

דערביי האָט דער דאָקטאָר אָנגעוויזן אויף די אויבערפלעכלעכע איינדרוקן, וואָס אויסלענדער האָבן וועגן ענגלאַנד, ווייל זיי זיינען ניט באַקענט מיט די לעבנס־באַדינגונגען פון די ארבעטער אין ענגלאַנד פון פאַר דער

מלחמה. ער ווייזט אָן, אַז די ענגלישע אַרבעטער־מאַסן, אַחוץ אַ קליינעם שיכט אין אַ קליינעם סעקטאָר פון דער אינדוסטריע, האָבן שטענדיק געלעבט אין שווערע באַדינגונגען, קוים פאַרדינט צו דערהאַלטן די נשמות אין דחקות. ס'איז אַ לאַנד פון גרויסע אינדוסטריאַליסטן, וואָס לעבן אין וואוילטאָג. די אַרבעטער און די האַרעפּאַשנע מאַסן לעבן אין נויט און אין אָרעמקייט. די שטימונג צווישן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן איז איינע פון סימפּאַטיע מיט רוסלאַנד און מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ער אַליין, האַלט אויך אַזוי. דער איינציקער אויסוועג פון דער שווערער לאַגע אין ענגלאַנד, איז ברענגען אויך דאָ אַ ראַדיקאַלן בייט, צו אַן אַרבעטער־רעגירונג.

אויף מיין פראַגע, ווי עס לעבט זיך די אידן אין ליווערפּול, האָט דער דאָקטאָר מיר געענטפערט, אַז אין ליווערפּול איז ניטאָ קיין גרויסע צאָל אידן. דער קליינער אידישער ישוב פאַרנעמט זיך מיט קרעמעריי, מערסטנטייל אין דער אַרבעטער־געגנט, און „מ'מאַכט אַ שטיקל לעבן".

געזעגנענדיק זיך מיט דעם דאָקטאָר, האָב איך אים געוואונטשן, אַז זיינע האָפענונגען וועגן אַן אַרבעטער־רעגירונג אין ענגלאַנד זאָלן מקוים ווערן.

דער דאָקטאָר האָט אין זיין אָפּשאַצונג אויף קיין האָר נישט איבער־טריבן וועגן דער לאַגע פון די אָרעמע און אַרבעטער־מאַסן אין ליווערפּול, וועגן זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען, פאַרדינסטן און שווערן לעבן בכלל. די געגנט אַרום אונזער האָטעל האָט עס אָפּגעשפּיגלט. די הייזער און די קליידונג פון די אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס זיינען אַלע אָן אויסנאַם געווען ווי פון איין מוסטער געשניטן. די הויזן, די רעקלעך, די שאַליקעס פאַרוואָרפן אַרום האַלז, די אַלטע צעקנייטשטע קעפּקעס אויף זייערע קעפּ — אַלע די אַך־און־וויי בגדים האָבן אויסגעזען, ווי מען בייט זיי ניט איבער, מען שלאָפט אין זיי, ביז זיי ווערן פולשטענדיקע שמאַטעס. אַזוי אויך די פרויען־קליידער. די קינדער — אַן ענגלישע קאָפּיע פון די קינדער אויף דער אָפּ־געריסענער, פאַראָרעמטער ווילקאָמירער „באָד־גאַס". די „פּאַבס" — די שענקען זיינען די אָוונטן געפּאַקט מיט אויסגעמאַטערטע אַרבעטער. יונגע קינדער מיט קענדלעך אין די הענט טראָגן פון די „פּאַבס" דעם ביר פאַר זייערע עלטערן. דער ביר האָט, ווייזט אויס, געהאָלפן אָנפילן דעם הונגעריקן מאָגן, און געמילדערט די זאָרג אין די קעפּ וועגן מאָרגנדיקן טאָג. ביר איז געווען דער ביליקסטער פּראָדוקט, אַ פּאָר פּענים. געטרונקען דעם ביליקן געטראַנק האָבן אַלע: מענער, פרויען און דערוואַקסענע קינדער. די באַנאַכטיק סצענעס אויף די זייטיקע גאַסן אין דער געגנט אַרום דעם האָטעל איז ממש ניט צו באַשרייבן. אין פאַרגלייך מיט די געגנטן פון אַרבעטער און אָרעמע לייט, וואָס איך האָבן געזען אין בערלין, אין די האַפנס פון קעניגס־בערג און אַנטווערפּן, האָט די געגנט אַרום דעם ליווערפּולער האַפן אַרויס־גערופן אַ שוידער.

מיר פֿאַרלאָזן ליווערפּול

די אויסגעצויגענע רייזע אונזערע, פֿון ווילקאָמיר ביז ליווערפּול, האָט צעטרענצלט אונזער בינטל דאָלאַרן. פֿאַרלאָזנדיק אַנטווערפּן, האָבן מיר טעלעגראַפיש געלאָזט וויסן אונזער משפּחה אין מאָנטרעאַל וועגן אונזער פֿינאַנציעלער לאַגע. נאָך אַ פּאָר טעג זיין אין ליווערפּול האָט מען אונז געלאָזט וויסן, אַז דער פֿאַרוואַלטער פֿון „בענק אָוו ענגלאַנד" אין ליווערפּול וויל אונז זען. זייער העפֿלעך, האָט דער באַנק־פֿאַרוואַלטער אָנגעהויבן רעדן צו אונז אין ענגליש, נאָר ווען די מאַמע האָט געענטפֿערט אויף זיין באַגריסונג אין דייטש, האָט ער אָנגעהויבן רעדן אויף דייטש. דער ענגלישער אַריסטאָקראַטישער פֿאַרוואַלטער האָט דער מאַמען געזאָגט, אַז ער האָט אַן אָנווייזונג פֿון איר משפּחה אין מאָנטרעאַל צו געבן אונז וויפֿל געלט מיר נויטיקן זיך נאָר. אַביסל פֿאַרלאָרן, האָט די מאַמע געזאָגט, אַז הונדערט דאָלער וועט זיין גענוג ביז אונזער אָפּפֿאָרן קיין קאַנאַדע. דער באַנק־פֿאַרוואַלטער איז געבליבן זיצן אַביסל איבערראַשט. די אָנווייזונג, וואָס ער האָט דערהאַלטן איז אויף אַ סך, אַ סך מער, טויזנט דאָלער, האָט ער באַמערקט. נאָך אַ באַראַטונג צווישן זיך זיינען מיר איינגעגאַנגען צו נעמען צוויי הונדערט דאָלער. אַן אַנטוישטער (וויל פֿאַרלאָרן „ביזנעס") האָט דער באַנק־פֿאַרוואַלטער אונז געגעבן די סומע אויף וועלכער מיר האָבן זיך געאייניקט — צוויי הונדערט דאָלער. דער אַריסטאָקראַטישער באַנקיר, האָט ווייזט אויס ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס ליטוואַקעס קאָנען טאָן אין אַזאַ פֿאַל, וואָס פֿאַראַ השגה זיי האָבן וועגן געלט.

מיר, ווילקאָמירער ליטוואַקעס, וואָס האָבן קיינמאָל אין אונזער לעבן ניט איבערגעטראָטן די שוועל פֿון אַזאַ מין באַנק, זיינען אַרויס פֿון דאָרט געפּלעפּטע. דער מאַמע'ס משפּחה, קוקט אויס, זיינען גרויסע גבירים, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַזאַ באַנק. זיי הייסן געבן געלט, וויפֿל מען וויל נאָר, און די באַנק גיט.

איך האָב אין יענעם מאָמענט אַ טראַכט־געטאָן: צו וועמען פֿאָרן מיר? ווי אַזוי וועל איך זיך איינלעבן מיט אַזעלכע גרויסע גבירים...?

שאַרפֿע אויפֿמערקזאַמקייט האָבן באַ מיר דאַן אַרויסגערופֿן די טיפֿן מענטשן אין באַנק און אַרום דער באַנק. אינגאַנצן אַן אַנדער וועלט, ווי די אין דעם האַפֿן־געגנט פֿון ליווערפּול. אַלע אָנגעטאָן אין פֿיינע קליידער, טראָגן האַרטע קאַפּעלושן; אין די לעכלעך פֿון די געקעסטלטע זשילעטקעס — גאָלדענע קייטעלעך פֿון זייגערס אין זייערע קעשענעס. אַריסטאָקראַטן מיט פֿאַרריסענע נעז, אָנגעפּרעסענע זאַטע פּנים'ער, אַזוינע געזונטע! דער אונטערשייד צווישן די פֿאַרבייגייענדיקע מענטשן אין דער געגנט פֿון באַנק, און די פֿון דער געגנט אַרום אונזער האָטעל, איז געווען ווי טאָג צו נאַכט.

אויף מאָרגן, נאָך דער „טויזנט און איין נאַכט מעשה" אין דער באַנק, האָב איך באַזוכט דעם ליווערפּולער אַקוואַריום, וואָס דער פּריינטלעכער דאָקטאָר האָט מיר געראָטן צו זען. יענער טאָג איז געווען אַ האַלב־קלאָרער. ס'איז ווערט געווען צו זען דעם אַקוואַריום, וואָס איז דאַן געווען פאַררעכנט ווי דער גרעסטער אַקוואַריום אין דער בריטישער אימפּעריע. דאָרט האָבן זיך געפונען כל המינים פיש פון אַלע טייכן און ים'ען אין דער וועלט, וואָס איך האָב צום ערשטן מאָל אין מיין יונגן לעבן געזען, אויסער אין בילדער. אין ווילקאָמיר האָב איך געזען לעבעדיקע פיש — בלויז העכט, קאַרפּן און אָקונעס. אַ צופרידענער פון דעם באַזוך, אָן אָנגעזאַפּטער מיט פרישן וויסן פון טייך־ און ים־לעבן, האָב איך זיך פאַרנומען אויפן וועג צו אונזער האָטעל איבערצוגעבן דער מאַמען די וואונדער פון דער גרויסער וועלט. ניט צו וויט פון האָטעל האָט פּלוצלונג אַ טומאַן באַדעקט דעם גאַנצן וועג. אין דער חשכות האָב איך דעם האָטעל ניט געקאָנט געפינען. צום גליק האָב איך דערזען אַ פּאָליציי־מאַן. אַלץ וואָס איך האָב געקאָנט טאָן, איז ווייזן אים דעם האָטעל־אַדרעס. ער האָט פאַרשטאַנען, מיך גענומען פאַר דער האַנט און מיך געבראַכט גלייך צום האָטעל. די מאַמע האָט מיך באַגעגנט אַ דער־שראָקענע. זי האָט געמיינט, אַז איך בין אין דעם שטאַרקן טומאַן פאַרפאַלן געוואָרן.

פינף טעג שפּעטער האָבן מיר פאַרלאָזט ליווערפּול אויף דער „קונאַרד לאַין" שיף „קענעדע". איבער צוויי וואָכן האָט גענומען די רייזע. די שטאַר־קע, ריזיק־גרויסע און הויכע ים־כוואַליעס האָבן געטראָגן אונזער שיף „קענעדע" איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן און זי דערוואָרפן צו די ברעגעס פון דעם קאַנאַדער פּאָרט אין האַליפאַקס.

אַזוי האָבן מיר באַטראָטן קאַנאַדער באָדן. פון דער לאַנג־פאַרצויגענער רייזע, פון ווילקאָמיר ביז האַליפאַקס, האָב איך מיטגעבראַכט אָן אַ שיעור נייע איינדרוקן, אַ פולן באַגאַזש פון נייע באַגריפן, וואָס האָבן מיר געדאַרפט צונויף־קומען פאַר אָנהויבן אַ ניי לעבן אין דער גאָלדענער מדינה, ווי מיר האָבן גערופן אַמעריקע. און עס איז געווען אַ סאָציאַלער באַגאַזש, וואָס האָט מיר אַ סך געהאָלפן אָנהויבן זיך איינלעבן אין די דרכים פון קאַנאַ־דער, מיט באַזונדערער אחריות לגבי דער אַרבעטער־באַוועגונג אין מיין ניי היימלאַנד — קאַנאַדע.

ווילקאָמירער נעמען און צונעמענישן

אברהם דער בעל גאוה
באַק דער גאַרבער
באַשע די הערינגניצע
בנימין דער איזוואָשטיק
בענצע דער שערער (פּאַריקמאַכער)
אבע דער קאָטלער
בערקע דער ממזר
איציק די נאַשצע (וואַסער־טרעגער)
אַרטשיק דער גלעזער
אַלטע די קאַנדיטערסקע
ארקע דער קאָסאָקער
גאָלדבערג דער פּראָשעניע־שרייבער
גערשטיין דער אַפּטייקער
דוד די האַלבע מויד
דוד'ל דער שמש
הענעך די שאַקעלע (אַ לאַנגער דראָנג)
וועלוול דער מילכיקער
זונדל דער קאַמאַשן־שטעפּער
זלמן דער קאַנאַריק
חיה די פּלורע (פּלוטעוועט)
חנאָ אומגליק
יאנקל דער קראָליק (אַ סך קינדער)
יאנקעלע די נוכע (איינריידן)
יאנקעלע דער פּיסקאַל (כיטרער)
יאָסל דער שטירניק (פּליטניק)
יאָשקע די באָנדע (גראָב ווי אַ בולקע)
יאָשקע דער שוסטער
יאָשקע דער אינטעליגענט
אישיע דער טאָקער
יקטן דער כעסן (רעבע, חסיד)

ירחמיאל דער שניידער
לאָזער די קרומע קאָפּ
לייזער די בולקע
לייבע די בעסטיע
לייבע דער שינדל־דעקער
לייזער די לאַפּציע
מאָטל דער אינדיק
מאָטל דער איינבינדער
מאָטקע דער גלעקל
מיכאל דער שול־רופער
מענדקע די באָלבע (באָלבען — רעדן אַ סך)
משה דער באָרואָוקער (אַ געגנט)
משה'קע (מיישקע) די גאַנדז
נח דער גלעזער
נחום דער פּופּיק
סיאָמקע דער סאָלדאַט
סענדערקע דער צעבער (גרויסער קאָפּ)
קישלע די משוגענע
קלמן דער סטאָליער
שבתי־לייזער דער וואַסער־טרעגער
שימעלע דער פאַרך
שײלקין דער פעלדשער
שמואל דער צוקערניק
שמואל'קע דער קוימען־קערער
שמואל דער זייגערמאַכער
שמואל'קע די שוועבעלע (ווערט אין כעס)
לינע דער שניידער
שניאור מאַטייעס (אַפּטרעט־רייניקער)

מיין לאַנדסמאַן שאיקע זאַרקין
און מיין היימשטאָט ווילקאָמיר

שאיקע זאַרקין איז מיינער אַ לאַנדסמאַן. מיט פאַרגעניגן האָב איך געהאָלפן צוגרייטן זיין מאַנוסקריפּט „זכרונות פון דער ארבעטער באַוועגונג אין ליטע און קאַנאַדע”, באַנד איינס „אין דער אַלטער היים” פאַר דער רע־דאַקציע פון י. גערשמאַן. און פאַר מיר האָבן זיך געעפנט אַ גאַנצע ריי שפּאָגל נייע ווינקעלעך פון שאיקעס נשמה (אַ באַליבטער אויסדרוק זיינער).

איך האָב באַמערקט זיין טיפע אָבזערוואַציע פון מענטשן און זיין טרעפלעכן אופן צו באַשרייבן זיי אין די סאַמע כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן פון זייערע האַנדלונגען און סיטואַציעס. איך האָב דערפילט, אַז זיין שיל־דערונג איז ניט נאָר פון אַ זייטיקן באַאָבאַכטער, נייערט פון איינעם, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיי געלעבט און איז פון זיין פריסטער יוגנט אונטער זייער ווירקונג באַהויכט געוואָרן מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אויף זיין גאַנצן לעבן.

איך בין געווען שטאַרק גערירט פון זיין וואַרעמער באַשרייבונג פון אונזער היימשטאָט ווילקאָמיר מיט אַלע אירע „גאַסן און געסלעך און זאַ־וואוליקעס”, מיט דעם הייפישן באַרג און פּאָוואָניער וואַלד, דעם פּלאַץ־פּאַראַד און קייסער־סאַד, וואָס איך האָב אויך אויסגעטראָטן אין מיין יוגנט. און דער עיקר די שרעקלעכע אָרעמקייט פון באָד־גאַס און מצרים־גאַס. איך האָב באַוואונדערט זיין גוואַלדיקן זכרון, וואָס איך האָב פון אַלעמאָל גע־וואוסט און וואָס ווייזט זיך נאָך מער אַרויס דורך זיין איבערגעבן אַ ריי נאָענטע און היימישע עפּיזאָדן פון אונזערע קינדערשע און יוגנט־יאָרן.

איך דערמאָן זיך זיינע אַ באַמערקונג צו מיר אין וואַנקואַווער, ווען מיר פלעגן אַמאָל נאָסטאַלגיש שמועסן וועגן ווילקאָמיר און באַטראַכטן די פּיל־צאָליקע בילדער זיינע פון דער אַלטער היים:

— ווייסט, ליבקע, פלעגט ער זאָגן, וואָס עלטער איך ווער, אַלץ נעענ־טער ווערט מיר ווילקאָמיר!”

ער האָט שוין דאַן, מיר שיינט, פאַרטראַכט צו שרייבן זיינע זכרונות און מאַכן זיין ביישטייער אויף דעם געביט פון אידישער מעמואַרן־ליטעראַטור באַזונדערס פון דער אַרבעטער באַוועגונג.

זיין באַשרייבונג האָט מיך געפירט נעענטער צו אונזער היימשטאָט ווילקאָמיר, אין די יאָרן שוין נאָך שאיקעס אַוועקפאָרן, ווען איך בין אָנגע־קומען אַהיים צוריק פון ווייטן רוסלאַנד, וואו מיר זיינען געווען פאַרוואָרפן ווי „בעזשענצעס” אין דער שטאָט פּענזאַ, און דאָרט מיט אַ גרופּע חברים פון ליטע און אַנדערע דורכגעמאַכט דעם שטורעם־און דראַנג־פּעריאָד פון אונזער אייגענער יוגנט און דעם פייער־פּלאַם פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע.

שאַיקע זאַרקין ווי איך קען אים

איך וויל איצט איבערגעבן מײַנע אייגענע זכרונות וועגן שאַיקען אויף וויפֿל איך געדענק אים אין דעם ערשטן צענדליק יאָר פֿון מײַן קינדהייט און ווי ער האָט שפּעטער באַווירקט מײַן אַרבעט אין קאַנאַדע.

איך געדענק זייער גוט שאַיקעס יחוס׳דיקע משפּחה פֿון קופּערשמידן, דעם זיידן אַבאַ דעם קאַטלער, זײַן פֿאָטער נחום זרחי, זײַנע פֿעטערס, אָנגעזעענע בעלי־מלאכות, קינסטלער אין זייער פֿאַך, וואָס האָבן געצויגן זייער יחוס פֿון עלטער־זיידן און נאָך פֿריערדיקע דורות. איך פֿלעג אָפֿט פֿאַרבײַגיין זייער וואַרשטאַט פּונקט אַנטקעגן דעם הויז פֿון מײַן רײַכער מומע מינע מיט איר מאַן בענצע שטערן. אַ לאַנגע צײַט פֿלעג איך זיך אָפּשטעלן און מיט קינדערשער נײַגעריקייט, זומער אין דרויסן און ווינטער אין דער שמידעריי, קוקן אויף דער אַרבעט פֿון זײַן זיידן און טאַטן. איך פֿלעג הערן ווי שאַיקע, שוין דאַן אַ שיינער באַריידעוודיקער אינגל האָט מיר מיט שטאָלץ דערקלערט וויאַזוי די אַרבעט ווערט געמאַכט, וויאַזוי די קופּערנע טעפּ און פֿאַנען, די וואַסער־פֿעסלעך און אַלערליי אָרנאַמענטן ווערן ווי לעבעדיקע אָפּגעטאָקט פֿון זייערע הענט. (אפשר ליגט אין דעם אויך דער מקור פֿון שאַיקעס האָלץ־שניצערײַ — זײַן קינסטלערישער צײַט־פּאַרטרייב ביז הײַנטיקן טאָג — נאָך אַ ווינקעלע פֿון זײַן נשמה). פּסח צײַט, געדענק איך, איז די גאַנצע שטאָט געקומען צו זיי „ווײַסן״ די כּלים אויף יום־טוב.

מיר האָבן צוזאַמען געלערנט אין בית־הספר, וואָס ער באַשרײַבט אַזוי לעבעדיק. ער איז אַלעמאָל געווען צווישן די אָנפֿירנדיקע אינגלעך, וואָס האָבן אַרויפֿגעקוקט אויף אים און אויסגעפֿאָלגט זײַנע באַפֿעלן אין די שפּילן און שמר־שטיק.

ער איז געווען אַן אָפֿטער אַרײַנגייער בײַ אונדז אין הויז און מיר, די אינגערע ברידער, האָבן זיך געגרויסט מיט דעם, וואָס שאַיקע איז מײַן עלטערן ברודערס, כּאַצקעס אַ אינגל פֿרײַנט (כּאַצקע איז אומגעקומען דורך די נאַציס צוזאַמען מיט זײַן 5־יאָריקן זונעלע, אַרעלע, און איז דער פֿאָטער פֿון דער אידישער פּאָעטעסע רבקה באַסמאַן אין ישראל). מיט שאַיקע האָבן מיר אַלעמאָל געפֿילט, אַז מיר זײַנען שוין מער ניט קיין קינדער, אַליין אויך געוואָרן ערנסטער און פֿאַרטראַכטער.

אין 1928 בין איך אָנגעקומען פֿון ליטע אין קאַנאַדע, אײַנגעלאַדן פֿון דעם לערער משה בלאָשטיין ע״ה, צו זײַן אַ לערער אין דער ווינניפּעגער דאַן אַרבעטער־רינג־שול. נאָך אַ לאַנגער רייזע אויף דער שיף און אויף דער באַן פֿון האַליפֿאַקס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין דער ערשטער שטאָט אין קאַנאַדע, אין מאָנטרעאַל אויף אַ טאָג צײַט בײַ שאַיקע און שׂרה׳קע זאַרקין, די אײנציקע מענטשן אין דער נײַער וועלט, וואָס איך האָב געקענט פֿון דער היים.

אין מײַן זכרון זײַנען אײַנגעקריצט די אייראָפּייאישע גאַסן פֿון מאָנטרעאָל, די טרעפּ אין דרויסן און דאָס הויז, וואו די זאַרקינס האָבן געוואוינט

(אויב איך מאַך ניט קיין טעות איז דאָס געווען אויף סעינט פּעמיל גאַס) אויך די פיינע אויסשאַטונג, פון א הויז מיט א קאַנאַדער טעם.

שאַיקע, וועמען איך האָב גוט געדענקט פון מיינע קינדער־יאָרן, האָט איצט געהאַט אין מיינע אויגן נאָך א פולערן רינג פון וויכטיקייט אַרום אים. ער האָט מיט גרויס ווירדע גערעדט וועגן זיין אַרבעט אין שניידער־שאַפּ און אין דער אַמאַלגאַמעיטעד יוניאָן, וואָס איז געווען פאַר מיר היבשלעך ניי. מיט זיין פּייאַיקייט צו דערקלערן און אויפקלערן האָט ער פאַר מיר דער ערשטער געעפנט א נייע וועלט פון די אַרבעטער־קאַמפן אין קאַנאַדע, דעם אָנהויב פון די ערשטע שפּראָצן פון קאַמף אין דער פראַנצויזישער קאַנאַדע, און דעם ברודער־קאַמף צווישן רעכטס און לינקס אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט דער ערשטער מיר געוויזן דעם „קאַמף" און די „פרייהייט", וואָס איך האָב פון יענעם טאָג אָן שטענדיק געליינט. ער האָט גאָרניט געוואוסט, שאַיקע, אַז אין מיינע ערשטע צוויי יאָר אין וויניפּעג, וואו איך בין אריינגעפאַלן אין דעם סאַמע־קאָך פון קאַמף אַרום בלאַשטיינען אין דער שול, איז ער אויך געווען מיין וועגווייזער פון וויטן. אָפטמאָל פלעג איך זיך שטעלן די פראַגע, וואָס וואָלט איצט שאַיקע געזאָגט.

ער האָט באַשטימט געהאַט אַן אומדירעקטע ווירקונג אויף מיר. נאָך מער, ווען איך בין אויפן וועג פון וויניפּעג נאָך מיינע ערשטע צוויי יאָר געפאָרן אין ווינדזאָר און ווידער אויף א פּאָר טעג זיך אָפּגעשטעלט אין מאָנטרעאָל. ער האָט מיך אריינגעפירט אין 62 רייטשל, וואָס איז שפּעטער אויך געוואָרן די היים פון מיין אַרבעט אין מאָנטרעאָל. איך האָב שוין דאַן גוט געקענט די חברים שיע גערשמאַן און פיליפּ האַלפּערין אים צו לאַנגע יאָר. איך געדענק זייער גוט יענעם אָוונט, ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט סעם קאַר, מיט דזשוליאַן, מיט נאָרמאַן פריד, דזשעני און אַנדערע חברים פון דער יאָנג־קאָמוניסט־ליג, מיט וועלכע שאַיקע איז געווען אַזוי נאָענט און היימיש.

שאַרף זיינען געבליבן ביי מיר די איינדרוקן פון שאַיקעס געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער טעטיקייט אין די דרייסיקער יאָרן אין מאָנטרעאָל, וואו איך האָב געאַרבעט אין דער מאָרים ווינטשעווסקי שול. איך בין שוין אויך אַליין געווען טעטיק אַחוץ דער שול און קעמפּ, אויך אין קולטור צענטער, אין קאַנאַדער אַרבעטער רינג, אין וואַלן און דעמאָנסטראַציעס און אַנדערע אַקטיוויטעטן. איך האָב אים געהערט אַרויסטרעטן ווי א קרעפטיקער אָראַטאָר אויף גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען און בין געווען שטאָלץ מיט מיין לאַנדסמאַן און זיין אָנפירנדיקער ראָלע אין דער יוניאָן, און פּאָליטישע קאַמפּן אין מאָנטרעאָל. באַ דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ער אינטערנירט געוואָרן צוזאַמען מיט א ריי פירנדיקע חברים פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

לעצטנס, אין וואַנקואווער, וואו ער איז, אין א שווערן פיזישן צושטאַנד, נאָך אַלץ אין דער אָנפירונג פון דער אַלגעמיינער פּראָגרעסיווער באַוועגונג און אין דער אַרבעט אויף דער אידישער גאַס ביזן היינטיקן טאָג.

שרה'קע, שאַיקעס פרוי און חבר'טע אין לעבן, צו וועמען ער ווידמעט אויך זיין בוך, קען איך אַ סך מער נאָך פון דער אַלטער היים. אין די גימנאַזיע־יאָרן אין ליטע איז זי געווען איינע פון די שענסטע און פּאָפּולערע מיידלעך אין שטאָט. אַ טייל פון דער גאַנצער גרופּע אינטעליגענטער אידישער יוגנט אין ווילקאָמיר, די אינגסטע פון דער חשוב'ער ריקלאַנסקי משפּחה. מיר זיינען געווען נאָענט באַפריינדעט מיט איר אין מאָנטרעאָל און באַזונדערס אין וואַנקואַווער, וואו זי איז געווען איינע פון אונזערע בעסטע לערערינס דער־עיקר אין קינדערגאָרטן. ווי אַ געשולטע לערערין האָט זי דאָרט געמאַכט איר ווערטפולן ביטראָג צו דער פּרץ־שול פון דער גרינדונג אָן מיט בען טשאַד און שפּעטער אויך מיט מיר, ביז איר צוריקציען זיך פון דער שול־אַרבעט.

אין ליטע האָבן מיר אַלע געוואוסט, אַז נאָך איר ענדיקן די גימנאַזיע אין קאָוונע און נאָך איר שטודירן אין סאָרבאָנער אוניווערסיטעט אין פּאַריז, וועט זי זיכער פאָרן צו איר געליבטן פון דער יוגנט, שאַיקע זאַרקין אין קאַנאַדע, און פאַרלאָזן די קליינע, דאַן אויסוועגלאָזע ליטע.

ווילקאָמיר נאָך שאַיקעס אַוועקפאָרן

און דאָס פירט מיך איצט צו ווילקאָמיר נאָך שאַיקעס אַוועקפאָרן. אַ פּעריאָד וואָס וואָרט אויף דעם היסטאָריקער פון אונזער דור, וואָס זאָל גרינטלעך באַשרייבן די לעצטע 25 יאָר פון דער דורות־לאַנגער תקופה פון אידישן לעבן אין די שטעט און שטעטלעך פון ליטע, — אַ פּעריאָד וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַן אומגעהויערן שנעלן קולטורעלן אויפבלי צווישן די צוויי וועלט־מלחמות ביזן סאַמע אונטערגאַנג און חורבן פון אידישן ווילקאָמיר צוזאַמען מיטן כמעט גאַנצן אידישן לעבן אין ליטע. נאָך דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע פון היטלערישן פעלקער־מאָרד אין דער היינטצייטיקער טראַגישער געשיכטע פון אונזער פאָלק, איז איצט „ניט געבליבן שוין אין ווילקאָמיר קיין איין איד אויף אַ רפואה".

געדאַרפט וואָלט מען אויך זאָגן אַ וואָרט וועגן ווילקאָמיר פאַר שאַיקען. אַ שטאָט, וואָס איז געווען באַוואוסט ניט אַזוי מיט אירע רבנים און גדולי הדור, ווי מיט איר געזונטן קערן פון אידישע בעלי מלאכות; אַ שטאָט פון מתנגדים, ווי שאַיקע באַמערקט ריכטיק, אָבער אויך מיט אַ קליינער עדה ליבאַוויטשער חסידים, מיט אונזער משפחה בתוכם. אַ שטאָט מיט אַ קליינער צאָל רייכע יחוס'דיקע אידן, אָבער דערפאַר אַ גרויסע אָרעמע באַפעלקערונג מיט אַן איינגעשטעלטן סדר פון לעבן — "פאַר דער גרויסער שרפה" און נאָך איר.

מיר וועלן שוין ווייזט אויס ניט האָבן דעם שרייבער, וואָס זאָל קענען פאַר דעם צוקונפטיקן היסטאָריקער באַשרייבן מיט אַזוי פיל פּינקטלעכקייט דאָס אַמאָליקע ווילקאָמיר פון 19־טן יאָרהונדערט און נאָך פריער, ווי שאַיקע זאַרקין טוט עס מיט זיין לעבעדיקער שילדערונג פון די ערשטע צוואַנציק יאָר

פון היינטיקן גורל'פולן יאָרהונדערט. אין שילדערן די ערשטע צוואַנציק יאָר פון זיין אייגענעם לעבן ליגט ער דעם הויפּט טראָפּ אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אפשר וועט מען זיך קענען שאַפן אַ בילד פון אַמאָליקן ווילקאָמיר און עם געפינען אין די שורות פון משה לייב ליליענבלום, דעם העברייאישן שרייבער און משכיל, וואָס האָט אַ געוויסע צייט געלעבט אין ווילקאָמיר און וועמעס שטאָלצער תלמיד עס איז געווען מיין זיידע מרדכי (מאָטל) קאַפּלאַן, אונזער „דעדע", וואָס שאיקע שענקט אים עטלעכע פיינע און וואַרעמע שורות.

איינער פון די סאַמע באַדייטנדיקע פאַקטאָרן אינעם לעבן פון ווילקאָמיר און יענעם פּעריאָד איז אָן צוויפל געווען די ווילקאָמירער אידישע רעאַל־גימנאַזיע. „דרייצן און איינע", איז געווען דאָס ווערטל אין גאַנץ ליטע. איינע צווישן די דרייצן העברייאישע גימנאַזיעס אין לאַנד, וואו די אונטעררעכט־שפּראַך פון אַלע לימודים איז געווען אויף אידיש אַנשטאָט העברייאיש.

דאָס האָט, לויט מיין מיינונג, געקאָנט פּאַסירן צוליב דעם גוט־צע־אָקערטן באָדן פון דער פריערדיקער אַרבעט אין דער אידישער שול פון קולטור ליגע, וואו שאיקע איז געווען סעקרעטאַר. דאָס איז אַרויסגעוואַקסן פון די קערנדלעך, וואָס זיינען פאַרזייט געוואָרן אין דעם „קרוזשאַק" פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם ברייטערן קרייז פון דער אינטעליגענטער יוגנט אין דעם דראַמאַטישן פאַראיין, ווי שאיקע באַשרייבט עס אַזוי לעבע־דיק אין זיין בוך.

איך בין געווען אין דעם ערשטן אַרויסלאָז פון דער זיבן־קלאַסיקער גימנאַזיע. אונזער לערער פון אידישער און רוסישער ליטעראַטור איז געווען דער דאַן נאָך יונגער יודל מאַרק, איצט אָנגעזעענער אידיש־פאָרשער און רע־דאַקטאָר פון דעם גרויסן אידישן ווערטערבוך אין ירושלים. דער דירעקטאָר איז געווען דער פיינער מאַטעמאַטיקער י. לאַמפּערט, שפּעטער אַ פּראָפעסאָר אין ליטווישן אוניווערסיטעט אין ווילנע וואו איך האָב אים געטראָפן אין 1964 פאַר זיין טויט. עס זיינען אויך געווען אַנדערע אָנגעזעענע לערער פון העברייאיש, געשיכטע, שפּראַכן און אַנדערע לימודים.

אין און אַרום דער שול האָבן זיך גרופּירט די סאַמע פאָרגעשריטענע טיילן פון דער אידישער באַפעלקערונג, און איך בין זיכער אַז צווישן די סטודענטן און אייניקע לערער איז געווען דאַן אַ גאַנץ אַקטיווער אונטער־ערדישער קרייז פון דער פאַרבאָטענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ליטע. מיר האָבן אָנגעפירט אַ סך עקסטראַ קוריקולערע אַרבעט: לעקציעס, דראַמאַ־טישע שפּילן, ספּאָרט און פאַרוויילונגען.

די אידישע גימנאַזיע, ווי די אַנדערע העברייאישע און בכלל די גאַנצע נעץ פון אידישע פאָלקס־שולן, איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער רעגירונג ווי אַ טייל פון דער ברייטערער אַרבעט פון אידישן מיניסטעריום אין דער יונגער

ליטווישער רעפּובליק, וואָס איר ליבעראַלער אָנהויב איז מיט דער צייט גע־וואָרן אַלץ מער און מער רעאַקציאָנער ביז דער האַלב־פאַשיסטישער סמע־טאָנא הערשאַפט.

באַ אונז, ווי אומעטום אין ליטע, איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער קאַמף צווישן דער העברייאישער גימנאַזיע מיט איר באַשטימטן ציוניסטישן איינ־פלוס פון דער תרבות־באַוועגונג מיט דער אידישער גימנאַזיע אונטער דער ווירקונג פון דער פאָלקיסטישער „בילדונג־געזעלשאַפט" און דער מער לינ־קערער „קולטור־ליגע". אין אָט דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער צע־טיילונג איז אונזער אידישע שול געווען די מער פּאָפּולערע און איינפלוס־רייכע אין שטאָט.

עס דערמאָנט זיך מיר דער גרויסער דערפאָלג פון בערקאָוויטש'עס שפּיל „מאָשקע חזיר" אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען אַ צאָל פון אונזערע סטודענטן און האָט איבערגעלאָזט אַ דויערנדיקן איינדרוק אין שטאָט. כמעט די גאַנצע שטאָט האָט געזונגען די מעלאָדיעס פון דער שפּיל „בום און דריידל" וואָס די שול האָט דורכגעפירט.

איך קאָן ניט דורכלאָזן די שרעקלעכע טראַגעדיע, ווען פיר פון אונזערע סטודענטן זיינען דערטרונקען געוואָרן אין טייך נאָכן פאַרענדיקן די עקזאַ־מענס פון זעקסטן קלאַס. די גאַנצע שטאָט איז דעמאָלט איינגעהילט געוואָרן אין טיפן טרויער. צווישן די דערטרונקענע איז געווען דער באמת געניאַלער יונגער פּאָעט כאַצקל פּראַקער, וואָס האָט צו זיינע 15 יאָר געשריבן „שענערע לידער" ווי לערמאַנטאָוו (אַזוי האָבן מיר אַלע געטראַכט). מיר פּלעגן שטענ־דיק מאַרשירן מיט זיין ליד:

„מיר טראָגן אַ העלקייט אַריין אין דער נאַכט,
פאַר אונז איז דאָס לעבן געגעבן.
און ווער זיכער איז,
זיגן וועט געוויס!
שיינט אונז היינט דער דאָרנדיקער וועג ארויס.
רייען איינגעשלאָסענע,
מוטיקע אנטשלאָסענע,
גייען מיר רק פאָראויס און פאָראויס!"

אָדער זינגען זיין רירנדיק ליד, מיט אַ באַקאַנטער שובערט־מעלאָדיע:

„די בעט איז גרייט און איך בין אַ פאַרמאַטערטער,
כאָטש געוואַנדערט האָב איך ווייניק און בין מיד ניט פון דעם גיין.
בויגן זיך די פיס ביי מיר און איך בין אַ פאַרמאַטערטער
און איך ווייס ניט, ווייטער גיין, צי בלייבן שטיין..."

זאָל דאָס זיין לזכרון זיין ליכטיקן אייביקן אָנדענק.

אונזער אַרויסלאָז אין יאָר 1924 איז געווען אַן אמת'ע היסטאָרישע פּאַסירונג אין שטאָט ווי אין גאַנץ ליטע. מיין אייגענע אידישע מאַטורע־שיין, וואָס איז געווען לויטן אַ—ב די ערשטע אין דער וועלט פון אַ אידישער שול, וואָס האָט געגעבן די פולע רעכט אַנצוקומען אין יעדן אוניווערסיטעט פון אייראָפּע (איך בין טאַקע דאַן אָנגעקומען אין באַזעלער אוניווערזיטעט) איז היינט־צו־טאָג, אין אַ געווייסן זין, אַפילו אַ היסטאָרישער דאָקומענט.

די יוגנט פון ווילקאָמיר ווי פון גאַנץ ליטע, וואָס האָט זיך געפילט אויסזיכטלאָז און פאַר זיך ניט געזען קיין צוקונפט, האָט זיך געריסן אין דער ווייטער וועלט אַריין. עס איז געשטיגן די עמיגראַציע קיין ישראל. מען איז געפאָרן אין דרום־און אויך צפון־אַמעריקע. שוין נאָך מיין אָפּפאָרן אין קאַנאַדע, דערציילט מיר מיין אינגערער ברודער בינקע (איצט אין ישראל), האָט די יוגנט געזונגען:

„ווילקאָמיר, ווילקאָמיר,
ווי ווערט מען פּטור שוין פון דיר־"

היינט־צו־טאָג, אין אונזערע עלטערע יאָרן, ווען פון אידישן ווילקאָמיר איז שוין קיין זכר ניט געבליבן, ווילט זיך דאָס זעלבע ליד זינגען גאָר אַנדערש—

„ווילקאָמיר, ווילקאָמיר,

ווי קומט מען ווידער היינט צו דיר!"

* * *

איז גוט, וואָס שאיקע זארקין — ישעיהו זרחי — האָט פאַר אונז, ליט־ווישע אידן, און אויך פאַר אַ סך אַנדערע אידן אין קאַנאַדע און איבער דער וועלט אויפגעלעבט אונזער באַליבטע היימשטאָט און אויפגעשטעלט אַ לע־בעדיקע מצבה פאַר איר ליכטיקן און שטראַלנדיקן אָנדענק.

אַ יישר כוח דיר, שאיקע טייערער, זאָלסט נאָר געזונט און שטאַרק זיין צו קענען פאָרזעצן דיין ווערטפולן בייטראָג און אָנשרייבן דיין צווייטן בוך „זכרונות פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין קאַנאַדע".

* * *

נ.ב. — איך וויל צום סוף, צו שאַיקע'ס פאָלקלאָר און צו דער רשימה פון די טשיקאַווע צונעמען פון ווילקאָמירער טיפּן, צוגעבן, וואָס מיין ליבע מאַמע חנה, אַ ליכטיקן אָנדענק איר, פלעגט אָפט זאָגן:

אַז מען זאָל נעמען „הענעך די שאַקאַלע" און אונטערצינדן מיט „שמואליקע די שוועבעלע", אַרויפשטעלן „יאָשקע די פּאַן", אַריינלייגן „די גרייפּעלע" מיט „איציק די נאשטשעס" וואַסער, און צוגעבן „מאָטקע דעם אינדיק" מיט די „הענער פון פּאוואניע" — וועט מען האָבן דעם בעסטן מאָלצייט.

לייבל באַסמאַן